STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06031

YUNG LEBN

Pessie Bach

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעסי באַך

יוּנג לעבן

דערציילונגען

אַרויסגעגעבן דורכן
איקוף לייען-קרייז און יחידים
קליוולאַנד, אָהייאָ.

צייכענונג פון משה האַלפּערין (קליוולאַנד)

Copyright 1949
by
PESSIE BACH
104-28 117th Street
Richmond Hill, N. Y.

Printed in U. S. A.
25

פון זעלבן מחבר:

„פון אַ מיידלס טאָג־בוך", 1941

אַנערקענונג

מיין האַרציקן דאַנק צו דעם איקוף לייען־קרייז פון קליוולאַנד און די יחידים, וועלכע האָבן געהאָלפן, אונטער שווערע באַדינגונגען, אַרויסצו־געבן דעם בוך.

אַ באַזונדערן דאַנק די חברטעס דאָרע באיער, בלענטש סימאָן, העלען ליכטנשטיין און חברטע גאָגעליק, אונטער וועמענס פירערשאַפט די גאַנצע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן.

מיין דאַנק צו די אַלע, וואָס זייער צוטרוי צו מיין שרייבן האָט מעג־לעך געמאַכט, אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשיינען.

פ. ב.

אינהאַלט:

זייט

יונג לעבן — 7

אַ לעבן פון דאָס נײַ — 40

אין אַ זונטיקדיקן טאָג — 69

איבער אַ מאַמען — 78

אַ תכלית — 85

פאַרזאָרגער — 93

אויב נישט נאָך גרעסער — 99

טרעף — 106

צוגאַסט אויף יום־טוב — 112

ערב־קריסטמעס — 118

אַ שפּיל אַזאַ — 127

אַ „בלעק־אַוט" — 138

אין אַ הויף — 145

חלומות — 153

אַרום קראַנקע — 161

שטערן אויף די פענצטער — 180

יונג לעבן

פונקט דאַן, ווען די סקולס האָבן זיך פאַרמאַכט, ווען די טעג זיינען געוואָרן לענגער, די טראָטואַרן אָנגעהיצט פון אַ גאַנצן טאָג זון, און די פּאַרזייטע בלומען אין קעסטלעך, ערגעץ וואו אויף „פייער־עסקייפּס״, האָבן געבליט און געשמעקט אין די הייסע פאַרנאַכטן, ווען יונגע פּאָר־לעך האָבן זיך גענומען אויסבאַהאַלטן אין פינצטערע פּאַרק־אַלייען, — פונקט דאַן, האָט סאַנדראַ גענומען גיין צו קינד.

פאַראַיאָרן, ווען די סקול האָט זיך פאַרמאַכט, האָט סאַנדראַ געהאַט פאַרענדיקט דעם צווייטן יאָר האַי־סקול און זי האָט געדאַרפט אין האַרבסט ווערן זעכצן יאָר. אַז די סקול האָט זיך פאַרמאַכט און זי איז באַפרייט געוואָרן פון „היים־אַרבעט״, פון דאַרפן געדענקען וואָס די לע־רער רעדן, און אויב זי האָט נאָר ניט געדאַרפט העלפן איר מאַמען אין הויז, איר עלטערע שוועסטער דאָרע האָט איר ניט נאָכגעקוקט און דער טאַטע האָט ניט געוואוסט, — האָט זי זיך געשמירט די ליפּן מיטן ליפּן־פאַרב, איז אַרומגעלאָפן איבער שכנישע גאַסן, זיך געסודעט מיט חברטעס און געפלירטעוועט מיט יינגלעך אַרום דער קענדי־סטאָר. און טאַקע, פאַראַיאָרן האָט זי פאַרדרייט בעניין דעם קאָפּ, ווי זיין מאַמע האָט אַלע־מען דערציילט, האָט אים אָפּגערעדט פון גיין אין קאַלעדזש און אים צו־גערעדט, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן.

דעם זומער, אין פונקט אַזאַ הייסן, לאַנגן טאָג, ליגט סאַנדראַ אין אַ שפּיטאָל־בעט, אַ צעשפּרייטע, אַ צעשויבערטע, מיט איר גרויסן בויך פאַרריסן אינדערהויך, דאָס פּנים פאַרשוויצט, די אויגן צעשראָקן, און ס׳דאַכט זיך איר, אַז די גאַנצע וועלט גייט איר אונטער. זי פילט, אַז זי ווערט אַ צעשפּאַרטע, אַז אַ שווערע מאַסע דריקט איר. ס׳איז איר זייער שלעכט, וויינט זי פאַר איר מאַמען:

— מאַמע, וואָס זאָל איך טאָן? ס׳איז מיר אַזוי שלעכט . . . ס׳טוט וויי . . .

איר מאַמע, מרס. שולמאַן, האָט זיך אויסגעקנאַקט די פינגער. אין געדאַנק האָט זי געבעטן ביי גאָט, ער זאָל רחמנות האָבן און בשעת־מעשה געטרייסט סאַנדראַן, אַז באַלד, באַלד, וועט זי שוין געהאָלפן ווערן.

— דו קוק נאָר ניט אַזויפיל אויפן זייגער, וועט דיר זיין גרינגער.

פעסי באך

— האָט זי ניט געקאָנט איבערטראָגן וואָס סאַנדראַ לאָזט דעם זייגערל פון האַנט ניט אַרויס.

סאַנדראַ האָט געהאַלטן אין קרעכצן, האָט זי פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַמען:

— דו ווייסט עס ניט? מ'דאַרף היטן די צייט . . . דער דאָקטאָר האָט געהייסן . . .

מרס. שולמאַן האָט ניט געוואָלט הערן וועגן דעם דאָקטאָר. זי האָט ניט געהאַלטן פון אים. עפּעס אַזאַ יונגעטשקער, אַנשטאָט צו טאָן עפּעס, פייפט ער זיך אונטער, און ווילצלט זיך מיט סאַנדראַן, פונקט דאַן ווען זי פאַרגייט זיך אין ווייען. — האָט זיך אויסגעזוכט אַ דאָקטאָר, די מרס. זימערמאַן, האָט זי געטראַכט וועגן סאַנדראַס שוויגער.

אונטן, אין דעם וואַרט־צימער פון שפּיטאָל, איז געשטאַנען בעני ביים פענצטער און געטראַכט, אַז אים איז ערגער פון אַלעמען. אַפילו ערגער פון סאַנדראַן, אַז אויב סאַנדראַ קרעכצט דאָרט אינדערהויך, קרעכצט זי, ווייל אים, בענין, טוט וויי. ס'איז אים שלעכט, וואָס סאַנד־דראַ קרעכצט דאָרט, און וואָס די אַלע מענטשן דאָ, אין דעם וואַרט־צימער, ווילן אים ניט גלויבן, אַז זיין, בעניס, ווייב גייט עס צו קינד. די מע־נער, וואָס זיצן דאָ אויף די בענק, זיינען אַלע עלטער פון אים, קוקן אויס אַזוי דערוואַקסן. זיי איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל צו קומען אַהער, וואַרטן זייערע ווייבער זאָלן אָפּהאָבן. זיי פילן זיך היימיש דאָ. זיי שמועסן צווישן זיך, ווי אַלטע באַקאַנטע. און אויף אים קוקן זיי זיך אַפילו ניט אום. זיי בעמען אים ניט אַריין אויף זייער באַנק. און ער איז זיכער, אַז זיי לאַכן פון אים און ווינקען זיך איבער:

— אויך מיר אַ מאַן! . . .

אַפילו זיין שוויגער, מרס. שולמאַן, אַז זי קומט אַראָפּ אויף אַ פּאָר מינוט, קוקט זי זיך אויך אויף אים ניט אום. ווי סאַנדראַס גיין צו קינד וואָלט גאָר מיט אים קיין שייכות ניט געהאַט. זי דערציילט גאָר פּאָר אַ פרעמדער פרוי, אַז איר טאָכטער האָט שוין דעם צווייטן טאָג ווייען.

אויף זיין מאַמען האָט בעני אינגאַנצן מורא אַ קוק צו טאָן. ווען זי איז געקומען בייטאָג זען, ווי ס'האַלט, און געדאַרפט גלייך צוריקלויפן אין דער גראָסערי־סטאָר, האָט זי געהאַט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט סאַנדראַן חושד געווען, אַז זי גייט צו קינד פונקט אין מיטן העלן טאָג, כדי איר, מרס. זימערמאַן, אָפּצוטאָן, זי זאָל דאַרפן איבערלאָזן די סטאָר אויפן מאַן און לויפן אַהער אין שפּיטאָל.

בעני האָט געוואוסט, אַז זיין מאַמע האָט סאַנדראַן פיינט. אַז זי קאָן

יונג לעבן

איר נאָך אַלץ ניט מוחל זיין, וואָס צוליב איר איז ער, בעני, ניט גע־גאַנגען אין קאָלעדזש און ניט געקאָנט ווערן אַ דאָקטאָר. ער האָט קיינ־מאָל ניט געוואָלט רעדן מיט איר וועגן סאַנדראַן, כדי זי זאָל ניט בעמען גלייך זאָגן, אַז זי, סאַנדראַ, האָט אים אומגליקלעך געמאַכט, אָבער אַז ער האָט דערזען זיין מאַמען, דאָ אין שפּיטאָל, צווישן אַזויפיל דערוואַק־סענע פרעמדע מענטשן, האָט ער ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן:

— מאַמע, — האָט ער זיך צוגערוקט צו איר זייער נאָענט, — ס'נעמט איר אַזוי לאַנג . . . כ'האָב געזען ווי זי לײַדט . . . ס'איז אַ רחמנות אויף איר . . .

זיין מאַמע האָט מיט איר שטענדיקער פאַרביסנקייט געענטפערט:

— זאָרג זיך ניט פאַר איר. זי איז אַ געזונטע. זי וועט איבער־קומען . . . — אָבער זעענדיק טרערן אין בעניס אויגן, האָט זי אויף שנעל צוגעגעבן: — זאָרג זיך ניט, מיין קינד, אַלע מאַמעס לײַדן. אַזוי דאַרף זיין . . .

בעני האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט זיין מאַמעס טרייסטן, אַז ער איז שיר איר ניט אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און זיך צעוויינט, ווי ער פלעגט טאָן אַמאָל, ווען אים פלעגט זיין שלעכט און זיין מאַמע פלעגט אים פּיעשטשען און רופן „זונעלע". ער האָט אָבער בלויז זיך געטוליעט צו איר, און זיין מאַמע האָט געקוקט אויף זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געטראַכט:

— ווי איז מיר, ער איז דאָך נאָך אַליין אַ קינד. ערשט געוואָרן 19 יאָר און ווערט שוין אַ טאַטע . . .

פאַרנאַכט איז געקומען די שוועסטער דאַרע צו זען סאַנדראַן. כאָטש זי איז געקומען גלייך פון דער אַרבעט, איז אויף איר גאָרניט געווען צו דערקענען, אַז ס'איז געווען אַזאַ הייסער טאָג. זי האָט אויסגעקוקט זייער קיל אין איר ווייסן קלייד, ווי זי וואָלט גאָר ניט געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין שאָפּ, ביי אַן עלעקטרישער מאַשין, נאָר ווי זי וואָלט פאַר־בראַכט ערגעץ אין אַ קילן פּאַרק. בלויז די שוואַרצע פלעקן אונטער די אויגן, די קנייטשעלעך אַרום די שטילע, צונויפגעצויגענע ליפּן, האָבן עדות געזאָגט אויף אַ לאַנגער, שווערער האַרעוואַניע אין שאָפּ.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף סאַנדראַס צעוויטיקטן פּנים, אויף דעם גרויסן בויך און אַ שמייכל געטאָן צו איר:

— העלאָ, סאַנדראַ.

סאַנדראַ האָט זיך געשעמט פאַר דאַרען, וואָס זי זעט זי אין אַזאַ צושטאַנד. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי דאַרף זיך שעמען, וואָס זי גייט אַזוי לאַנג צו קינד. דורכן טאָג זיינען אַזויפיל פרויען אַריינגע־קומען און אַלע האָבן שוין אָפּגעהאָט. דאַרע, מרס. זימערמאַן און אַפילו

פּעסי באַך

בעני, וועלן מיינען, אַז ס'נעמט איר אַזוי לאַנג, דערפאַר וואָס זי איז אַלט בלויז 17 יאָר. — אַז זי איז דאָך נאָך אַ קינד, — וועלן זיי טראַכטן, — דערפאַר קאָן זי עס ניט מאַכן אַזוי שנעל. ס'וואָלט שוין בעסער געווען, ווען דאָרע קומט זי ניט זען, — האָט סאַנדראַ זיך געביסן די ליפּן, ניט אַרויסצושרייען אינדערהויך, כל־זמן איר שוועסטער שטייט דערביי.

דאָרע האָט געפרעגט ביי איר מאַמען:

— וואו איז בעני?

מרס. שולמאַן האָט אַ וואונק עטאָן, דאָרע זאָל אַרויס מיט איר אין קאָרידאָר. זי האָט געזאָגט אינדערשטיל:

— איך האָב אים אַוועקגעשיקט אַהיים, ער זאָל עפּעס עסן. דרייט זיך דאָ אַרום אַ פאַרלאָרענער . . . אַז סאַנדראַ וויל אים דאָך אַפילו צו זיך ניט צולאָזן. אַז ער וויל אַריין אַ קוק טאָן אויף איר, נעמט זי שרייען:

— זאָל ער אַרויס פון דאַנען! זאָל ער אַרויס!

דאָרע האָט גענומען לאַכן; זי האָט געזען פאַר זיך בעניס דערשראָקן פּנים ווען סאַנדראַ האָט אים אַרויסגעטריבן. — קינדער, — האָט זי לאַכנדיק געזאָגט, — האַנדלען ווי קינדער. זיי האָבן אַליין ניט געוואוסט, וואָס זיי דערוואַרט.

אויף מאָרגן, איז שוין סאַנדראַ געלעגן אין אַן אַנדער צימער, אַן אויסגעצויגענע, אַ רואיקע, מיט אַ בלייך פּנים און אָפּגעשוואַכטע הענט. זי האָט אָבער אַ פריילעכע געשמייכלט צו די צוויי שכנישע בעטן אין דעם צימער. ס'איז איר פּלוצלינג געוואָרן זייער גוט. ניט דערפאַר וואָס זי האָט שוין אַ קינד. זי האָט עס נאָך אַפילו ניט אָנגעקוקט, אַ נוירס האָט עס אַרויסגעטראָגן נאָך איידער זי האָט געוואוסט וואָס ס'טוט זיך מיט איר, נאָר ס'איז איר געווען גוט, וואָס זי וועט מער ניט האָבן קיין ווייטיקן, ניט דאַרפן שרייען. זי האָט זיך געפרייט, וואָס איר בויך איז געוואָרן צוריק קליין, פּונקט ווי פריער. — און איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל שוין אַלעמאָל אַזוי פאַרבלייבן, — האָט זי געלאַכט אין קישן אַריין. וועגן קינד האָט זי נאָך אינגאַנצן ניט געטראַכט, זי האָט בלויז איין זאַך געוואוסט, אַז זי איז געוואָרן אַן אויפגעלייזטע, אַ באַפרייטע, און אַז אַלע פרייען זיך מיט איר, ווי זי וואָלט, אויבערנאַכט, געוואָרן ביי אַלעמען טייער.

די ערשטע איז געקומען צולויפן איר מאַמע. סאַנדראַ האָט גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי איר מאַמע האָט אַזוי שנעל זיך דערוואוסט,

יונג לעבן

אַז זי האָט שוין אָפּגעהאַט. סיידן זי איז דאָ אין שפּיטאָל געזעסן אַ גאַנצע נאַכט. זי האָט טאַקע אויסגעקוקט מיד. איר ברייט פּנים איז געווען בלייך, פול מיט קנייטשן. סאַנדראַן איז אַזש ענג געוואָרן אין האַלדז, ווען איר מאַמע האָט זיך איבער איר אַריבערגעבויגן און איר מיט אַזויפיל ליבשאַפט געקושט. געקושט און געוויינט. סאַנדראַ האָט געוואוסט, אַז איר מאַמע פלעגט זיך אַלעמאָל פאַר איר אַנגעמען, איר שטענדיק פאַרענטפערן פאַרן טאַטן, און ס'פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז קיי־נער פלעגט ניט זיין דערביי, פלעגט זי זי אַ קוש טאָן. און דערנאָך גלייך אַ זאָג טאָן, אַז דערפאַר איז זי אַזוי צעלאָזן, אָבער אַז איר מאַמע וועט זי אַזוי פיל קושן, זיך אַזוי פרייען מיט איר, און רופן טאָכטערל, — אויף דעם האָט גאָר סאַנדראַ זיך ניט געריכט.

און אַפילו איר טאַטע, וואָס איז בטבע אַ שוויגער, שטענדיק אַ ברוגזער און פלעגט אויף איר, סאַנדראַן, קוקן מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט שוין געווען זיכער, אַז פון איר וועט ער קיין נחת ניט האָבן, האָט אויך צו איר געשמייכלט, געקוקט אויף איר אַזוי, ווי ער פלעגט קוקן גאָר אַמאָל, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע און ער אַליין איז נאָך געווען געזונט און האָט געאַרבעט. ער האָט איצט געקוקט אויף איר און זיינע שטענדיק אומעטיקע אויגן האָבן זיך אַזש צעפינטלט מיט טרערן, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, סאַנדראַ, ביסט שוין אַ מאַמע, האָסט שוין אַ זון!

סאַנדראַ האָט געוואָלט אים זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס ס'זאָל אים דערפרייען, וואָס ס'זאָל אויפלייכטן זיין פּנים. האָט זי אים געענט־פערט:

— און דו, טאַטע, ביסט שוין אַ זיידע.

אַזאַ פרייד האָט אַ שוועב געטאָן איבער זיין פּנים, אַז סאַנדראַ האָט אַ טראַכט געטאָן:

— דער טאַטע האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געשמייכלט. ס'איז טאַקע גוט, וואָס כ'האָב געהאַט אַ קינד. דער טאַטע פרייט זיך . . .

אַנדערש איז געווען מיט בעניק. ער איז אַ צעטומלטער געשטאַ־נען ביי איר בעט און ניט געוואוסט וואָס ער דאַרף טאָן. ער האָט גע־מיינט, אַז סאַנדראַ וועט זיין אַליין אין צימער, וועט ער זי אַ קוש טאָן, איר פרעגן ווי זי פילט. צום סוף שטייען אין דעם צימער נאָך צוויי בעטן. צוויי נייגעריקע פרויען קוקן אים נאָך. און סאַנדראַס מאַמע זיצט פון איין זייט בעט און איר טאַטע פון דער אַנדער זייט. האָט ער אַפילו ניט געקאָנט צוקומען נאָענט צו איר. — וואָס איז וועגן קינד?

פּעסי באַך

— האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן קינד, ווי מ'טראַכט וועגן עפּעס גאָר אַ פרעמדער זאַך.

ערשט שפּעטער, ווען סאַנדראַ האָט אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט אַרום האַלדז און אַ לאַכנדיקע אים געזאָגט:

— בעני, מיר האָבן דאָך שוין אַ קינד! . . .

האָט ווי אַ הייסע כוואַליע אַ שטראָם געטאָן אַ פרייד איבער זיין קערפּער. ער האָט דערפילט אַ פרייד, ווי ערשט איצט וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז סאַנדראַ איז שוין אַריבערגעקומען.

— ביסט שוין אַ טאַטע! — האָט זיין מאַמע אים אָנגעזאָגט נאָך אינדערהיים. — האָסט שוין אַ זון! — האָט זיין טאַטע צו אים נחתדיק געשמייכלט. זיין שוויגער, מרס. שולמאַן, האָט אים אַ קוש געטאָן, אים געוואונטשן מזל־טוב. אַפילו זיין שווער, וואָס האָט זיך קיינמאָל אויף אים ניט אומגעקוקט, האָט צו אים געשמייכלט. און ער, בעני, האָט געשוויגן, ווי ניט אים וואָלט מען געמיינט. ערשט ווען ער האָט דערזען אַזוי נאָענט צו זיך סאַנדראַס פּנים, אירע פריילעכע אויגן, געפילט אירע הענט אַרום זיין האַלדז, האָט ער אַ פאַרגאַפטער געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג ניט געהאַט געזען.

— דזשי, סאַנדראַ, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, — דזשי . . .

אין אַ פאַרנאַכט, ווען דאָרע איז געזעסן ביי סאַנדראַס בעט, האָט זי פּלוצלונג איר אַ פרעג געטאָן:

— וואָלסטו געוואָלט קומען צו אונדז, מיטן קינד, פאַר אַ פּאָר וואָכן? איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט דער מאַמען, זי וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט קומען.

סאַנדראַ האָט זיך דערפרייט. ס'וואָלט איר גוט געווען צו קומען צו דער מאַמען, ניט דאַרפן אַזוי שנעל צוריקגיין צו דער שוויגער, צו דער גרויסער צוגעפּוצטער, אָבער אומעטיקער הויז. האָט זי זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אַז דער טאַטע איז קראַנק, אַז ער קאָן ניט פאַרנעמען קיין טומל. און וואָס וועט זיין, אַז דאָרע וועט קומען פון דער אַרבעט, ווען דאָס קינד וועט וויינען? זי פלעגט דאָך אַפילו ניט קאָנען ליידן ווען זי, סאַנדראַ, פלעגט זינגען. האָט זי אָן אומעטיקע געזאָגט:

— ס'וועט דיר זיין ענג, דאָרע, און דער טאַטע איז קראַנק!

דאָרע האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט:

— זאָרג זיך ניט, מירן זיך אָן עצה געבן. און דעם טאַטן וועט זיין פריילעכער. ער'ט האָבן אויף וועמען צו קוקן . . . ס'איז דאָך זיין ערשט אייניקל! — האָט זי אויף שנעל אַ שמייכל געטאָן. — דאָרט ביי דיין

שוויגער זיינען דאָך אַלע פאַרנומען אין סטאָר. ווער וועט דיר העלפן מיטן קינד? ס'איז דאָך אַזאַ פּיצל, — האָט איר פּנים אַ שיין געטאָן מיט אַזאַ ווייכקייט, ווי סאַנדראַ האָט געזען איר מאַמעס פּנים אַזוי שיינען. אַוודאי דאַרפסטו קומען צו אונדז. צוליבן קינד!

סאַנדראַ האָט אַ פאַרוואונדערטע געקוקט אויף דאַרען. זי האָט שוין ניט איינמאָל געטראַכט, אַז זינט זי האָט חתונה געהאַט, איז דאַרע געוואָרן צו איר אַנדערש, זי האָט שוין ניט גערעדט צו איר, ווי צו אַ קליין שוועסטערל, וואָס פאַרשטייט גאָרניט. זי האָט זיך אַפילו פאַר איר אָנגענומען, ווען איר שוויגער האָט זיך געקריגט מיט איר, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט בענין. איצט איז דאַרעס פּנים פאַרפּלאָמט, און זי רעדט צו איר, צו קומען מיטן קינד, כאָטש ס'וועט זיין ענג און טומלדיק.

סאַנדראַ האָט פּלוצלינג אַ טראַכט געטאָן, אַז דאַרע וויל זי זאָל קומען מיטן קינד צוליב איר אַליין, ווייל איר, דאַרען, איז אומעטיק. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס די מאַמע פלעגט איר זאָגן, אַז דאַרע איז עלנט, אַז זי האָט ניט קיין פרייד אין לעבן. סאַנדראַ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, דאַרע זאָל ניט דערקאָנען אויף איר, וועגן וואָס זי טראַכט.

— גוט, — האָט זי געזאָגט, — איך בין זייער צופרידן. זאָג דער מאַמען, אַז איך וועל קומען.

דאַרע האָט אַ צופרידענע זיך צעשמייכלט. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט:

— וועט בעני זיין צופרידן?

סאַנדראַ האָט אַ לאַך געטאָן. זי ווייס שוין ווי טייער זי איז איצט געוואָרן ביי בענין, ווי ער קוקט איר אין די אויגן, און האַלט איר אין איין דערציילן ווי אומעטיק ס'איז אים אָן איר.

— אָ, בעני וועט זיין צופרידן. — האָט זי אַ פריילעכע געקוקט אויף דאַרען. — ער וועט שוין זיין צופרידן.

סאַנדראַ האָט זיך אָבער ניט גערעכט, אַז מרס. זימערמאַן וועט זי ניט וועלן לאָזן.

— גאָר, — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט דעם טאָן פון אַ מענטשן, וואָס איז געוואוינט אַלץ אויסצופירן. — וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס? כ'האָב שוין אָנגעגרייט אַ בעטעלע. וועסט קומען גלייך אַהיים!

סאַנדראַ האָט זיך דערמאָנט, אַז פונקט אַזוי האָט זי זיך אַריינגעמישט ווען בעני האָט איר, סאַנדראַן, געהאַט צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן דינגען אַ דירה פאַר זיך אַליין. אומזיסט האָט סאַנדראַ זיך דאַן געפרייט. מרס. זימערמאַן האָט געזאָגט ניין און אַזוי איז געבליבן. סאַנדראַ

האָט דאָן שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט זיך קעגנצושטעלן, איז זי גע־בליבן וואוינען ביי דער שוויגער, אָבער אין האַרצן האָט זי איר עס קיינמאָל ניט מוחל געווען. זי האָט שטענדיק געהאַפט, אַז ווען ניט איז, וועט זי זיך מיט איר אָפּרעכענען.

— איצט וועט זי מיר שוין ניט שטערן! — האָט סאַנדראַ פאַר־ביסן די ליפּן. — איך וועל דאָס מאָל אויספירן, — האָט זי געקוקט איר שוויגער גלייך אין די אויגן. סאַנדראַ האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז זי שטאַרקער פון דער שוויגער. איצט האָט זי אַ קינד, אַ קינד, מיט וועלכן אַלע פרייען זיך, אַ קינד, וואָס האָט געקאָנט מאַכן איר טאַטן שמייכלען, און דאָרען פאַרגעסן, אַז זי איז מיד. האָט זי אַ רואיקע גע־ענטפערט:

— מאַ, איך האָב באַשלאָסן, אַז איך גיי צו מיין מאַמען פאַר אַ פּאָר וואָכן. איר פאַרשטייט? מיין מאַמע האָט שוין אויך אָנגעגרייט אַ פּלאַץ פאַרן קינד.

מרס. זימערמאַן איז געבליבן שטיל. דעם אופן ווי סאַנדראַ האָט עס געזאָגט, ווי אירע אויגן האָבן געקוקט אויף איר, האָט זי פאַרשטאַ־נען, אַז סאַנדראַ וועט שוין טאָן וואָס זי וועט וועלן. קיינער וועט איר שוין מער קיין דעות ניט קאָנען זאָגן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף בעניך. יאָ, בעני וועט שוין איצט זיין צופרידן מיט אַלץ, וואָס סאַנדראַ וועט טאָן און זאָגן. זינט ער איז גע־וואָרן אַ טאַטע, האָט ער גענומען ענטפערן אַנטקעגן. האָט קיינעם ניט אַזוי אינזינען ווי נאָר סאַנדראַן און דאָס קינד. — אַ גאַנצער טאַטע געוואָרן. האָט זי זיך געבייזערט אין געדאַנק. ער איז ערשט געוואָרן 19 יאָר, און קוקט אים נאָר אָן! געזאָגט האָט זי אָבער גאָרניט. נאָר כּדי סאַנדראַ זאָל ניט פילן, אַז זי פירט אויס, האָט זי אַ גלייכגילטיקע גענומען רעדן, אַז ס'איז טאָקע בעסער, זי זאָל גיין צו דער מאַמען. — איך בין דאָך אַ פאַרנומענע אין געשעפט, — האָט זי דערמיט געוואָלט לאָזן סאַנדראַן צו וויסן, אַז זי איז נאָך אַלץ די באַלעבאָסטע, אַז זי האַלט זיי דערוויילע ביידן אויס. אין האַרצן האָט איר אָבער געגריזשעט אַ שרעק, אַז בעני וועט דאָרט אויך וועלן זיין. ס'וועט בלייבן אַ פּוסט הויז, — האָט זי אינדערשטיל געזיפצט.

דעם טאָג, וואָס סאַנדראַ איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט מרס. זי־מערמאַן געפילט, אַז זי וועט אַ צעפּלאַצטע ווערן. זי האָט געדאַרפט שטיין אין סטאָר און צוזען ווי די טעקסי פאַרפאָרט צו שולמאַנס הויז. וויסן וואָס דאָרט טוט זיך ביי זיי. זי האָט בלויז געדאַרפט שטיין אין טיר

פון סטאַר, האָט זי געקאָנט זען, ווי דאָרט איבערן וועג, ביי די שולמאַנס, איז יום־טוב. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געדאַרפט זיין צוגעבונדן צום סטאַר און צוזען ווי בעני איז דאָרטן מיט סאַנדראַן, מיט די שולמאַנס, און מיט איר מאַן האָט זי זיך אויך ניט געקאָנט צונויפרעדן. ער איז געווען צע־שמאַיעט פונקט ווי בעני. ער איז שוין אויך עטלעכע מאָל געווען אי־בערן וועג און יעדעס מאָל איר אָפּגעגעבן אַ גרוס: דאָס קינד שלאָפט. דאָס קינד קריגט עסן. און זי, מרס. זימערמאַן, דאַרף שוייגן, דאַרף שטיין אין סטאָר איינע אַליין און וואַרטן ביז ביינאַכט, ווען מ׳וועט פאַר־מאַכן די סטאָר, וועט זי אויך קאָנען אַרויף, אַ קוק טאָן אויפן קינד. און דערווײַלע וועט זי שוין זען, צי בעני האָט געגעסן. — ער האָט אַוודאי געמוזט פאַרגעסן צו עסן אַ גאַנצן טאָג. האָט זי זיך געקנאַקט די פינ־גער.

מרס. זימערמאַן האָט אָבער ניט געוואַרט ביז ביינאַכט. אַזוי שנעל ווי איר מאַן איז צוריקגעקומען, האָט זי פאַרגעסן, אַז זי האָט מיט אַ ווײַלע פריער געטראַכט, אַז זי האָט צייט מיטן אָנקוקן דאָס קינד, זי איז אויף שנעל אַריבערגעלאָפן איבערן וועג.

צוויי מאָל האָט איר מר. זימערמאַן געדאַרפט רופן. אַז זי איז צוריקגעקומען, האָט זי געשמייכלט.

— ווייסט, — האָט זי געזאָגט צום מאַן, — דאָס קינד קוקט אויס פונקט ווי בעני! אינגאַנצן ווי ער! ביסט דען אַ מבין, וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז?

II

געווען איז דאָס אַ שבת אינדערפרי. אָנגעפאַנגען האָט זיך דער טאָג פאַר סאַנדראַן פונקט ווי אַלע טעג פון וואָך: אַ וואָכעדיקער, גאָר־נישט צוזאָגנדיקער טאָג. דורך די האַלב־פאַרצויגענע פענצטער האָבן אַריינגעשיינט פאַסן זון, געשפרייט אַ ליכטיקייט אין דעם צימער און גע־וועקט באַבין פון שלאָף.

דער ווייסער פאַס ליכט אויפן דיל, די שטילקייט פון הויז, האָט סאַנדראַן דערמאָנט אין אַ שבת אינדערפרי ביי איר מאַמען אין הויז. דאַן האָט אַ שבת געמיינט ניט דאַרפן גיין אין סקול, ניט דאַרפן העלפן דער מאַמען אין הויז, ווייל דאָס הויז איז געווען שבתדיק אויפגעראַמט. אַ שבת האָט אויך געמיינט אַ „דעיט” מיט בענין.

פ ע ס י ב אָ ך

דערנאָך, אַז זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי געוואָרט אויפן שבת, ווייל בעני האָט געאַרבעט בלויז אַ האַלבן טאָג. ווען באַבי איז געבאָרן געוואָרן, האָט בעני אויפגעהערט אַרבעטן ביי זיין טאַטע־מאַמע אין גראָ־סערי־סטאָר און אָוועק אַרבעטן אין אַ דעפענס־פאַבריק. זיין מאַמע, מרס. זימערמאַן, האָט אים דאַן געוואָלט געבן אַ העכערונג, אים געבן פרייע אָוונטן, אַבי ער זאָל פאַרבלייבן.

— ווי פאַרלאָזט מען זיך עס אויף פרעמדע הענט? — האָט זי זיך ביי אים געבעטן. — און וואָס קריגט מען עס די פרעמדע הענט, אַז אַפילו ייִנגלעך ווילן שוין ניט אַרבעטן אין אַ גראָסערי? . . .

סאַנדראַ ווייסט, אַז פאַר ווייבער אין סטאָר דערציילט זי, אַז דאָס איז אָוודאי איר, סאַנדראַס, קאָפּ, און איר מאַמע, די מרס. שולמאַן, האָט אויך געמוזט צוהעלפן, אַז בעני זאָל אָוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק; ער וועט דאָך דאָרטן פאַרדינען מער . . .

— געזאָלט זיין אַ דאָקטאָר און קומט אַהיים מיט פאַרשמירטע הענט . . . — האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר שכנות. אָבער זאָגן עפעס אין דער הויך האָט זי מורא געהאַט. ווייל זינט בעני איז געוואָרן אַ טאַטע, טאָר מען אים אַ הויכן וואָרט ניט זאָגן. האָט אין איר געברענט אַ כעס. אָבער סאַנדראַ האָט געוואוסט, אַז מרס. זימערמאַן פרייט זיך וואָס איר בעני איז שוין אַ טאַטע, וועט ער ניט דאַרפן אָוועק אין דער אַרמיי.

סאַנדראַ אַליין האָט זיך אויך געפרייט וואָס בעני בלייבט אין דער היים. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז בעני איז אומרואיק, אַז אים איז אומעטיק, ווייל אַרום דער קענדי־סטאָר, אויפן ווינקל־גאַס, איז געוואָרן שטיל. די בחורימלעך, די וועלכע פלעגן שטיין ביי די באַלויכטענע פענצטער, פייפן צו פאַרבייגייענדיקע מיידלעך, זיינען זיך צעפאָרן אין דער אַרמיי, נעיווי און מאַרינס. געבליבן זיינען בלויז די קליינע ייִנג־לעך, וועלכע האָבן אַרום דער זעלביקער קענדי־סטאָר גענומען זיך לער־נען צו פאַרציען סיגאַרעטלעך. האָט בעני גענומען אויסמיידן פאַרביי־צוגיין די קענדי־סטאָר און סאַנדראַ האָט געוואוסט, אַז ער שעמט זיך, וואָס ער איז פאַרבליבן דער איינציקער פון דער גאַנצער חברה.

עס פלעגט אויך פאַסירן, אַז אַ שבת ביינאַכט פלעגט איר מאַמע פאַרבלייבן מיט באַבין און זי מיט בענין פלעגן גיין אין די מואוויס. סאַנדראַ פלעגט דאַן זיך אויספוצן אין דער שענסטער קלייד, פאַרקעמען אירע שוואַרצע האָר איבער די פלייצעס און זיך פרייען וואָס בעני קוקט זי נאָך ווי אַמאָל, ווען זיי פלעגן האָבן אַ „דעיט".

יונג לעבן

— דזשי, סאַנדראַ, קוקסט אויס שיין.

און איר מאַמע פלעגט ווי אַלע מאָל אין דער שטיל אַ זיפץ טאָן:

— שיין ווי די וועלט. זי זאָל נאָר האָבן אַ גוטן מזל . . .

אָבער זינט מ'האָט געגומען בעניז אין דער אַרמיי, אים אַוועקגעשיקט אין דער סאַוט, איז דער שבת געוואָרן אַ וואָכעדיקער, אַן אומעטיקער טאָג, אָן דערוואַרטונגען און אָן פרייד.

בלויז איין שבת ביינאַכט איז עפּעס געשען, וואָס סאַנדראַ געדענקט גוט. דאָס איז געשען מיט צוויי יאָר צוריק. איידער מ'האָט בעניז אַוועקגעשיקט אויפן פּאַסיפיק. ער האָט אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן פון אַ שטעטל לעבן קעמפּ. דער טעלעפאָן איז געווען אונטן אין סטאָר. אַ יינגל, וועלכער האָט בעניז ניט געקאָנט, האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן און אַראָפּגערופן סאַנדראַן. אין סטאָר איז געווען טומלדיק און הייס. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס קינד וויינט דאָרט אין דער הויך. האָט זי אַ נערוועזע אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן:

— העלאָו, דאָס רעדט סאַנדראַ. ווער רעדט דאָס?

— האַלאָו! און דאָס רעדט סאַנדראַס מאַן . . . געדענקסט אים?

— האָט סאַנדראַ דערהערט בעניס שטימע, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף יענער זייט וואַנט.

סאַנדראַ האָט דערפילט, אַז דער קאָפּ דרייט זיך איר. דער גאַנצער טומל פון סטאָר, די ווייבער און דאָס שטענדיקע קלינגען פון דעם רעדזשיסטער, האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און געבליבן זיינען בלויז זי מיט בעניז.

— אָ, בעני, — האָט זי אָן אָן אָטעם אַ זאָג געטאָן, און געדאַכט האָט זיך איר, אַז בעני וועט שוין פאַרשטיין, אַז זי וויל אים גאָר דערציילן איר גאַנצן ווייטיק, איר בענקשאַפט נאָך אים. „אָ, בעני!", האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן אין טרייבל אַריין און געוואָלט האָט זי אים גאָר דערציילן וועגן קינד, וועגן אירע אומעטיקע טעג און עלנטע נעכט. נאָר בעני האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען. נאָך זיין רעדן צו איר, האָט זי שוין געוואוסט, אַז ער ווייס וואָס זי וויל אים דערציילן.

— דו ווייסט, סאַנדראַ, איך בענק זייער נאָך דיר. כ'וואָלט זייער געוואָלט זיין אין דער היים, — האָט ער אַזאַ אומעטיקער איר דערציילט. — שרייב צו מיר יעדן טאָג, און דערצייל מיר אַלצדינג וועגן באָבין — האָט ער איר אָנגעזאָגט.

און אַז זיין מאַמע, מרס. זימערמאַן, האָט דערהערט, אַז סאַנדראַ רעדט עס מיט איר בעניז, האָט זי איבערגעלאָזט די אָנגעשאָטענע צו־

פעסי באך

קער אויפן וואַג, איבערגעלאָזן די קונדן און צוגעלאָפן צום טעלעפאָן. אַפילו ניט אָפּגעוואַרט ביז סאַנדראַ וועט זיך אָפּרופן, איבער איר קאָפּ גענומען אַריינשרייען אין טרייבל אַריין:

— בעני, מיין קינד! וואָס מאַכסטו? וואו ביזטו איצט? ווען קומסטו אַהיים? אוי, מיין קינד — האָט זי זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן פון וויינען.

די ווייבער אין סטאָר האָבן זיך געווישט די אויגן:

— אַן איין־און־איינציקער ביי איר. עפּעס אַ קלייניקייט!

טעג דערנאָך איז סאַנדראַ אַרומגעגאַנגען אַ פריילעכע. איר מאַמע האָט זיך דערפרייט און געזאָגט צו דאַרען:

— זינט בעני האָט אָפּגערופן איז זי גאָר אַן אַנדערע. גאָר ווי אַמאָל. ערשט געוואָרן 18 יאָר, און דאַרף שוין אַזוי בענקען.

האָט דאַרע דעמאָלט געענטפערט אינדערהויך, סאַנדראַ זאָל הערן:

— מאַמע, אַז מ׳האָט ניט נאָך וועמען צו בענקען איז ערגער... וואָלט זי ניט חתונה געהאַט מיט צוויי יאָר צוריק, וואָלט זי איצט אַנט־לאָפן צו אים אין קעמפּ. אַזוי האָט זי שוין אַ קינד — איז איר שטימע געוואָרן צערטלעך, און סאַנדראַ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאַרע וויל עס איר טרייסטן.

אַז מ׳האָט בענין אַוועקגעשיקט אויפן פּאַסיפיק, האָט סאַנדראַ אויפגעהערט אַרויפצוקומען אַ שבת בייטאָג צו איר מאַמען. און אַפילו איר שוויגער, מרס. זימערמאַן, וועלכע איז געווען אַזוי פאַרהאָרעוועט אין סטאָר, אַז זי האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך גוט אויסצואוויינען, האָט גענומען באַמערקן, אַז סאַנדראַ איז צו שטיל.

— זי איז צו פאַרשלאָסן אין זיך... — האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר סאַנדראַס מאַמען, — ס׳איז דאָך מיין ווייטיק אויך. איך בין דאָך זיין מאַמע, געהאָפּט אַזוי פיל נחת צו האָבן פון אים... ווייס איך, אַז ווען מ׳רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן, ווערט גרינגער. זי וואָלט זיך גע־דאַרפט אַמאָל גוט אויסוויינען, וואָלט איר געוואָרן גרינגער.

מרס. שולמאַן האָט עס דערנאָך דערציילט סאַנדראַן, געבעטן זיך ביי איר:

— רעד זיך אַראָפּ פון האַרצן, טאָכטער. לאָז אַמאָל איבער ביי מיר דאָס קינד און גיי אין אַ מואווי.

האָט סאַנדראַ געענטפערט:

— מאַמע, כ׳וויל ניט וויינען, איך האָב ניט וואָס צו באַקלאָגן זיך, איך בין ניט די איינציקע, ס׳איז מיר ניט ערגער פון אַלעמען...

יונג לעבן

איר טאַטע, וועלכער רעדט אַזוי זעלטן און האָט אַלע מאָל גע־טראַכט וועגן סאַנדראַן ווי וועגן אַ צעלאָזן קינד, האָט אַ קוק געטאָן אויף סאַנדראַן און געזאָגט:

— סאַנדראַ איז אויסגעוואַקסן. זי איז שוין ניט קיין קינד.

סאַנדראַ האָט דערנאָך געטראַכט וועגן דעם, וואָס איר טאַטע האָט געזאָגט. זי האָט געוואוסט, אַז זי איז שוין ניט קיין קינד, זי ווערט שוין 20 יאָר. באַבי איז שוין דריי יאָר, מיט אַזוינע רויטע, פעטע בע־קעלעך און בעניס שמייכל.

— אינאַנצן אין בענין געראָטן — קושט אים מרס. זימערמאַן און וויל ניט מ׳זאָל זען די טרערן.

אָבער באַבי קאָן ניט בענין. ווען בעני איז אַוועקגעפאָרן איז ער נאָך געלעגן אין אַ בעטעלע און געשריגן גאַנצע טעג. איצט קאָן אים סאַנדראַ ניט איינהאַלטן לעבן זיך. און באַבי רעדט אַ סך. אָבער בעניס בילד וויל ער ניט רופן „פאַפאַ". ס׳איז „בעני", שרייט ער, ווען מ׳וויל אים איינרעדן, אַז ס׳איז זיין טאַטע.

קוקט סאַנדראַ אויף דעם שלאָפנדיקן באַבין, אויף דעם פאַס ליכט וואָס שיינט אַריין דורך די האַלב־פאַרצויגענע פענצטער און טראַכט, אַז ס׳איז שוין לאַנג, זייער לאַנג פון בענין קיין בריוו ניט געווען, אַז דאָרט פון וואַנען ס׳איז אָנגעקומען בעניס לעצטער בריוו, זיינען פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן. „זיי האָבן געהאַט שווערע פאַרלוסטן", האָט די ראַ־דיאָ געלאָזט דער וועלט וויסן וועגן יענע שלאַכטן, וואו בעני האָט זיך געדאַרפט געפינען.

„אויב עפּעס . . . וואָלט שוין געווען אַ טעלעגראַמע" — האָט מען סאַנדראַן געטרייסט. דערפאַר דערשרעקט זי זיך אַזוי יעדעס מאָל וואָס אונטן קלינגט דאָס גלעקל. אָבער פונקט איצט, ווען זי האָט געהערט אַ קלונג, האָט זי אַ רוקער אַ טראַכט געטאָן, אַז מען רופט דער שוויגער אין סטאָר. זי האָט זיך צוגעהערט ווי מרס. זימערמאַן גייט פּאַוואָלינקע אַראָפּ פון די טרעפּ. עס איז געוואָרן שטיל, און פּלוצלונג האָט זי דערהערט ווי זי לויפט צוריק אַרויף. און ווייל איר שוויגער איז גע־לאָפן אַרויף שנעל, מיט אימפּעט, האָט סאַנדראַ זיך דערשראָקן.

— בעני! — האָט איר דורכגעבליצט אַ געדאַנק. עפּעס איז גע־שען מיט בענין, און געדאַכט האָט זיך איר, אַז זי האָט שוין אָט די שרעק לאַנג צוריק דורכגעלעבט. ווי זי וואָלט פריער געוואוסט דעם טעם פון דעם.

זי האָט אויפגעריסן די טיר און דערזען מרס. זימערמאַנס ווייסע

פעסי באָך

ליפּן, געזען אַזאַ גרויל אין אירע אויגן. אַ געלע טעלעגראַמע האָט זיך געטרייסלט אין איר האַנט. און סאַנדראַ האָט אַ טראַכט געטאָן:

— ס׳איז שוין אַלץ איינס, זי וויס שוין וואָס אין אָט דער טעלעגראַמע שטייט. אָט אַזוי האָט זי זיך אַלע מאָל פאַרגעשטעלט — אַ געלע טעלעגראַמע.

מרס. זימערמאַן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, דערלאַנגט סאַנדראַן די טעלעגראַמע:

— דו עפן, איך האָב מורא . . . איך קען ניט . . .

סאַנדראַ האָט געקוקט אויף דער טעלעגראַמע: „מרס. בעני זימערמאַן" — איז געווען אָנגעשריבן אויפן קאָנווערט.

— גאָט, — האָט סאַנדראַ זיך דערמאָנט, אַז איר מאַמע רופט צו גאָט, ווען איר איז שלעכט, — גאָט, זאָל עס זיין, אַז ער לעבט? ער לעבט נאָך? . . .

זי האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט און דערזען גאָר אונטן: „דיין בעני".

— אַ — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן: — ס׳איז בעני. אָט איז זיין נאָמען . . .

מרס. זימערמאַן האָט אַזש אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש:

— וואָס, בעני?

סאַנדראַ האָט אָן אָפּגעשוואַכטע געענטפערט און געפרואווט ווידער לייענען:

— אַ . . . . — איז זי מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען: — ער קומט אַהיים! אָט שטייט דאָ, ער קומט היינט אַהיים! . . . . — האָט זי צום ערשטן מאָל זינט בעני איז אַוועקגעפאָרן געגומען וויינען.

אַז באַבי האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויפגעשטעלט אין בעטל, האָט ער געזען ווי זיין באָבע זיצט אויף אַ שטול און וויינט הויך אויפן קול. סאַנדראַ איז שוין געווען איבערן וועג, ביי איר מאַמען מיט דער טעלעגראַמע.

— באַבי וויל עסן — האָט ער זיין באָבען געלאָזט וויסן, אָבער דאָסמאָל האָט מרס. זימערמאַן אים ניט געהערט.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געטומלט אַרום מרס. זימערמאַנס סטאָר. די גאַנצע גאַס שכנים זיינען געזעסן אויף די גאַניקעס און געוואַרט אויף בענין. שכנות האָבן זיך דערמאָנט ווי בעני פלעגט צעברעכן ביי זיי שויבן מיט אַ באַל, ווען ער פלעגט נאָך אַרומלויפן אין קורצע הייזלעך. מ׳האָט זיך דערמאָנט, ווען מ׳האָט אים דערזען דעם ערשטן מאָל רויכערן

אַ סיגאַרעטל און ווען מ׳האָט אים דערזען אין די שפּעטע פאַרנאַכטן מיט סאַנדראַן.

— וואָדען? מיר האָבן דען ניט געוואוסט, אַז זיי וועלן סוף־כּל־סוף חתונה האָבן? אַז מ׳האָט זיך געשפּילט צוזאַמען ווען מ׳איז נאָך געווען פּיצלעך — האָבן די שכנות צווישן זיך גערעדט.

אָבער בעני איז ניט געקומען מיט דער באַן, אויף וועלכער ער האָט געזאָלט קומען. „סאָלדאַטן וועלן אָנקומען מיט אַ צווייטער באַן", האָט מען אָנגעשריבן אין וואָקזאַל אויף אַ שוואַרצן טאָוול.

— כ׳וועל שוין דאָ צוואַרטן די פּאָר שעה — האָט סאַנדראַ געזאָגט דאַרען. דאַרע, וועלכע האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן פון בענין, געטראַכט וועגן אים, אַז ער איז אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער יינגל, איז געקומען מיט סאַנדראַן באַגעגענען אים. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געפּוצט און געקעמט באַבין, געאײַלט דער צעטומלטער סאַנדראַן זי זאָל ניט פאַרשפּעטיקן און זיך געפריים וואָס מרס. זימערמאַן קאָר זיך ניט אָוועקרייסן פון סטאָר. אָבער אַז ס׳האָט גענומען ווערן שפּעט, האָט זי אַ נעם געטאָן באַביס הענטל:

— דו קאָנסט דאָ בלייבן, אָבער דאָס קינד דאַרף עסן. ער איז שוין מיד. בעני וועט אים שוין זען אינדערהיים.

איז סאַנדראַ געבליבן זיצן אויף אַ באַנק, צווישן אַ סך פרעמדע מענטשן, וואַרטן אויף בעניִן. זי האָט געוואוסט, אַז איר שוויגער, אַן אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקן קלייד, לויפט אַלע ווײַלע אַרויס פון סטאָר, זען צי בעני קומט שוין; אַז איר מאַמע זיצט דאָרט אינדערהיים, אין דער ליכטיקער קיך און היט די טעפּ מיט די גוטע זאַכן, וואָס זי האָט געמאַכט פאַר בעני׳ן. און שכנים זיצן אין די פענצטער, קוקן אַרויס אין דער פינצטערער גאַס, ניט צו פאַרפעלן, ווען בעני וועט אָנקומען. און סאַנדראַ איז געזעסן אין דעם ליכטיקן וואָקזאַל, צווישן אַ סך וואַרטנדיקע מאַמעס און יונגע מיידלעך און געטראַכט וועגן בעניִן, ווי ער האָט אויסגעקוקט, ווען ער פלעגט זי אָפּוואַרטן ביי דער טיר, צו גיין צוזאַמען אין סקול. ווען זיי פלעגן זיצן אין קענדי־סטאָר און טרינקען אייז־קרים־סאָדעס. בעניס אָפּלאָכעריש שמייכעלע, ווען זיי פלעגן זיך קריגן, און ער פלעגט זי רופן „בייבי"...

זי האָט געזען פאַר זיך בעניס פּנים, ווען זיי זיינען אָוועק איינע אַליין צו אַ רב, ער זאָל זיי חתונה מאַכן, און בעני האָט מורא געהאַט אַהיים צו גיין, געוואוסט אַז זיין מאַמע וועט מאַכן גוואַלדן. ווען ער איז אָפּגעפאָרן אין קעמפּ און דערנאָך צוריקגעקומען אין סאָלדאַטישע קליי־

פעסי באַך

דער אויף אַ באַזוך, עפּעס האָט ער דאַן אויסגעקוקט ווי אַ פּרעמדער, הויכער, פֿאַרברוינטער סאָלדאַט.

— בעני איז געוואָרן העכער. ער איז אונטערגעוואַקסן אין דער אַרמיי — האָבן באַקאַנטע געלאַכט, און מרס. זימערמאַן האָט געענטפערט:

— אַוודאי איז ער אונטערגעוואַקסן. ער איז דאָך נאָך אַ קינד, וואַקסט ער נאָך — האָט זי דערמיט געוואָלט דערמאָנען, אַז בעני האָט חתונה געהאַט צו יונג און דאָס האָט זי, סאַנדראַ, אים אָנגערעדט צו דעם. און ווער ווייס ווי ער קוקט איצט אויס, אַז זי האָט אים שוין צוויי יאָר ניט געזען. אפשר וועט זי אים גאָר ניט דערקענען. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געטראַכט וואָס וועט בעני זאָגן, וועגן דעם ווי זי, סאַנדראַ, קוקט אויס. זי האָט זיך היינט באַטראַכט אין שפּיגל; געוואָלט זען ווי זי וועט אויסקוקן אין בעניס אויגן — האָט זי פֿאַר זיך דערזען אַ דאַר פּנים, אירע אויגן צו גרויס, און בלויע אָדערלעך אַרום. זי איז זיכער, אַז זי איז געוואָרן מיאוסער. און וואָס וועט בעני זאָגן, אַז זי וועט אים דערציילן, אַז זי קאָן מער ניט טאַנצן, יעדנפאַלס ניט אַזוי ווי אַמאָל. בעני איז דאָך געווען פֿאַרליבט אין איר טאַנצן — האָט זי אַ צעקלעמטע אַ טראַכט געטאָן ווי מיד זי ווערט אין די פֿאַרנאַכטן.

ווען אַ מאַן ביי די געעפֿנטע טירן האָט געלאָזט איבערן גאַנצן וואָק־זאַל וויסן, אַז די באַן איז שוין אָנגעקומען, האָט סאַנדראַ אַליין ניט גע־וואוסט, ווי אַזוי זי האָט זיך דורכגעשטופּט צו שטיין די ערשטע ביי די צעעפֿנטע טירן. אָן אַ שיר סאָלדאַטן זיינען דורכגעגאַנגען דורך די טירן, אָבער בעניען האָט זי ניט געזען. זי איז שוין געווען זיכער, אַז אַוודאי האָט זי אים ניט באַמערקט, אַז אַוודאי איז ער זי ערגעץ אַוועק זוכן. אָבער פּלוצלונג האָט זי אים דערזען. איידער זי האָט נאָך גע־קענט זען גוט זיין פּנים איז זי שוין געווען זיכער, אַז דאָס איז ער. דער זעלביקער בעני ווי זי געדענקט אים.

— בעני! — האָט זי אים אַ רוף געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ — בעני! — האָט זי זיך געקלאַמערט אָן אים פּונקט ווי באַבי פּלעגט זיך קלאַמערן אָן איר, ווען ער פּלעגט ניט וועלן זי זאָל ערגעץ אַוועקגיין.

— אָ, בעני, איך וואַרט דאָך שוין דאָ אויף דיר אַזוי לאַנג — האָט זי געוואָלט זוכן אַ טיכעלע זיך צו ווישן די אויגן און ניט געקאָנט זיך רירן, ווייל בעני האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען מיט ביידע הענט, גע־האַלטן זי אַזוי שטאַרק, אַזוי נאָענט צו זיך, אַזש ס׳האָט זי ווי געטאָן.

דערנאָך, אַז ער האָט זי אָפּגעלאָזן, האָט ער אַ פֿאַרוואונדערטער גע־קוקט אויף איר:

— סאַנדראַ, ביסט געוואָרן אַזוי הויך! די קליינע סאַנדראַ איז אויסגעוואַקסן — האָט ער אַ לאַך געטאָן מיטן זעלבן געלעכטערל ווי אַמאָל, ווען ער פּלעגט זי רופן „בייבי" און ווען איר גאָר דערציילן ווי ליב ער האָט זי.

— דער זעלבער בעני! — האָט זי זיך געפרייט מיט אים, — זי האָט זיך דערמאָנט אָן באַבין.

— בעני, באַבי איז אויך אויסגעוואַקסן. ער איז שוין אָט אַזוי הויך! — האָט זי מיטן האַנט געוויזן ווי הויך ער איז. — ער איז אָבער אַזוי ווילד. איך דאַרף זיך אַרומיאָגן מיט אים די גאַנצע גאַס, ביז איך כאַפּ אים — האָט זי מיט פרייד פאַרמסרט באַבין.

בעני האָט געקוקט אויף איר, געזען איר אויסגעצערט פּנים, די בלויע אָדערלעך אַרום די אויגן.

— ס'איז איר געווען שלעכט דאָ די צוויי יאָר. זי האָט געמוזט אַ סך ליידן — האָט ער געגומען אירע הענט אין זיינע — אַבי איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט, אַז אפשר פעל איך איר גאָר ניט אויס.

— קום, סאַנדראַ, — האָט ער אַ פריילעכער אַ הויב געטאָן זיין פּעקל, — איך וועל זיך דאַרפן אַ נעם טאָן צו באַבין, ער'ט מוזן וויסן, אַז זיין טאַטע איז דאָ אין דער היים.

סאַנדראַ איז געבליבן שטיין, פאַרהאַלטן איר אָטעם.

— איז ער געקומען אַהיים צו פאַרבלייבן? וועט מען אים צוריק־שיקן? אפשר וועט ער איר עס א י צ ט זאָגן?

אַז בעני האָט אַ פריילעכער געשמייכלט צו איר, האָט זי זיך אויך צעשמייכלט:

— כ'וועל זיך ניט זאָרגן, ניט איצט.

III

מרס. שולמאַן איז געזעסן ביים פענצטער און געוואַרט אויף איר מאַן און אויף דאָרען. דער טיש איז שוין געווען געגרייט גלייך צו גיין עסן. דאָרע קומט אַלע מאָל די ערשטע. מרס. שולמאַן זעט זי אַלע פאַרנאַכט אָנקומען. זי גייט דורך די גאַס אַ גלייכע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. זי קוקט־אויס רואיק און אויסגערוט, גאָר ניט ווי נאָך אַ טאָג אַרבעטן אין שאַפּ. ערשט ווען זי קומט אַריין אין הויז, ווערט זי ווי איינגעהויקערט, נעמט אַזש אויסקוקן נידעריקער און צו זיך אין צימער גייט זי שוין אַריין שלעפּנדיק די פיס.

דערנאָך, זעט זי אָנקומען איר מאַן. ער מאַכט שוין ניט קיין אָנ־

שטעל. מ׳קען זען, אַז ער איז מיד, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. ער באַקלאָגט זיך טאַקע אויף די פיס. אַזוי זאָגט ער, וואָלט ער נאָך גע־ווען נישקשה, נאָר די פיס ווילן אים שוין ניט דינען. מרס. שולמאַן ווייס אָבער, אַז ניט נאָר די פיס זיינען אים קראַנק, נאָר, אַז ער ליידט אויפן רוקן, אַז ער וואָלט באַדאַרפט טאָן לייכטע אַרבעט, נישט שטיין גאַנצע טעג געבויגן און לייגן ציגל. זי געדענקט נאָך גוט ווי קראַנק ער איז געווען דעם יאָר, ווען סאַנדראַ האָט חתונה געהאַט. זי האָט אָפּגע־זיפצט:

— סאַנדראַס חתונה האָבן צו 16 יאָר האָט אים אויך צוגעגעבן... ער האָט דאַן שוין ניט געקענט אַראָפּ פון בעט . . .

זי דערמאָנט זיך, אַז איידער סאַנדראַ האָט חתונה געהאַט, און זי פלעגט קומען פון סקול, פלעגט מרס. שולמאַן שוין דערקענען איר גאַנג נאָך פון ווינקל גאַס. זי פלעגט טראָגן אייזנדלעך אָנגעקלאַפּט אויף אירע פלאַכע שיך, פלעגן זיי אָפּהילכן, ווי איר מאַן פלעגט זאָגן: „ווי פּאָד־קאָוועס״ . . . דערצו, פלעגט זי נאָך אונטערטאַנצן אין איר גאַנג. אַ הויכע, מיט אַ דינער טאַליע, מיט לאַנגע, צעלאָזענע האָר ביז דער פּליי־צע, פלעגט זי זיך דורכטראָגן דורך דער גאַס, ווי אַ יונגער הירש. — מענטשן פלעגן דאָך איר נאָכקוקן! איצט איז זי שוין אַ מאַמע פון אַ 4 יאָריק יינגעלע . . . צעשמייכלט זיך מרס. שולמאַן צו דעם אָפענעם פענצטער. — באַבי האָט בעניס ליכטיקע האָר, און סאַנדראַס גרוי־גרינע לאַכנדיקע אויגן.

— מיר זאָל זיין פאַר אים. — גיט זי אַ זאָג אין דער הויך, פונקט ווי זי פלעגט פריער זאָגן וועגן סאַנדראַן.

ווען דאָרע איז שוין געזעסן ביים טיש, געוואַרט אויפן עסן, האָט מרס. שולמאַן זיך געכאַפּט, אַז איר מאַן איז נאָך ניטאָ. אַלע מאָל אין דער צייט זיצט ער שוין אַן אָרומגעוואַשענער ביים טיש:

— עפּעס האָט פּאַסירט, — האָט זי אַן אומרואיקע געקוקט אויף דאָרען. — ער איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי שפּעט . . .

דאָרע האָט זיך אויפגעהויבן. זי האָט זיך געשטעלט ביים פענצ־טער און אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. געזאָגט האָט זי גאָרנישט, צי זי זאָרגט זיך, צי נישט. ערשט ווען זי האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ, האָט דאָרע אָפּגעצויגן דעם אָטעם און זיך צוריק געזעצט אויף איר אָרט. מר. שולמאַן איז אַריין מיט אימפּעט. ער האָט אַ שטעל געטאָן זיין שפּייז־קעסטעלע און זיך אומגעקוקט:

— זי איז שוין דאָ?

יונג לעבן

מרס. שולמאַן האָט זיך דערשראָקן:

— ווער? ווער? וועמען מיינסטו?

מר. שולמאַן האָט אַ בייזער געקוקט אויף איר. נישט געקענט פאַר־שטיין, וואָס זי ווייסט נישט וועמען ער מיינט:

— דיין טעכטערל! . . . סאַנדראַ! . . . זי איז נאָך נישט געקומען צולויפן?

מרס. שולמאַן האָט זיך באַרואיקט; אויב אַזוי, איז עס גאָרניט. זי ווייסט שוין, אַז ביי אים איז געבליבן אַן אַלטע געוואוינהייט, ווען ער רעדט וועגן סאַנדראַן, צו ווערן אין כעס. אָבער זי ווייסט, אַז ער האָט שוין צו איר גאָרנישט. אַז ער רופט זי שוין ניט „ווילדע ציג" און מאָנט שוין נישט וואָס זי לויפט אַזוי אַרום. זי ווייסט גאַנץ גוט, ווי ליב ער האָט באַבין. — אַ דאַנק גאָט — טראַכט זי נישט איינמאָל — ווען זי זעט ווי ער שפּילט זיך מיט באַבין. — כאָטש איין שטיקל נחת . . . טראַכט זי שוין וועגן דאָרען. זי דערמאָנט זיך:

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז סאַנדראַ דאַרף דאָ זיין? פון וואַנעט ווייסטו?

שולמאַן האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן, וואָס זי איז אַזוי רו־איק. האָט ער זי איבערגעקרימט:

— פון וואַנען ווייסטו?! . . . וואו דען וועט זי לויפן, אויב נישט צו דער מאַמען?

מרס. שולמאַן האָט זיך אַזש אויפגעהויבן:

— מיט וועמען האָסטו שוין גערעדט? אַוודאי מיט איר שוויגער!

— האָט זי אַ בייזן קוק געטאָן צום פענצטער, צו דער גראָסערי־סטאָר אַנטקעגן. — זי האָט דיך אַוודאי אָפּגעוואָרט און שוין אָנגערעדט אויפן קינד!

שולמאַן האָט זיך אַ מידער אַראָפּגעזעצט אויפן שטול. זיין פּנים איז געווען פאַרזאָרגט:

— קיינער האָט מיך ניט אָפּגעוואָרט. איך האָב געטראָפן בענין. ער איז געשטאַנען לעבן דער קענדי־סטאָר. מעגסט שוין זאָגן דיין טאָכ־טער, אַז אויב זיי וועלן זיך אַזוי קריגן וועט אים מיאוס ווערן צו לויפן זי איבערבעטן. — ער איז געוואָרן שטיל. געטראַכט וועגן בעניס פּנים, ווען ער האָט אַזאַ פאַרביטערטער געזאָגט:

— אַז איך ווייס נישט וואָס זי וויל פון מיר! נאָר זי איז נישט צופרידן. איך קען איצט נישט קריגן קיין אַנדערע אַרבעט. מיין מאַמע צאָלט מיר אַ סך מער ווי איך בין ווערט. האָט זי צו מיר טענות, וואָס איך אַרבעט אין אַ גראָסערי־סטאָר . . .

פעסי באך

שולמאַן האָט פּרובירט פאַרענטפערן סאַנדראַן:

— אפשר איז זי נישט צופרידן, ווייל דו אַרבעטסט ביז אַזוי שפּעט. זי איז גאַנצע אָוונטן אַליין. ס'איז איר אומעטיק, — האָט ער געטראַכט וועגן די בלויע שאָטנס אונטער אירע אויגן.

בעני האָט אָבער נישט געוואָלט הערן:

— זי איז נישט צופרידן? איך אַליין וואָלט אויך געוואָלט זיין פריי אין די אָוונטן. אַוודאי, ווען איך וואָלט געגאַנגען אין קאַלעדזש, ווי איך האָב געוואָלט, וואָלט איך ניט באַדאַרפט בלייבן שטעקן אין סטאָר...

שולמאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען זיין מאַמעס טענות, אַז צוליב סאַנדראַן איז בעני נישט געגאַנגען אין קאַלעדזש. האָט ער אים אָפּגעמאָסטן, ווי אַמאָל, ווען ער פלעגט קוקן אויף אים, ווי אויף אַ יינגל:

— און דו האָסט מסתמא געזאָגט, אַז ס'איז איר שולד, וואָס דו ביסט נישט געגאַנגען אין קאַלעדזש, ווי דיין מאַמע דערציילט אַלעמען! . . .

בעני האָט ניט געענטפערט. ער האָט פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס, אים געקוקט אין די אויגן און געשוויגן. בעני האָט געוואוסט, אַז זיין שווער האָלט נישט פון אים, האָט ער אַלעמאָל אים אויסגעמידן. אָבער איצט, האָט ער אים געקוקט גלייך אין די אויגן, אים אָפּגעמאָסטן, פונקט ווי מר. שולמאַן אים, און נישט געוואָלט ענטפערן. האָט מר. שולמאַן געמיינט, אַז בעני וועט שוין מער ניט ריידן. אָבער איידער ער איז אַריין אין קענדי־סטאָר, האָט בעני געזאָגט:

— איך וואַרף איר גאָרנישט אויף. איך בין צופרידן ווי איך לעב. ס'איז ניט מיין שולד, וואָס מיר האָבן נישט געקענט קריגן קיין בעסערע דירה . . .

מר. שולמאַן האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט אַ צעקלעמטער געקוקט אויף זיינע אויסגעאַרבעטע, פאַרשוואַרצטע הענט:

— ווייסט דאָך ווי ס'איז; אַז ס'איז ענג, אַז מ'פאַרדינט ווייניק, קריגט מען זיך.

מרס. שולמאַן האָט פאַרגעסן, אַז זי דאַרף געבן איר מאַן עסן, אַז דאָרע וואַרט שוין לאַנג ביים טיש, אַז זי קען נאָך באַלד ברוגז ווערן און אַריין צו זיך אין צימער ניט קיין געגעסענע. זי האָט אַ טרויעריקע אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו דער שטילער גאַס, האָט געקוקט צו דער גרויסער הויז קעגנאיבער און געטראַכט וועגן די גערוימע צימערן איבער דער סטאָר. סאַנדראַ מיט בעניין האָבן דאָרטן געהאַט פאַר זיך אַליין אַ גרויסן, לופטיקן צימער. אַז באַבי איז אונטערגעוואַקסן, האָט מרס. זימערמאַן פאַר אים אויך אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער:

יונג לעבן

— אַז דאָס גאַנצע הויז קען דאָך זיין דיינס. — האָט זיך די שווי־גער געבעטן ביי סאַנדראַן. — ווּעמען נאָך האָב איך? — האָט זי שוין געטענהט צו בענין, נישט געוואָלט, זיי זאָלן זיך אַרויסציען פון איר הויז. אָבער בעני איז שוין געווען אָנגעשטעקט מיט סאַנדראַס פרייד, וואָס האָט אַרויסגעפינקלט פון אירע אויגן, מיט דעם גרויסן גליק, וואָס זיי האָבן ענדלעך געקראָגן צוויי צימערן אויף דער צווייטער גאַס.

— ווי איז מיר, — האָט מרס. זימערמאַן געבראָכן די הענט. — מיין בעני איז דאָך געוואוינט צו אַ גרויס הויז, צו אַ זאַט לעבן. ווי וועט ער זיך צוגעוואוינען צו לעבן אין אָרעמקייט, אין ענגשאַפט? אָבער סאַנדראַ האָט זיך נישט געזאָרגט. זי האָט געקוקט אויף בענין מיט אַזוי פיל צוזאָג אויף גליקלעכע טעג, אויף אַ צופרידן לעבן:

— בעני, מיר וועלן וואוינען פאַר זיך אַליין! איך וועל זיין אַליין די באַלעבאָסטע! מיר וועלן קענען טאָן, וואָס מיר'ן וועלן! קיינער וועט אונדז ניט נאָכקוקן! . . . — האָט זי אים געקוקט אין די אויגן אַריין, אין אים אַריינגעטענהט פונקט ווי אַמאָל, ווען זי האָט אים פאַר־זיכערט, אַז זיי דאַרפן ניט וואַרטן ביז ער וועט ענדיקן קאָלעדזש, אַז זיי קענען פריער חתונה האָבן, דערנאָך וועט ער גיין אין קאָלעדזש . . .

. . . מרס. שולמאַן געדענקט מיט וואָס פאַר אַ פרייד זיי האָבן איינ־געקויפט זאַכן פאַר די צוויי צימערלעך, ווי זיי וואָלטן זיך אַריבערגע־צויגן אין דעם שענסטן פּאַלאַץ.

— מאַמעלע, — האָט סאַנדראַ זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל זיך מיטפרייען מיט איר גליק. — שטעל זיך פאָר, זינט מיר האָבן חתונה גע־האַט, זיינען מיר קיינמאָל ניט געווען אַליין . . . איך בין קיינמאָל ניט געווען זיכער, צי „זי", מיינענדיק דער שוויגער, — הערט זיך ניט צו הינטער דער טיר . . . בלויז ווען בעני איז געווען אויפן פּאַסיפיק, האָט זי מיך צורוגעלאָזן, נישט נאָכגעקוקט . . . וועסט זען, מאַמע, אַזוי שנעל ווי מיר וועלן קריגן אַ גרעסערע דירה, וועלן מיר זיך אַרויסציען.

דאָרע האָט דאַן געזאָגט:

— מאַמע, וואָס ווילסטו פון זיי? ס'איז זייער לעבן. אַז ס'וועט זיי זיין שלעכט, וועלן זיי אַליין אויסגעפינען.

. . . דאָס איז געווען מיט אַ פאָר חדשים שפּעטער. סאַנדראַ איז אַ ביטאָג געקומען צו דער מאַמען מיט באַבין. זי איז אַריינגעקומען אַ שמייכלנדיקע. אָבער מרס. שולמאַן האָט שוין באַמערקט, אַז ס'איז איר גאָרנישט אַזוי פריילעך. זי האָט גערעדט צו הויך און אירע אויגן האָבן געשיינט מיט אַזאַ גלאַנץ, ווי ווען זי פלעגט האָבן היץ. מרס. שולמאַן

פּעסי באָך

געדענקט, אַז לאַנג צוריק, איידער סאַנדראַ האָט חתונה געהאַט, פלעגט זי אַלעמאָל דערקענען אויף איר ווען זי האָט זיך געקריגט מיט בענין, אָדער מיט אַ חברטע. עס איז שוין עפּעס צרות, האָט זי אַ טראַכט געטאָן. זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט דערוואַרטן סאַנדראַ זאָל אַליין נעמען דערציילן, האָט זי געפרעגט:

— נו, ביסט נאָך אַלץ צופרידן מיט דיין דירה?

— יע — האָט סאַנדראַ שנעל געענטפערט, — אַוודאי בין איך צופרידן. פאַרוואָס פרעגסטו עפּעס?

און אַז איר מאַמע האָט געשוויגן, בלויז געקוקט אויף איר, האָט זי געזאָגט טוליענדיק באַבין צו זיך:

— בעני האָט גענומען קומען שפּעט אַהיים. ס'איז מיר אומעטיק. זיין מאַמע האַלט אים דאָרט מסתמא בכיוון, כדי מיר זאָל זיין אומעטיק און עס זאָל מיך פאַרדריסן...

— אַהאַ, — האָט מרס. שולמאַן אַ טראַכט געטאָן. — ס'וועט שוין נישט טויגן, אין דער הויך האָט זי אָבער געזאָגט:

— אַז די סטאָר איז דאָך דאָרטן שטענדיק פול, אַרבעט ער שפּעטער. ער קריגט דאָך באַצאָלט פאַר די עקסטרע שעה'ן. איר דאַרפט דאָך דירה־געלט. און אַלץ איז אַזוי טייער. איר דאַרפט דאָך, מיין קינד, יעדן סענט... — האָט זי דערמיט געוואָלט דערמאָנען סאַנדראַן, אַז זי האָט איר געוואָרנט קעגן דעם, אַז בעני וועט ניט פאַרדינען גענוג צו וואוינען פאַר זיך אַליין.

— אפשר שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער קענדי־סטאָר? — זיינען אירע אויגן טונקעלער געוואָרן פון שרעק, אַז בענין איז אומעטיק אַהיים צו קומען, אַז אין דער קענדי־סטאָר איז שטענדיק פריילעך, אַז דאָרט קען ער זיך טרעפן מיט זיינע אַמאָליקע חברים, מיט וועמען ער האָט שוין מער קיין צייט ניט צו פאַרברענגען.

מרס. שולמאַן האָט דאַן אַ בייזע אויסגעשפּיגן:

— משוגע מיינע שונאים... דיין מאַן אַרבעט נעבעך אַזוי שווער, איך זע דאָך דורכן פענצטער, ווען האָט ער צייט זיך אָפּצושטעלן אין דער קענדי־סטאָר?

— מאַמע, — האָט דאָרע אַ רוף געטאָן. — דער טאַטע זיצט שוין אויך ביים טיש! אפשר וועסטו אונדז געבן עסן?

מרס. שולמאַן האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט. מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע האָט זי דערלאַנגט דאָס עסן. אָבער אַליין האָט זי נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען קיין ביסן. דאָס האַרץ האָט איר געקלעמט. זי

יונג לעבן

האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי איר מאַן, אַ טאַטע, און זי דאָרע, דאַכט זיך אַ שוועסטער, עסן זיך אַזוי רואיק. ווער ווייסט, וואָס ביי סאַנדראַן טוט זיך? זי וואָלט גלייך אַריבערגעלאָפן אַהין, ווייס זי אָבער, אַז דאָרע וועט זי ניט לאָזן. זי געדענקט נאָך יענעם אָוונט ווען סאַנד־ראַ איז געקומען צולויפן מיטן קינד און גלייך געזאָגט:

— מאַמע, איך בין אַוועק פון בענין . . . איך קען מער מיט אים ניט לעבן . . . מיר קריגן זיך אַלע טאָג . . . בין איך געקומען אַהיים . . .

מרס שולמאַן האָט דאַן געהאַלטן אין וואַשן די טעלער, איז זי גע־בליבן שטיין אַ צעטומלטע מיט אַ טעלער אין האַנט. אָבער שולמאַן האָט שטרענג געענטפערט:

— דיין היים איז מיט בענין, אין די צוויי צימערלעך! וואָס מיינ־סטו, דו האָסט זיך צעקריגט מיט דיינער אַ חברטע און ביסט געקומען צולויפן אַהיים? . . .

דאָרע האָט דאַן געזאָגט:

— דער טאַטע איז גערעכט.

סאַנדראַ האָט זיך דערנאָך געשוואָרן, אַז זי וועט מער קיינמאָל אַהער ניט קומען: — איך וועל שוין מער ניט אָנקומען צו דאָרען, — האָט זי געזאָגט דער מאַמען. זי איז אָבער יע געקומען. און יעדעס מאָל איז בעני געקומען זי איבערבעטן. — קינדער פירן זיך אויף ווי קינדער, טראַכט די מאַמע. דאַכט זיך אַזאַ בעני, דורכגעמאַכט אַ מלחמה, זיך אַזויפיל אָנגעליטן, געקראָכן אין פייער, און זי, סאַנדראַ, האָט נע־בעך אַזוי געבענקט נאָך אים, און איצט קריגן זיי זיך ווי קינדער. — האָט איר דאָס האַרץ געקלעמט און ס׳האָט איר געצויגן צו לויפן אַהין, זען וואָס דאָרט טוט זיך, אפשר וועט זי קענען מיט עפּעס העלפן. אָבער דאָרע לאָזט ניט.

— מאַמע, מיש זיך ניט. זיי וועלן זיך איבערבעטן אָן דיר, — זאָגט זי. און דער טאַטע האַלט מיט איר.

— האַלטן מיך אין צוים . . . — קאָכט אין איר אַ כעס אויף איר מאַן און טאָכטער, און אירע אויערן זיינען איר אָנגעשפּיצט, טאָמער וועט זי דערהערן סאַנדראַן אָנקומען. זי איז זיכער, אַז זי וועט קומען. וואו דען וועט זי גיין?

סאַנדראַ איז געקומען. געקומען שפּעט. באַבי איז שוין געשלאָפן אויף אירע הענט:

— איך האָב מיט אים אַרומגעשפּאַצירט, איז ער איינגעשלאָפן, — האָט זי זיך פאַרענטפערט וואָס באַבי איז איינגעשלאָפן. קען איך אים

פעסי באך

לייגן אין בעט ? — האָט זי ניט זיכער אַ קוק געטאָן אויף דאָרען.

דאָרע האָט אַ רואיקע געענטפערט :

— ס'וועט דערנאָך אים זיין שווער אויפצואוועקן, — האָט זי מיט ווייכקייט געקוקט אויף באָבין — און וואו איז בעני ? — האָט מר. שולמאַן איינגעהאַלטן געפרעגט.

סאַנדראַ האָט פאַרביסן די ליפּן. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיט דעם שלאָפנדיקן קינד אויף אַ שטול. געשוויגן אַ ווײַלע און צום סוף אַרויסגעפּלאַצט :

— בעני זיצט אין קענדי־סטאָר און פאַרברענגט מיט זיינע חברים... זי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָ אין קיך ווייסט מען שוין, אַז זי האָט זיך ווידער געקריגט מיט בענין. אָבער איר האָט שוין מער גאָר נישט געאַרט. ס'איז איר איצט געווען זייער שלעכט, ערגער ווי אַלעמאָל. בעני איז אַרויסגעלאָפן מיט אַזאַ קלאַפּ מיטן טיר, אַז ער וועט שוין מער ניט קומען נאָך איר.

דאָרע האָט געזאָגט :

— אַ קענדי־סטאָר איז ניט קיין סאַלון, ס'איז ניט געפערלעך, סאַנד־ראַ, אַז ער זיצט דאָרט אַ ווײַלע. נעם בעסער באָבין אַהיים. בעני וועט באַלד קומען.

— איך גיי שוין מער נישט אַהיים ? איך וועל שוין מער קיין מאָל נישט צוריקגיין . . . — האָט סאַנדראַ שטיל געזאָגט. — לאָך נישט, — האָט זי אַ צעווייטיקטע געקוקט אויף דאָרען, — דאָס מאָל מיין איך עס !

מר. שולמאַן האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט זיך פאַרשפּיליעט זיין רעקל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ערגעץ וואו צו גיין :

— שיק זי גלייך אַהיים ! — האָט ער געזאָגט איינגעהאַלטן, אָבער מיט אַזאַ כעס אין די אויגן, אַז מרס. שולמאַן האָט זיך אַזש אָפּגערוקט אַן אַ זייט, — די מינוט זאָל זי צוריקגיין צו איר מאַן, דו הערסט ?

— שאַ, שאַ, — האָט מרס. שולמאַן פּרובירט אים באַרואיקן. — זי וועט גיין. דאָס קינד שלאָפט דאָך איצט. זי וועט צוריקגיין מאָרגן אינדערפרי.

— ניין, זי וועט דאָ מער ניט שלאָפן ! — האָט שוין מר. שולמאַן געשריען, — זי האָט אַ היים, דאַרף זי דאָרטן שלאָפן . . .

סאַנדראַ האָט געקוקט אויף איר טאַטן און זיך ניט געגלויבט, אַז ער מיינט עס. ער האָט זי נאָך קיינמאָל פריער ניט אַרויסגעטריבן פון הויז. זי האָט אָבער געזען זיין פּנים און געוואוסט, אַז ער מיינט עס איצט. ס'האָט זיך איר אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט. זי האָט זיך אויפגע־

יונג לעבן

הויבן מיט באַבין אויף די הענט און זיך געלאָזט צו דער טיר. מרס. שולמאַן איז איר פאַרלאָפן דעם וועג. זי האָט צעשפּרייט די הענט און נישט געלאָזן סאַנדראַן עפענען די טיר.

— גזלן! — האָט זי געשריען אויף איר מאַן, — וואָס טרייבסטו דאָס קינד אין גאַס אַרויס? וואָס ווילסטו פון איר?

מר. שולמאַנען האָט אַזש פאַרפּעלט אָטעם:

— אַז זי וועט וויסן, אַז זי קען מער אַהער נישט קומען איבער־נעכטיקן, וועט זי זיך אויפהערן קריגן מיטן מאַן . . . דו הערסט, מען דאַרף מער ניט לויפן צו דער מאַמען! — האָט ער שוין איצט געשריען אויף סאַנדראַן, — איך האָב היינט געזען בעניו, זיין פּנים איז געווען פינצטער. גיי, בעט אים איבער, אַניט וועסטו אינגאַנצן ניט האָבן קיין מאַן! . . .

— אַלעמאָל דאַרף ער דיך איבערבעטן? מעגסט אַמאָל צוגעבן, אַז דו ביסט אומגערעכט, — האָט דאַרע אַ רואיקע צוגעגעבן.

סאַנדראַ האָט געקוקט אויף איר טאַטן, אויף דאַרען און זיך דער־פילט ווי אַרומגערינגלט מיט שונאים. איר איינציקער פריינט דאָ איז די מאַמע. אָבער זי זעט שוין, אַז איר מאַמע וועט איר דאָ גאָרנישט ניט העלפן. האָט זי שטיל געזאָגט:

— מאַמע, לאָז מיר דורך, איך וויל דאָ מער נישט זיין.

— ווי איז מיר, — האָט מרס. שולמאַן אַראָפּגעלאָזן די הענט. — יאָגט אַ קינד אין גאַס אַרויס . . .

אַז סאַנדראַ איז אַראָפּ די טרעפּ, איז אין קיך געוואָרן שטיל, ווי נאָכן אַרויסטראָגן אַ טויטן. מרס. שולמאַן האָט געקוקט אויף דער פאַרמאַכטער טיר און זיך שטיל צעוויינט.

— מאַמע, הער אויף, — איז דאַרע צוגעגאַנגען צו איר. — גלויב מיר, ס'איז בעסער אַזוי. זי וועט מער ניט וועלן קומען אַהער, וועט זי זיך אויפהערן קריגן מיט בעניו.

— זיי זיינען דאָך נאָך קינדער, — האָט מרס. שולמאַן געוויינט, — מ'דאַרף זיי העלפן . . .

— איך האָב איר געהאָלפן מיט דעם וואָס איך האָב זי צוריקגע־שיקט צו איר מאַן, — האָט מר. שולמאַן זי געוואָלט באַרואיקן. — זיינע הענט האָבן אים געציטערט און זיין פּנים איז אים געווען בלייך.

מרס. שולמאַן האָט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט זיך געזעצט אויף איר שטענדיקן שטול ביים פענצטער און פּרובירט אַרויסקוקן אין גאַס אַראָפּ, אפשר וועט זי דערזען סאַנדראַן אַרומגיין. זי וועט אַזוי

אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט, — האָט איר דאָס האַרץ געקלאַגט. — אַ טאַ־
טע זאָל קיין רחמנות נישט האָבן . . . זי האָט געזוכט צו דערזען סאַנדראַן
ביים אָפּשיין פון גאַסן־לאַמפּ. אָבער די גאַס איז געווען ליידיק. די
גראָסערי־סטאָר אַנטקעגן — שוין פאַרמאַכט. אינדערהויך, אין הויז —
פינצטער. בלויז ביים ווינקל גאַס, אַרום דער קענדי־סטאָר, איז געווען
ליכטיק פון די לאַמפּן אַרום.

מרס. שולמאַן איז נאָך לאַנג געזעסן ביים פענצטער. איר מאַן און
דאָרע האָבן זיך אויך ניט גערירט פון אָרט. ביז זי האָט שוין מער ניט
געקענט אויסהאַלטן. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן איר מאַנטל
און איז אַרויס. מר. שולמאַן האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, האָט דאָרע
אים אַ וואונק געטאָן צו שווייגן.

— זאָל זי גיין, — האָט זי דערנאָך שטיל געזאָגט, — אַז זי וועט
זען, אַז סאַנדראַ איז ביי זיך אין דער היים, וועט זי קענען רואיק שלאָפן.

ווען מרס. שולמאַן איז צוריקגעקומען, איז זי אַריין זייער שטיל.
קיינער האָט זי גאָרנישט געפרעגט, האָט זי אויך געשוויגן. אָבער, אַז
זי האָט דערפילט איר מאַנס אויגן אויף זיך, האָט זי אַ פאַרשעמטן שמייכל
געטאָן:

— ס'וועט שוין זיין גוט . . .

דאָרע האָט געפרעגט:

— און בעני? איז ער מיט איר?

— זיי עסןביידע אייז־קרים . . . בעני האָט געבראַכט אייז־קרים...

— האָט איר פּנים זיך נחתדיק צעשמייכלט.

אַז דאָרע האָט גענומען לאַכן, האָט זי געזאָגט:

— און בעני וועט שוין מער נישט אַרבעטן ביינאַכט. ער האָט שוין
געזאָגט זיין מאַמען, אַז די אָוונטן וויל ער זיין פריי, ווען זיי אַמאָל דאָ
קענען איבערלאָזן דאָס קינד און גיין צו אַ מואווי.

מר. שולמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף דאָרען. אַ שמייכל האָט באַ־
לויכטן זיין פאַרדאגהטן פּנים:

— אָבער אויסגעפירט האָט זי . . . — האָט ער געזאָגט, און מרס.
שולמאַן האָט געזען, אַז פונדעסטוועגן איז ער צופרידן, וואָס סאַנדרא
האָט אויסגעפירט.

— קינדער, — האָט דאָרע פריילעך געזאָגט, — אַ פּאָר קינדער . . .

IV

ביי די זימערמאַנס אין דער הויך, איבער דער גראָסערי־סטאָר איז

יונג לעבן

געווען ליכטיק אין אַלע צימערן. אָבער די סטאָר אונטן איז געווען פינצטער און פאַרמאַכט. בלויז אַ קליין לעמפּל האָט געברענט אין אַ ווינקל פון סטאָר, ווי אַ וואַכנדיק אויג, וואָס גיט אַכטונג. עטלעכע ווייבער, וועלכע זיינען געוואוינט, אַז ווען זיי וועלן קומען, וועט די סטאָר זיין פאַר זיי אָפן, זיינען געשטאַנען פאַרוואונדערטע ביי דער פאַרמאַכטער טיר און ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס היינט איז דאָ פאַרקערט: אויבן אין הויז איז ליכטיק, און דאָ אונטן אין סטאָר, איז פינצטער.

מרס. שולמאַן האָט זיי פון איבערן וועג נאָכגעקוקט. ווען זי וואָלט געווען מיט זיי אונטן, וואָלט זי זיי געקענט דערציילן, אַז ביי דער מרס. זימערמאַן איז היינט יום־טוב; אירער אַ ברודער איז געקומען צו פאָרן פון פוילן. „געבליבן דער איינציקער פון אַ גאַנצער פאַמיליע", האָט זי ניט איין מאָל געוויינט פאַר איר. — „געבליבן דער יינגסטער ברודער פון אַ סך ברידער, שוועסטער, פון טאַטע־מאַמע, מומעס און פעטערס. געבליבן איינער לעבן, וועל איך אים אַריבערברענגען אַהער . . ." — האָט זי אַלעמען דערציילט. אָבער קיינער, אַפילו ניט בעני, אַניט וואָלט שוין סאַנדראַ איר דערציילט, האָבן געוואוסט, אַז מרס. זימערמאַן אַרבעט מעשים צו קענען אים אַריבערברענגען אַהער. ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט סאַנדראַ איר דערציילט:

— דו ווייסט? בעניס אַ פעטער קומט דאָך פון פוילן! און איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז ער האָט אַ פעטער! — האָט זי זיך געוואונדערט.

און ערשט היינט אינדערפרי, איז די מרס. זימערמאַן אַריינגעלאָפן צו איר מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנט. ס'פאַסירט זייער זעלטן, אַז מרס. זימערמאַן זאָל אַרויפקומען צו איר. סיידן ס'פאַסירט עפּעס, ווי דאַן, ווען סאַנדראַ מיט בענין האָבן פּתונה געהאַט אָן קיינעמס וויסן, ווען באַבי איז געבאָרן געוואָרן, ווען בעני איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, און ווען בעני מיט סאַנדראַן האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון די זימערמאַנס. פּונקט אַזוי, איז זי אַריינגעלאָפן מיט דער טעלעגראַמע, מיט טרערן אין די אויגן, אַז איר ברודער, איר איינציקער ברודער חיים קומט. זי האָט געזאָגט:

— איך וועל פאַרמאַכן היינט די סטאָר פאַרפרי. איך וועל שוין ניט טאָן, ווי דאַן, ווען בעני איז געקומען צו פאָרן אַהיים. איר געדענקט? ס'איז געווען אַ שבת ביינאַכט, די סטאָר איז פול געווען מיט קונים, האָב איך ניט געקענט אַוועק . . . און סאַנדראַ איז אַליין געפאָרן אים באַגעגענען . . . מיין איינציקן ברודער וועל איך שוין אַליין

פעסי באך

פאַרן איבערנעמען . . . — האָט זי זיך געווישט די אויגן.

די סטאָר האָט מען טאַקע פאַרמאַכט פרי. מרס. שולמאַן האָט זיך אויסגעדראַכט, אַז ס'איז עפּעס ווי ערב אַ יום־טוב, ווי זי געדענקט אין דער היים, אין שטעטל, פלעגט מען פאַרמאַכן די געשעפטן אין אַ פרייטיק, פאַרפרי. אַזוי האָט זי געזען די זימערמאַנס אַרויפלויפן אינדערהויך, ווי זיי וואָלטן זיך געאײַלט צו מאַכן זיך שבתדיק. איידער זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל, איז זי אַרויף צו מרס. שולמאַן:

— איך האָב בעני אויך אַהיים געשיקט, — האָט זי מיט ווירדע געזאָגט. — ס'איז היינט בײַ מיר יום־טוב. האָב איך אים אַהיים געשיקט זיך אויסרוען, ווײַל בײַנאַכט האָב איך אַ פאַרטי פאַרן גאַסט. קומט אויך אַריבער מיטן מאַן, — האָט זי מיט אַ סך גוטסקייט געזאָגט. — און אויב דאַרעט וועט אַנשטיין, בעט איך זי אויך.

מר. שולמאַן האָט ניט געהאַט קיין חשק, אָבער צוליב די קינדער, ווי זי האָט מיט אים איינגעטענהט, וועט ער אַריבער. דאָרע האָט געזאָגט: אפשר. אָבער מרס. שולמאַן ווייסט, אַז זי וועט ניט גיין, אַז זי האָט זייער פיינט דער מרס. זימערמאַן. מרס. שולמאַן ווייסט אָבער, אַז ערגעץ אַנדערש וואָלט דאָרע אויך ניט געגאַנגען. — זיך איינגעזעסן אין הויז, — טראַכט זי וועגן איר. — הלוואי וואָלט זי שוין געווען ווי סאַנדרא, אַ צוגעלאָזענע, אַ באַרעדעוודיקע, וואָס שעמט זיך פאַר קיינעם ניט.

מרס. שולמאַן האָט ניט געוואוסט, אַז דאָרטן אין דער הויך, בײַ די זימערמאַנס, אינעם ליכטיק יום־טובדיקן צימער, שטייט סאַנדראַ אַנטקעגן דעם גאַסט און שעמט זיך יע. סאַנדראַ האָט זיך נאָך פון פריער געזאָרגט; וואָס וועט זי רעדן מיטן גאַסט, אַז ער וועט זיין אַ פרעמדער, אַן ערנסטער, און אַוודאי אַן עלטערער מאַן. ס'וועט אים אפשר גאָר ניט געפעלן, וואָס זי, סאַנדראַ, לאַכט אַ סך, וואָס זי איז אַזאַ פריילעכע. שטייט זי איצט אַנטקעגן אים, קוקט אויף זיין דאַרן, לענגלעכן פנים און וואונדערט זיך וואָס ער איז גאָר אַ יונגער, וואָס זיינע אויגן שמייכלען צו איר און בעניין אַפילו וועגן ער שווייגט. שעמט זיך סאַנדראַ פאַר אים, ווייל ס'דאַכט זיך איר, אַז מיט אים דאַרף זי רעדן קלוגע, ערנסטע רייד. ווייל אין זיין זכרון זיינען איינגעקריצט שוידערלעכע איבערלעבונגען, זיינע אויגן האָבן זיך אַנגעזען מיט גרוילעכע פּאַסירונגען. טאַ וואָס קען זי שוין מיט אים רעדן?

דער גאַסט חיים קוקט אויף זיי ביידן און שמייכלט:

— איך וואָלט זיך געוואָלט מיט אייך באַקענען, קינדער. וועל איך אָבער קענען זיך צונויפרעדן מיט אייך? איר פאַרשטייט דען יידיש?

יונג לעבן

סאַנדראַ דערפרייט זיך:

— איך קען רעדן יידיש! — ווילט זיך איר אַזש אויפהייבן איר האַנט, ווי זי פלעגט טאָן אין סקול, ווען זי האָט געוואוסט אַן ענטפער. — און בעני קען אויך אַביסל. ניט קיין סך, ווייל זיין מאַמע רעדט מיט אים אַלע מאָל ענגליש. — ווייל זי פאַרענטפערן בעניז.

— דיין מאַמע מוז זיין אַ פּוילישע! — דערפרייט זיך חיים. — דו רעדסט דאָך, ווי ביי אונדז אין שטעטל!

סאַנדראַ געדענקט וואָס בעניס מאַמע האָט זיי אָנגעזאָגט: ניט רעדן מיטן גאַסט וועגן שטעטל, לאָזן אים פאַרגעסן דעם גרויסן אומגליק וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזן. און דאָ, רעדט ער גאָר אַליין וועגן זיין שטעטל מיט אַ שמייכל. איז איר געוואָרן אַ ביסל היימישער מיט אים.

— ביי אונדז אין הויז רעדן מיר אַלע יידיש. — דערציילט זי אים. און טראַכט, אַז ס'וואָלט איר געווען מאָדנע, ווען איר טאַטע אָדער מאַמע נעמען פּלוצלונג צו איר רעדן ענגליש . . . איידער זי האָט חתונה געהאַט, פלעגט דאָרע אַמאָל נעמען צו איר רעדן ענגליש. אָבער דאָן איז שוין געווען שלעכט. דאָן האָט שוין סאַנדראַ געוואוסט, אַז דאָרע איז אין כעס.

דער גאַסט חיים קוקט אויף איר און בעניז מיט נאָענטקייט, מיט וואַרעמקייט. בעני, זיין שוועסטערס זון. אַזאַ שיין געוואַקסענער, אַ שטילער, און קענטיק, אַ ביסל אַ שעמעוודיקער. זי, סאַנדראַ, אַזאַ יונ־גינקע, אַ שלאַנקע, מיט לאַכנדיקע, קלוגע אויגן, מיט אַ חשק צו רעדן. קוקט אַליין אויס ווי אַ קינד און האָט שוין אַזאַ גרויס קינד. קוקט ער מיט וואונדער אויף באַבין, וואָס איז פאַרנומען מיטן אַרומקריכן איבער שטולן.

— אַ טייער קינד, די סאַנדראַ, — זאָגט ער צו זיין שוועסטער. — דיין בעני איז שוין גאָר אַ מבין! . . . זע, אַז דאָס קינד זאָל קענען יידיש.

— מיין בעני איז אויך אַ טייער קינד. ער איז ווערט אַ גוטע ווייב.

— ענטפערט זי שטיל, סאַנדראַ זאָל פונדעסטוועגן ניט הערן. ביי זיך טראַכט זי, אַז שפּעטער, ווען אַלע וועלן זיך צעגיין, וועט זי אים דער־ציילן, אַז איר בעני האָט געזאָלט גיין אין קאָלעדזש, האָט אים סאַנדראַ איבערגערעדט, אַז זיי זאָלן גאָר פריער חתונה האָבן . . . זאָל דער ברודער זיך ניט וואונדערן, וואָס איר קינד, איר איין און איינציקער, אַרבעט גאָר אין אַ גראָסערי־סטאָר. ווייל זי זיך פאַרענטפערן, וואָס זי וועט שפּעטער באַרעדן סאַנדראַן.

ווען סאַנדראַ איז געשטאַנען ביים פענצטער, אַריבערגעקוקט צו איר

טאַטע־מאַמע קומען, האָט חיים געפרעגט:

— אויף ווערמען וואַרטסטו עס אַרויס דורכן פענצטער? אויף געסט?

סאַנדראַ האָט זיך צעשמייכלט:

— אויף מיין טאַטע־מאַמע. זיי וואוינען דאָ גלייך אַנטקעגן.

— אַהאַ, — האָט ער פריילעך געזאָגט. — מסתמא פלעגט איר זיך דורכשמועסן דורכן פענצטער, ניט אמת?

סאַנדראַ האָט אַ קוק געטאָן אויף בענין. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי מיט בענין פלעגן זיך צונויפרעדן אויף שטום לשון. ווי זי פלעגט דורכן פענצטער אָפּהיטן ווען בעני גייט אַרויס פון הויז און פונקט דאָן אויך אַרויסגיין. און דערנאָך כלומרשט זיך וואונדערן וואָס זי טרעפט אים. דאָס איז נאָך געווען לאַנג צוריק, ווען בעני האָט איר נאָך געהאַלטן פאַר אַ קינד און זיי פלעגן זיך אַרומקריגן. ווען זי האָט שוין געוואוסט, אַז בעני האָט זי ליב, פלעגט זי אים שוין אויסזאָגן, אַז זי היט אים אָפּ דורכן פענצטער.

דער גאַסט לאָזט זי ניט אָפּ:

— בלויז טאַטע־מאַמע קומען? האָסטו ניט קיין שוועסטער?

סאַנדראַ טראַכט, אַז ער פרעגט זי בלויז דערפאַר, ווייל ער וויל זיין פריינטלעך. ענטפערט זי אַ צופרידענע:

— יע, איך האָב אַן עלטערע שוועסטער. זי איז געבאָרן געוואָרן אין פוילן. זי איז געקומען אַהער ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. זי רעדט אויך יידיש. נאָך בעסער פון מיר. — וויל זי זיך איבערנעמען מיט דאָרען.

חיים קוקט אויף איר פאַרפלאָמט פנים:

— איז זי אויך אַ שיינע?

סאַנדראַ טראַכט וועגן דאָרען. ס'איז איר שווער צו באַשטימען צי דאָרע איז שיין. זי איז אַזוי צוגעוואוינט צו איר, ווי אַזוי קען זי וויסן? זי ווייסט אָבער, אַז ווען דאָרע איז רואיק, אויסגערוט, ווען זי איז צופרידן און שמייכלט, שיינט אַרויס פון איר עפּעס אַזאַ שיינקייט.

— יע, — זאָגט זי מיט זיכערקייט, — זי איז שיין. זי איז אָבער זייער אַן ערנסטע, אַ שטילע. זי לייענט אַ סך. — טראַכט זי, אַז דאָרע מוז איצט אַוודאי ליגן ביי זיך אויפן בעט און לייענען. דאָרע וואָלט געדאַרפט זיין דאָ, פאַלט איר איין, דאָ, אין דער ליכטיקייט, אין דער יום־טובדיקייט, וואָלט איר פנים געשיינט מיט איר באַהאַלטענעם חן. זי האָט אַריבערגעקוקט צו דעם באַלויכטענעם צימער, וואו זי מיט דאָרען פלעגן שלאָפן:

— מיין שוועסטער דאַרע וועט אפשר אויך אַריבערקומען, — גיט זי פלינק אַ קוק אויפן גאַסט. — וועט איר זיך באַקענען מיט איר. ביי זיך טראַכט זי, אַז זי וועט אויף גיך אַריבערלויפן און זיך איינבעטן אַז דאַרע זאָל אַריבערקומען. זי וויל נאָך ניט טראַכטן, פאַרוואָס זי וויל אַזוי שטאַרק, אַז דאַרע זאָל אַריבערקומען, אָבער איר קאָפּ האָט פלינק גענומען מאַכן פּלענער, ווי אַזוי זי איבערצורעדן, זי זאָל וועלן קומען.

מרס. זימערמאַן האָט דערהערט, אַז סאַנדראַ רעדט וועגן דאַרען. ס'איז איר עפּעס ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זי רעדט וועגן איר מיט אַזאַ ברען. זי האָט גענומען איר ברודערס האַנט:

— חיים, דו האָסט זיך נאָך גאָרנישט אָפּגערוט. נאָך גאָרנישט געגעסן. קום, זע וואָס פאַר אַ גוטע זאַכן איך האָב אָנגעגרייט פאַר דיר. — האָט זי אים אַריינגעפירט אין עס־צימער, אים צוגעפירט צום טיש. דער טיש איז געווען פונאַנדערגענומען ווי פאַר אַ סך געסט, אָנגעשטעלט מיט פאַרשיידענע געריכטן, מיט טאָרטן און פרוכטן. ס'האָט זיך איר געוואָלט, אַז איר ברודער זאָל גלייך, פון דעם ערשטן טאָג אָן, שוין פאַרזוכן פון איר רייכקייט, פון איר האָב און גוטס. — איך וועל אים אָפּקאָרמענען, — האָט זי געטראַכט קוקנדיק אויף זיין דאַרן גוף, אויף די איינגעפאַלענע באַקן. ס'איז איר באַר געווען מאָדנע און זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס ער איז אַזוי רואיק. וואָס ער שמייכלט און וויצלט זיך, גאָרנישט ווי ער וואָלט געקומען פון אַזאַ אומגליק. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי וועלן פאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז, אַז זיי וועלן זיך ביידע גוט אויסוויינען, זיך גוט אויסזיפצן און ער וועט רעדן וועגן דער אומגעקומענער משפחה. צום סוף, בלויז ווען ער האָט זיך מיט איר צעקושט, און זי האָט גענומען וויינען, האָט זיין פּנים גענומען צוקן, די אויגן זיינען אים געווען פאַרלאָפן, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— שוועסטער, מ'דאַרף ניט וויינען . . . אָט, זע ווי רייך איך בין נאָך! איך האָב נאָך אַ שוועסטער ! . . .

— עס, חיימל, — האָט זי זיך ביי אים געבעטן. — נעם, פאַרזוך עפּעס.

חיים האָט אַ גלייכגילטיקער געקוקט אויפן צוגעפּוצטן, יום־טובדיקן טיש און זיך ניט געוואָלט זעצן אַליין עסן.

— לאָמיר שוין צוואַרטן אויף דיינע געסט. באַלד וועלן דאָך קומען דיינע מחותנים און סאַנדראַס שוועסטער, — האָט ער געזאָגט.

מרס. זימערמאַן האָט זיך אַזש פאַרקרימט:

פעסי באך

— איר שוועסטער וועט ניט קומען. ס'וועט זי ניט אָנשטיין, דער גרויסער מענטש . . . וואָלסטו מיינען וואָס? איז שוין אַריבער די דריי־סיקער. אויסגעדאַרט און אויסגעהאָרעוועט. — האָט זי געוואָלט פאַר־שטעלן דאָרען פאַר איר ברודער. זאָלן זיי זיך נאָר ניט איינרעדן עפּעס, האָט זי געטראַכט וועגן די שולמאַנס, וועגן סאַנדראַס פאַרפלאַמט פּנים, ווען זי האָט גערעדט וועגן איר שוועסטער.

בעני האָט געפרעגט סאַנדראַן:

— וועגן וואָס טראַכטסטו, סאַנדראַ?

סאַנדראַ האָט אַ פאַרחלומטן שמייכל געטאָן:

— איך?

— יע. — האָט בעני געקוקט אויף איר פּנים און שוין דערקענט, לויט דעם גלאַנץ אין אירע אויגן, אַז זי פּלאַנירט שוין עפּעס.

— בעני, — האָט סאַנדראַ זיך אויסגעדרייט צו אים, אים אַריינ־געקוקט אין די אויגן ווי אַלע מאָל, ווען זי וויל אים אַריינציען אין אירע פּלענער. — בעני, — האָבן אירע אויגן געשיינט העלער פון לאָמפּ איבער איר קאָפּ, — איך וויל אַריבערלויפן זען פאַרוואָס מיין טאַטע־מאַמע קומען ניט. גוט?

— גיי. — האָט בעני צוריקגעשמייכלט. — און זע, אַז דאָרע זאָל ניט אַנדערש קומען, — האָט ער זי געוואָלט לאָזן וויסן, אַז ער ווייסט וועגן וואָס זי טראַכט.

— בעני, — האָט סאַנדראַ געוואָלט אים אַרומכאַפּן קושן, נאָר זי האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן ווען מענטשן זיינען אַרום. — גיב אַכטונג אויף באַבין. כ'וועל גלייך צוריקקומען.

זי איז אַריין אין עס־צימער:

— מאַ, — האָט זי געזאָגט צו מרס. זימערמאַן, — איך לויף אַרי־בער איבערן וועג, זען פאַרוואָס טאַטע־מאַמע קומען נאָך ניט. און טאַקע צוויילן דאָרען אויך. — האָט זי אַ שמייכל געטאָן צו דעם גאַסט און ער האָט צו איר צוריקגעשמייכלט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט צו איר אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג. סאַנדראַ האָט זיך דערפילט זייער נאָענט צו אים, ווי זי וואָלט אים שוין געקענט פון לאַנג. זי האָט גע־קוקט אויף זיין פּנים און געטראַכט, אַז כאָטש ער איז אַ פרייליכער, שמייכלט אַזוי וואַרעם צו אַלעמען, איז ער אָבער אַזוי ווי דאָרע: איינ־געהאַלטן, שטיל, און קלוג. ער וועט דאָרען געפעלן, האָט זי אַ צופרי־דענע געשמייכלט. מרס. זימערמאַן האָט מיט חשד געקוקט אויף איר:

— נו, אויב זי וויל, — האָט זי מיט קאַלטע ליפּן געענטפערט.

י ו נ ג ל ע ב ן

סאַנדראַ האָט דערפֿלט, אַז איר שוויגער וויל דאָ עפּעס ניט, אַז דאָ־רע זאָל קומען. איר האָט עס אָבער ניט געאַרט. זי האָט געוואוסט איין זאַך, אַז וואָס זי נעמט זיך אונטער, פֿירט זי אויס.

אַ לעבן פון דאָס נײַ

1

איך בין געווען שפּעט צו דער אַרבעט. איך האָב געוואוסט, אַז אויב איך וועל ניט כאַפּן די אַנקומענדיקע סאָבוועי־באַן, וועל איך דאַרפן זיך מעלדן צו דעם מר. ווילקאָקס אין אָפּיס, ער זאָל גוטהייסן מײַן קומען שפּעט. מיר היטן זיך אַלע אויס דערפון, קיינער וויל ניט ווערן באַשאַנ־קען מיט מר. ווילקאָקסעס קוק פון זײַנע גרויע, פאַרשטאַרטע אויגן, פון זײַן שמייכעלע, בשעת ער שרײַבט אונטער זײַן נאָמען. אַ שמייכעלע וואָס זאָגט: זע, מיר זײַנען פײַן צו דיר, אָבער אַ צווייטן מאָל, וועלן מיר עס ניט וועלן לײַדן . . . איך האָב אָבער דערזען די פּרימאַרגנדיקע צײַטונג, צעלייגט אין דעם צײַטונגס־בײַדל בײַם אַרײַנגאַנג פון סאָבוועי. גרויסע קעפּ האָבן דערציילט וועגן די זיגן פון די עלאַיס, אַז די נאַצי־אַרמייען לויפן אויף צוריק. איך האָב געכאַפּט אַ צײַטונג, אַ וואָרף געטאָן מײַנע דרײַ פּעניס, און גענומען זיך שטופּן צום אַרײַנגאַנג פון דער סאָבוועי. איך האָב זיך אַן עפּעס פאַרטשעפּעט און בין געפאַלן. ווײַזט אויס, אַז איך האָב זיך גוט צעקלאַפּט און בין מסתמא אַ לאַנגע צײַט געווען באַוואוסטלאָז, ווײַל אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך ניט געוואוסט וואו איך געפין זיך. איך בין געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ טראָטואַר. איך האָב געזען איבער זיך אַ פאַרוואָלקנטן הימל. איך האָב געהערט אַרום זיך די טריט פון פיס, און מענטשן רעדן, ווי פון ערגעץ ווײַט אַוועק. דאָס ליגן אויפן רוקן, מענטשלעכע פיס און טומל אַרום, איז מיר פאַרגעקומען באַקאַנט. איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז ערגעץ וואו בין איך שוין אַזוי געלעגן. איך האָב זיך דערמאָנט: בײַם ברעג ים! אַז איך פלעג אַמאָל אַ זונטיק אַזוי אײַנשלאָפן בײַם ברעג ים, אויפן ווײַסן אָנגעברענטן זאַמד, און דערנאָך פלוצלינג זיך אויפכאַפּן, פלעג איך בלײַבן ליגן אַזוי אַ באַטויבטע פון מענטשלעכן טומל און פון צענדליקער פיס אַרום זיך. נאַסע פיס. מיט טראָפּנס פון ים, מיט צוגעקלעפּטן ווײַסן זאַמד אויף זיי. דאָ האָבן די פיס אויך געשווינדלט פאַר מײַנע אויגן, נאָר דאָ זײַנען די פיס געווען אין שיך. איך האָב געקאָנט זען הויכע קנאָפּל און פלאַכע, מענערשע שיך.

איך האָב דערפילט ווי אימעצער בויגט זיך אַראָפּ צו מיר און

יונג לעבן

מ'פרעגט מיך:

— האַלאָ, איר קאָנט מיך הערן?

איך האָב געוואָלט זיך אויפהויבן און ניט געקאָנט. דער קאָפּ האָט מיר זייער ווי געטאָן. און די זעלבע שטימע פרעגט ווייטער:

— וואָס איז געשען מיט איך? איר זענט געפאַלן?

איך האָב זיך דערמאָנט, יאָ. איך בין געפאַלן. איך האָב זיך געאײַלט צו דער אַרבעט, געוואָלט כאַפּן די אָנקומענדיקע באַן אונטער דער ערד, און ביים סאַמע אַריינגאַנג פון סאַבוועי בין איך געפאַלן. איך געדענק אַפילו, אַז ס'איז געווען אַ זוניקער טאָג . . . איך האָב מיט אימפּעט זיך אויפגעזעצט. דער ווייטיק אין קאָפּ איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך וועל צוריקפאַלן, אָבער איך בין געבליבן זיצן. לעבן מיר, מיט איין קני אויפן טראָטואַר, איז געשטאַנען אַ פּאָליציי־מאַן. ער האָט געהאַלטן מיין האַנט, מיר געקוקט אין פּנים אַריין און געפרעגט:

— איר זענט געפאַלן?

— יאָ, — האָב איך געזאָגט. — ווייזט אויס, אַז איך בין געפאַלן, זיך פאַרטשעפּעט און געפאַלן . . .

דער פּאָליציי־מאַן האָט געטאַפּט מיין קאָפּ, געזוכט מיט די פינגער צווישן מיינע האָר און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך געוואונדערט וואָס מיין קאָפּ איז נאָך גאַנץ. ער האָט מיר געהאָלפן זיך אויפשטעלן, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער טראָטואַר זינקט אײַן אונטער מיר, דער קאָפּ האָט מיר ווי־געטאָן, ווי עפּעס אַ שווערע זאַך וואָלט געדריקט מיין מוח, אָבער איך בין געבליבן שטיין, דער פּאָליציי־מאַן האָט אַ צופרידענער צו אימעצן אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, זי איז אָ־קעי! בלויז אַביסל צעטרייסלט. ער האָט מיר געראָטן גלייך אַהיים צו גיין און זיך לייגן אין בעט, — אויב איר קריגט ווייטיקן, רופט גלייך אַ דאָקטאָר. פון אַזאַ פאַל, קאָן מען קיינמאָל ניט וויסן . . . — האָט ער מיר אָנגעזאָגט און ער האָט געפרעגט:

— אייער נאָמען איז וועלין בעס?

איך האָב געענטפערט, אַז מיין נאָמען איז בעטי מילער, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אַן וועלין בעס.

דער פּאָליציי־מאַן האָט עפּעס מאָדנע אויף מיר אַ קוק געטאָן.

— מ'האָט מיר דאָ געזאָגט, אַז אייער נאָמען איז וועלין בעס. זייט איר זיכער, אַז איר קאָנט אַליין אַהיים גיין?

אַז דער פּאָליציי־מאַן איז אַוועק, זיינען די איבערגעבליבענע מענטשן זיך אויך צעגאַנגען. איך בין געבליבן שטיין אַליין, אין מיטן גאַס.

פּעסי באָך

ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף גיין רעכטס, דאָרט געפינט זיך די זעקסטע עוועניו, וועל איך שוין זיין לעבן דער 14טער גאַס, וואו איך וואוין. איך האָב אָבער פּלוצלינג דערזען אַז איך געפין זיך גאָר אויף אַן אַנדער גאַס, ניט דאָרט וואו איך בין געפאַלן. איך האָב געקוקט אויף די הייזער אַרום, אויף דער דורכפאָרנדיקער סטריט־קאַר, און איך בין געוועזן זיכער, אַז איך בין דאָ פריער קיין מאָל ניט געווען. איך האָב דאָך געוואוסט, אַז איך בין גאָר געפאַלן ביים אַריינגאַנג פון אַ סאָבוועי. אַן אַ זייט, איז געשטאַנען דאָס ביידל מיט די צייטונגען, וואו כ'פלעג אַלע אינדערפרי קויפן אַ צייטונג. איך בין געווען שפּעט, ווייל מיין באַלעבאָסטע, ביי וועמען איך וואוין, די מרס. בראַון, האָט מיך פאַר־האַלטן, געוואָלט מיר מיטגעבן צו לייגן אַ בריוו צו איר זון אויפן פּאַ־סיפיק. האָב איך זיך געאיילט און געפאַלן לעבן די טרעפּ. דאָ אָבער בין איך געשטאַנען אויף אַ פרעמדער גאַס. פאַרשוואַרצטע, צוויי־שטאָ־קיקע הייזער, גראָסערי־ און קענדי־סטאָרס, מיט שמוציקע, פאַרשטויב־טע פענצטער. פלייש־קרעמלעך מיט יידישע אותיות „בשר־כשר", און צווישן צוויי אַריינגאַנגען האָט געפינקלט אַן עלעקטריש שילדל פון אַ מואווי־הויז. אַ געלע סטריט־קאַר איז אַלע ווײַלע דורכגעפאָרן. די גאַס איז געווען ליידיק, ווי נאָך אַ יאַריד . . . איך האָב געהאַט דעם גע־פיל ווי איך וואָלט פּלוצלינג געוואָרן אַריבערגעוואָרפן אין אַן אַנדער וועלט . . .

— מיס בעס, — האָב איך פּלוצלינג דערהערט הינטער זיך, — איר וואָלט געדאַרפט אַהיים גיין, איר קוקט אויס קראַנק.

איך האָב זיך אומגעדרייט און דערזען אין טיר פון אַ קענדי־סטאָר אַ מאַן אין אַ ווייסן רעקל. ער האָט געקוקט אויף מיר און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב ניט געוואוסט צו וועמען ער רעדט, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער פּאָליציי־מאַן האָט מיך אויך גערופן „מיס בעס", האָב איך אים געענטפערט:

— איך בין ניט עוועלין בעס, דער פּאָליציי־מאַן האָט אויך געמאַכט דעם זעלבן טעות.

דער מאַן האָט זיך אַזש אויסגעבויגן צו מיר. ווי ער וואָלט מיך געוואָלט בעסער באַטראַכטן. ער האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן, ווי מען שמייכלט צו אַ קראַנק קינד.

— ערשט היינט אינדערפרי האָט איר דאָך ביי מיר געקויפט אַ צייטונג, מיס בעס, אַז איר וועט צוריקקומען אין צען יאָר אַרום, וועל איך אייך אויך דערקענען . . .

איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז דער מאַן דענקט, אַז איך בין צע־

טומלט פון פאַל, איך וואָלט אים גערדאַרפט דערקלערן, אַז איך דערקען בלויז ניט דעם געגנט. ס'איז מיר אָבער געווען שווער צו שטיין און רעדן מיט אים, האָב איך גענומען דאָס מאָל גיין לינקס, האָב איך אָבער דערהערט ווי דער מאַן שרייט מיר נאָך:

— מיס בעס, וואו גייט איר? גייט בעסער אַהיים און רופט אַ דאָק־טאָר!...

איך בין געבליבן שטיין. טאַקע וואו גיי איך, אַז איך ווייס אַפילו ניט וואו איך געפין זיך דאָ? איך בין צוריקגעגאַנגען צום מאַן און אים דערציילט דעם אמת, אַז איך פיל ניט גוט און ווייס ניט וואו איך געפין זיך דאָ.

דער מאַן האָט זיך דערפרייט, ווי ערשט איצט וואָלט איך גערעדט צו דער זאַך:

— איך זע, אַז איר זענט צעטומלט... — סיליע! — האָט ער אַריינגעשריען אין קרעמל אַריין, — גיב אַכטונג, איך וועל צופירן מיס בעס אַהיים, זי איז נעבעך געפאַלן און ווייסט ניט וואו זי געפינט זיך אויף דער וועלט...

איך האָב זיך געלאָזט פון אים פירן, ווייל ערגעץ אַנדערש, האָב איך סיי ווי ניט געוואוסט וואו צו גיין.

— גייט אַריין און לייגט זיך גלייך אין בעט... — איז ער גע־בליבן שטיין ביי אַן איין־שטאָקיק הויז מיט צוגעפוצטע בוימלעך און גראָזן אַרום. איך האָב אַרויפגעקוקט צו די באַלויכטענע פענצטער. דורך די פאַרצויגענע פאָרהאַנגען האָב איך געזען שאָטנס פון מענטשן:

— ווער וואוינט דאָ? — האָב איך געפרעגט.

— אוי, ווי איז מיר... — האָט דער מאַן אַ קרעכץ געטאָן. ער איז אַרויפגעלאָפן די טרעפלעך און אָנגעקלונגען. אַן עלטערע פרוי האָט פאַר אונדז געעפנט די טיר. זי האָט אַ פאַרוואונדערטע אונדז אָנגע־קוקט. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט פרעגן ווער איך בין, האָט זי גאָר מיך געפרעגט:

— האָסט פאַרלוירן דיין שליסל, עוועלין? און וואָס ביזסטו היינט אַזוי שפּעט?

דער מאַן האָט שוין פאַר מיר געענטפערט:

— זי איז נעבעך געפאַלן, מרס. סילווער, זיך אַ זעץ געטאָן דעם קאָפּ אָן די שטיינער, איז זי נעבעך צעטומלט... האָב איך זי געמוזט אונטערפירן... — האָט ער זיך ווי אַנטשולדיקט.

די פרוי האָט ברייטער געעפנט די טיר:

פעסי באך

— נו, קום שוין אַריין . . . דיין סאָפּער איז שוין סיי ווי קאַלט, — איז זי געווען ברוגז.

איך בין אַריין און געבליבן שטיין אין אַ פינצטערן זאַל. פון אַ דערבייאיק צימער האָט זיך געשפּרייט אַ פּאַס ליכט. איבער די טרעפּ האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל. איך בין געבליבן שטיין, ווייל איך האָב ניט געוואוסט וואו איך זאָל גיין, אַרויף די טרעפּ, אָדער אַריין אין דעם ליכטיקן צימער און דערציילן די מענטשן דאָרט, אַז איך בין ניט עוועלין בעס, און אַז איך ווייס ניט, וואו איך געפין זיך דאָ. האָב איך דערהערט די מרס. סילווער שוין פון קיך אַרויס:

— ס'איז דאָ פון דיין סאָלדאַט אַ בריוו, עוועלין, איך האָב עס אַוועקגעלייגט אינדערהויך אויף דיין טישל.

הייסט עס, אַז עוועלין בעס דאַרף אַרויפגיין . . . איך האָב גענומען פאַרזיכטיק גיין אַרויף די טרעפּ. אַ קאַלטער שווייס איז מיר אַרויס אויפן שטערן. די פיס האָב איך געשלעפּט ווי פרעמדע. דריי פאַרמאַכטע טירן האָבן מיר אָנטקעגן געקוקט, ווי דריי פאַרמאַכטע אויגן. איך האָב פאַרזיכטיק געעפנט די ערשטע טיר רעכטס. אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט האָבן זיך אַרויסגעשוואַרצט אַ גרויסע, ברייטע בעט, גרעסערע און קלענערע קאָמאָדן אַרום די ווענט. פון אַ צעעפנטן קליידער־אַלמער האָבן זיך אַרויסגעזען מענערשע שטעק־שיך. איך האָב אַ דערשראָקענע פאַרמאַכט די טיר, אַריינגעקוקט אין אַ וואַש־צימער און געעפנט אַ דריטע טיר. ווייסע פאַרהענגלעך אויפן פענצטער האָבן ליכטיק געמאַכט דעם קליינעם צימערל. אַ שמאָל בעט, אַ שטול ביי דער וואַנט און אויף אַ קאָמאָדל האָב איך דערזען מיין אייגענעם בילד. אַ בילד, וואָס איך ווייס גאָר ניט, ווען כ'האָב עס גענומען. אָדער אפשר איז עס אַ בילד פון דער עוועלין בעס, וואָס קוקט אויס פּונקט ווי איך. לעבן מיין בילד איז געשטאַנען אַ בילד פון אַ סאָלדאַט, אַ סאָלדאַט מיט לאַכנדיקע אויגן און פייגע ליפּן. אונטן איז געשטאַנען אונטערגעשריבן „דיין לערי". איך האָב געקוקט אויפן בילד און בין געווען זיכער, אַז איך זע עס דעם ערשטן מאָל, איך האָב דעם בחור פריער קיינמאָל ניט געזען. ביי דער זייט איז געלעגן אַ בריוו פאַר דער עוועלין בעס.

— איך בין ניט עוועלין בעס! . . . — האָב איך אַ זאָג געטאָן אינדערהויך, — דער בריוו איז ניט פאַר מיר . . .

איך האָב געטראַכט, איך וועל צו וואַרטן אַ ווילע, וועט אַריינקומען די עוועלין בעס, וועל איך איר דערציילן, אַז איך זיץ דאָ ביי איר אין צימער, ווייל איך בין צעקלאַפּט, צעטומלט און ווייס ניט וואָס מיט מיר

יונג לעבן

איז געשען, און ווי אַזוי איך קום אַהער.

איך האָב אָבער געוואוסט, אַז איך נאָר זיך אַליין. איך ווייס טאַקע ניט פאַרוואָס אַלע רופן מיך עוועלין בעס, און ווי איך קום אין אַן אומ־באַקאַנטן געגנט. אָבער קיין עוועלין בעס וועט ניט אַריינקומען.

אין ניו־יאָרק האָב איך אויך געוואוינט אין א צימער ביי אַן על־טערער פרוי. יענע איז אָבער געווען אַן אויסגעדאַרטע, אַ פאַרדאַגהטע, מיט שטענדיק־פאַרטרערטע אויגן פאַר איר זון אויפן פאַסיפיק. אָבער דאָס צימערל דאָ איז געווען ליכטיקער, שענער. איך האָב דאָ ניט געהערט קיין קלאַפעריי פון דעם עלעוועיטאָר, קיין טומל פון אויטאָמאָבילן, פון קינדער אויפן גאַס, פון הויך־שרייענדיקע ראַדיאָס. די גאַס, פונקט ווי דאָ אין צימער, איז געווען שטיל, עפּעס ווי איך וואָלט זיך געפונען אויף גאָר אַן אַנדער וועלט. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן, איך האָב פאַרט געעפנט דעם סאַלדאַטס בריוו. דער בריוו האָט זיך אָנגע־פאַנגען מיט „מיין טייערע עוועלין" און זיך געענדיקט „מיט ליבע, דיין לערי". דער לערי האָט געלאָזט וויסן דער עוועלין בעס, אַז ער קומט שוין צופאָרן אַהיים, אַז ער וויל ניט, זי זאָל אים טרעפן אויפן וואָקזאַל, נאָר זי זאָל וואַרטן אויף אים אין דעיקס רעסטאָראַן, וואו זיי פלעגן עסן. ער וועט דאַרטן זיין עלף דרייסיק.

פון אַלע מיינע באַקאַנטע בחורים אין ניו־יאָרק, האָט קיינער ניט געהייסן לערי, און איך האָב ניט געוואוסט פון קיין „דעיקס רעסטאָראַן". דער בריוו איז דאָך פאַר עוועלין בעס! האָט מיר שוין פאַרדראָסן וואָס איך האָב געעפנט יענעמס אַ בריוו.

— עוועלין! — האָב איך פלוצלונג דערהערט ווי די מרס. סילווער רופט מיך פון אונטן. — עוועלין, קומסט אַראָפּ עסן?

איך בין אַ דערשראָקענע, ווי אַ גנב, צו צו דער טיר, געעפנט און זיך צוגעהערט. ס'האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט האָפן, אַז זי וועט מיך אַ רוף טאָן ביי מיין אמתן נאָמען:

— בעטי, — וועט זי זאָגן, — קומסט אַראָפּ עסן? איך האָב אָבער דערהערט, ווי די מרס. סילווער נעמט אַרויפגיין די טרעפּ. האָב איך אויף שנעל געענטפערט:

— איך בין נישט הונגעריק, דער קאָפּ טוט מיר ווי . . .

מרס. סילווער איז געבליבן שטיין:

— טאָ וואָס שוויגסטו? — זי האָט זי ווי עפּעס דערמאָנט:

— נו, און ער קומט?

— יאָ, — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט דעם סאָלדאַט, —

פעסי באך

ער קומט מאָרגן.

די פרוי האָט זיך דערפרייט:

— איז וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? פאַרסט אים באַגעגענען?

— אַוודאי, — האָב איך אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז איך וועל טאַקע צופאָרן צו דעם רעסטאָראַן, טרעפן דעם לערין און אים דערציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, אפשר וועט ער מיר קענען העלפן, אפשר וועט ער וויסן פאַרוואָס אַלע רופן מיך „עווועלין בעס". — יאָ, — בין איך געוואָרן פריילעכער, — מאָרגן אין דער פרי טרעף איך אים!...

אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך אויסגעפונען ביי אַ פּאָליציי־מאַן, אַז דער דעיקס רעסטאָראַן געפינט זיך פונקט אַנטקעגן „פּאַבליק סקווער".

— אָט נעמט יענע סטריט־קאַר, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ געלע, אָנקומענדיקע קאַר.

איך האָב פאַרזיכטיק געפרעגט:

— בלויז מיט אַ סטריט־קאַר קען מען פאָרן אַהין? כ'האָב געהאָפט, אַז ער וועט מיר זאָגן, אַז אויב כ'וועל צוגיין דאָרט און דאָרט, וועל איך קריגן אַן „על" אָדער אַ סאָבוועי, ווייל איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט, אַז איך געפין זיך ערגעץ אין ניו־יאָרק. האָט דער פּאָליציי־מאַן אַ קלוגן שמייכל געטאָן:

— יע, קענסט פאָרן מיט אַ מאַשין, אויב דו האָסט... אָדער אַ פלי טאָן מיט אַן עראָפּלאַן.

הייסט עס, אַז איך בין ניט אין ניו־יאָרק. איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט אים פרעגן וואו איך געפין זיך דאָ. איך בין אַ פאַרעקשנטע אַרויף אויף אַ סטריט־קאַר און ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך וועל גאָר מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין עווועלין בעס. וועל איך זען וואָס ס'וועט זיין. אָ, כ'וועל דערנאָך לערין אויסזאָגן דעם אמת, אָבער נישט גלייך. פונקט עלף דרייסיק בין איך געבליבן שטיין ביי דעם רעסטאָראַן און איך האָב פלוצלונג חרטה געהאַט וואָס איך בין געקומען אַהער.

— ס'קאָן זיין, אַז לערי וועט גאָרנישט וויסן ווער איך בין. ס'קאָן זיין, אַז ער זיצט שוין דאָרט מיט עווועלין בעס. וואָס דריי איך זיך דאָ אַרום, זוכן אַ פרעמדן בחור כ'וועל ניט אַריין. כ'וועל בעסער אַריין אין אַ פּאָליציי־סטאַנציע, זיי דערציילן, אַז איך ווייס ניט ווי אַזוי איך קום אין אַ פרעמדער שטאָט, און פאַרטיק. איך בין אָבער שנעל אַריין אין רעסטאָראַן...

דער רעסטאָראַן איז געווען פול געפּאַקט. אַלע טישלעך זיינען גע־

ווען פּאַרנומען. אַ סך סאַלדאַטן זיינען דאָרט געזעסן, אָבער קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט און קיינער האָט צו מיר ניט געשמייכלט. ביי אַ זייטיק טישל האָבן צוויי מיידלעך זיך אויפגעהויבן. האָב איך אָנגעשפּאַרט איין שטול אָן דעם טישל פאַר לערין און זיך געזעצט אויפן צווייטן אַנטקעגן. אַז איך וועל אים דערקענען, אין דעם בין איך געווען זיכער. איך האָב זיך גענוג אָנגעקוקט אויף זיין בילד.

— האַלאָ, — האָב איך פּלוצלונג דערהערט הינטער זיך אַ פריילעכע שטימע, — וואַרטסט אפשר אויף מיר?

איך בין אַ דערשראָקענע אויפגעשפּרונגען און דערזען פאַר זיך אַ יונגן סאַלדאַט, זיין היטל איז געווען וואָוויליונגעריש פאַררוקט אויף אַ זייט, זיין קורצער, סאָלדאַטסקער מאַנטל צעשפּיליעט, זיינע אויגן ליכטיקע, ווי אויסגעבאָדענע, האָבן געקוקט אויף מיר מיט פרייד:

— לערי! — האָב איך אים דערקענט, — לערי... — האָב איך זיך דערשראָקן וואָס איך האָב זיך אַזוי דערפרייט מיט אים, טאָקע ווי איך וואָלט אים געקאָנט.

לערי האָט געקוקט אויף מיר און געלאַכט. ער האָט מיר געגעבן אַ כאַפּ אַרום מיט ביידע הענט און מיך אַ קוש געטאָן אין די ליפּן. אַז ער האָט מיך אָפּגעלאָזן, האָב איך אָן אָפּגעשוואַכטע זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן שטול און אָוועקגעדרייט פון אים מיין פּנים. איך האָב געוואוסט, אַז לערי קוקט אויף מיר אַ פאַרוואונדערטער. כ'האָב מיט אַ ווינקל פון מיין אויג געקענט זען ווי ער שטייט אַ פאַרלאָרענער. ער האָט פּאַוואָליע אויסגעטאָן זיין מאַנטל, אָוועקגעלייקט זיין היטל אויפן טישל און זיך אָוועקגעזעצט אויפן שטול קעגן איבער.

איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן. זיינע אויגן האָבן שוין מער ניט געשמייכלט. זיי זיינען געווען פאַרצויגן מיט אַזאַ פאַראיבל, מיט אַ נישט פאַרשטיין וואָס דאָ איז געשען.

— עוועלין, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, — ס'קוקט אויס כ'האָב דיך איבערגעשראָקן. האָסט ניט דערוואַרטעט, כ'זאָל דיך וועלן אַ קוש טאָן? איך האָב דיך דאָך צוויי יאָר ניט געזען! קוקסט אויף מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדער!...

זאָל איך אים גלייך זאָגן, אַז ער איז מיר אַ פרעמדער, אַז אומזיסט האָט ער מיך געקושט, איך בין נישט עוועלין?... אָבער געזאָגט האָב איך גאָר:

— לערי, איך בין צעטומלט... איך בין אַזוי צעטומלט, אַז איך ווייס ניט...

פּעסי באַך

לערי האָט ניט פאַרשטאַנען:

— פון וואָס צעטומלט? — ער האָט אַ שמייכל געטאָן: — מיינסט, פון פרייד?

ס'איז מיר געווען שווער צו רעדן. איך וואָלט אים געדאַרפט גלייך דערקלערן ווער איך בין. כ'האָב אָבער ניט געוואוסט ווי אָנצופאַנגען.

— ניין, בלויז צעטומלט. כ'מיין, עפּעס איז געשען... כ'וועל עס איצט זאָגן... עפּעס איז געשען... — האָב איך אַזוי נאַריש איבער־געזאָגט און געפילט, אַז איך ווער רויט.

איך האָב געזען ווי זיין פאַרברווינטער פּנים איז בלייך געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט אויף מיין פּנים דערזען, וואָס ס'איז געשען. כ'ווייס נישט וואָס ער האָט געזען אויף מיין פּנים, נאָר ער האָט גענומען קוקן אויף זיינע פאַרברווינטע, פאַרהאַרטעוועטע הענט.

— יאָ, איך פאַרשטיי שוין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט כמעט־פאַרמאַכטע ליפּן. — איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט וועגן אַזעלכע זאַכן...

— ער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, געקוקט אויפן רויך און גענומען רעדן, נישט צו מיר, נאָר צום סיגאַרעטל:

— חברים פּלעגן זיך דערציילן מעשיות, ווי געגאַרט סאָלדאַטן זיי־נען. אַ סאָלדאַט טראָגט זיך אַרום מיט זיין מיידלס בילד אין בוזעם־קע־שענע, חלומט וועגן איר און טרייסט זיך מיט איר... אין די שווערסטע מינוטן פון זיין לעבן, ווען ער האָט זיך געגרייט צו אַ שלאַכט, ווען מ'האָט געקוקט דעם טויט אין די אויגן, ווען מ'איז געווען הונגעריק, שלעפעריק, פאַרפראָרן, האָט דאָס בילד געגעבן מוט, געוואַרעמט און געוועקט צום לעבן... מ'האָט דאָס גאַנצע בענקעניש נאָך דער היים, נאָך רו, נאָך זי־כערקייט, אַריינגעשריבן אין אַ בריוו צו דער מיידל, און אויב דער סאָל־דאַט איז לעבן געבליבן, צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער אויסגעפונען, אַז עפּעס איז געשען. דערווייל האָט זיך אימעצער אַנדערש אונטערגע־רוקט...

איך האָב שוין פאַרשטאַנען וועגן וואָס לערי רעדט. כ'האָב געזען דעם ווייטיק אין זיינע אויגן, די ביטערקייט אַרום זיינע ליפּן:

— לערי, — האָב איך אים ניט געוואָלט ווייטער לאָזן רעדן, — ס'איז נישט אַזוי, כ'וועל אַלץ דערקלערן...

לערי האָט אַ לאַך געטאָן:

— אַוודאי, קענסט אַלץ דערקלערן... ס'איז אָבער נישט נויטיק. כ'ווייס די געשיכטעס. עוועלין, — האָבן זיינע ליפּן אַ ציטער געטאָן, — ס'איז מיר שווער צו גלויבן... איך האָב אין די לעצטע וואָכן אַזוי

פיל געטראַכט וועגן אונדזער באַגעגענען זיך. אין לאַנגע, זינלאָזע טעג און נעכט פון וואַרטן אין די קעמפּס מ׳זאָל אונדז שוין אַהיים שיקן, האָב איך געטראַכט וועגן דעם טאָג, די שעה, ווען כ׳וועל דיך דערזען . . . כ׳האָב געטראַכט, ווי אַזוי מיר וועלן זיך אָנקוקן. ווי מיר וועלן זיך פרייען מיט אונדזער זיין צוזאַמען. וועגן וואָס מיר וועלן רעדן. איך האָב אַפילו שוין געטראַכט וועגן פלעצער וואו מיר וועלן גיין. עווערין, — האָט ער זיך צו מיר אַריבערגעבויגן, — אין אונדזערע בריוו האָבן מיר דאָך וועגן דעם גערעדט. דיין לעצטער בריוו איז געווען אַזאַ פרייי־דיקער, מיט אַזאַ דערוואַרטונג אויף מיין קומען . . .

גאָט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי קאָן איך אים אויף שנעל דערציילן, אַז ס׳איז אַ טעות, אַז איך בין גאָר ניט עוועלין בעס. איך האָב דאָך געזען, אַז דער בחור האָט דער עוועלין בעס זייער ליב, ס׳איז מיר שטייף געוואָרן אַרום האַלדז, די אויגן האָבן מיר גענומען ברענען פון צוריקגעהאַלטענע טרערן:

— לערי, — האָב איך געזאָגט, — איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב עס אייך פריער ניט געזאָגט, איך בין ניט עוועלין בעס, מיין נאָמען איז בעטי מילער . . .

לערי האָט עפּעס מאָדנע אויף מיר אַ קוק געטאָן, אַ קרומלעכער שמייכל האָט אַ קרים געטאָן זיינע ליפּן:

— ווילסט מיר זאָגן, אַז דו האָסט געביטן דיין נאָמען? צו וואָס?

איך האָב אויף שנעל גענומען אים דערציילן דאָס וואָס ס׳האָט מיך אַ גאַנצן פרימאָרגן געמאַטערט, ניט געלאָזן מיר שלאָפן די נאַכט, אַז אויב איך בין יאָ עוועלין בעס, האָב איך זיך גערופן מיט אַן אַנדער נאָ־מען אָן מיין וויסן, אַז אָדער איך האָב געהאַט פאַרלאָרן מיין זכרון און זיך גערופן מיט אַן אַנדער נאָמען, אָדער איך קוק אויס פונקט ווי אַ מיידל מיט אַזאַ נאָמען. אָבער איך דענק, אַז איך האָב געהאַט פאַרלאָרן מיין זכרון . . . ווייל כ׳ווייס ניט ווי איך קום דאָ, אין דער שטאָט, און ווי לאַנג איך בין שוין דאָ. איך האָב געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל פאַר אייך, אַז איך בין יענע מיידל, וועמען איר האָט דערוואַרטעט דאָ, אָ, איך וואָלט אייך דערנאָך דערציילט. אָבער איך קאָן ניט . . . איך בין זייער פאַרצווייפלט, לערי . . .

לעריס אויגן זיינען געוואָרן גרעסער, ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זיינען געוואָרן טונקעלער, עפּעס אַזאַ גרויל האָב איך געזען אין זיי. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער דענקט, אַז איך בין געוואָרן משוגע. אַז איך ווייס ניט וואָס איך רעד, — קינד, האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי מ׳רעדט

פעסי באך

צו אַ קראַנקן, — קינד, באַרואיק זיך.

איך בין געוואָרן אין כעס. פונקט אַזוי האָט געקוקט אויף מיר דער מאַן פון קענדי־סטאָר. דער פּאָליציי־מאַן האָט אויך געדענקט, אַז איך ווייס ניט וואָס איך רעד. איך האָב זיך אויפגעהויבן:

— איך בין געקומען אַהער, ווייל איך האָב געהאָפט, אַז איר וועט מיר קאָנען העלפן . . . איך וואָלט געקאָנט אַוועק צו דער פּאָליציי, אָבער אייער בילד איז דאָרט געשטאַנען אויפן טישל, לעבן מיין בילד . . . איך האָב געלייענט אייער בריוו צו עוועלין בעס, איך האָב דאָך געמוזט אויסגעפינען וואָס דאָ טוט זיך, — האָב איך זיך פאַרענטפערט פאַרן לייענען דעם בריוו. — און דערפאַר טאַקע בין איך געקומען אַהער . . . געהאָפט איר וועט מיר העלפן . . .

לערי האָט זיך אויך אויפגעהויבן. ער האָט מיך אָנגענומען פאַר ביידע הענט און פאַרזיכטיק מיך צוריקגעזעצט אויפן שטול. ער האָט צוגערוקט זיין שטול נעענטער, אָפּגערוקט אויפן טיש די טעלער מיט דעם ניט־אָנגערירטן עסן און געזאָגט:

— הער זיך איין, עוועלין, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — פאַר דריי יאָר צייט קען איך דיך אַלס „עוועלין”, טראָג איך זיך אַרום מיט דיין בילד אַלס „עוועלין”, — האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין בילדל און עס מיר געוויזן, — זעסט?

איך בין געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטע:

— דריי יאָר? ווי איז דאָס מעגלעך, דריי יאָר? איז עס איצט 1946?

לערי האָט געקוקט אויף מיר מיט רחמנות. ער האָט אַריינגענומען מיין האַנט אין זיינער. געגלעט מיינע פינגער און געשוויגן, זיינע אויגן זיינען געווען ערנסט, פאַרזאָרגט, אַ קליין אָדערל האָט גענומען צופּן אויף זיין רעכטן זייט שטערן. ער האָט געקוקט אויף מיר, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער גלויבט מיר שוין, אַז דריי יאָר צייט בין איך געווען טויט אַלס בעטי מילער. דריי יאָר האָט עס מיר געהאַמערט אין די שלייפן, אין קאָפּ. דריי יאָר בין איך געווען טויט. איך האָב מורא צו טראַכטן, צו פרעגן, איך זאָל ניט אַריינפאַלן אין אַן אָפּגרונט, אין אַ הויל־קייט. איך האָב געזאָגט דאָס וואָס איך האָב געטראַכט:

— אַ גאַנצן פרימאָרגן האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. געוואַרט ס'זאָל ווערן עלף דרייסיק. כ'האָב ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם וואָס איך קאָן זיך דערוויסן . . . איך האָב עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער . . . איך האָב מורא געהאַט אויסצוגעפינען וואָס מיט מיר איז

געשען. אָבער טיף אין האַרצן האָב איך יע געוואוסט וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב אָבער ניט געוואוסט, אַז כ'בין געפאַלן לעבן אַ סאָבּ־וועי מיט דריי יאָר צוריק . . .

לערי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן:

— לעבן אַ סאָבוועי? הייסט עס, אין ניו־יאָרק. און איך האָב ביי דיר קיינמאָל ניט געקענט אויסגעפינען פון וואַנענט דו קומסט. איצט פאַרשטיי איך. דו האָסט אַליין נישט געוואוסט . . . יאָ, איצט פאַרשטיי איך אַ סך זאַכן . . .

איך האָב געענטפערט:

— יאָ, אין ניו־יאָרק. אין אַ פרימאָרגן, פאַרבייגייענדיק אַביידל מיט צייטונגען, האָב איך געזען גרויסע קעפּ מיט די ידיעות, אַז די רויטע אַרמיי יאָגט די דייטשן אויף צוריק . . . דאָס איז די לעצטע זאַך וואָס איך געדענק. דערנאָך בין איך גלייך געפאַלן. ווייזט אויס, אַז נעכטן פאַרנאַכט בין איך ווידער אַמאָל געפאַלן . . .

לערי האָט געשוויגן. וועגן עפּעס געטראַכט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— מיט דריי יאָר צוריק בין איך געקומען אַהער אויף אורלויב. דאַן האָב איך זיך באַקאַנט מיט דיר. אַ יאָר צייט האָבן מיר זיך גע־קאַנט, דערנאָך האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אויפן פּאַסיפיק. דו ביזט געווען אַלע מאָל אַזאַ שטילע, אַזאַ פאַרשלאָסענע אין זיך. אָבער איך האָב דיך גלייך ליב געקראָגן. איך האָב דיר אַ סך מאָל געשריבן וועגן דעם.— ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף מיר, — דו ביסט דאָך ניט קיין חתונה־געהאַטע, אָדער געהאַט אַ חתן, עוועלין?

ס'האָט מיר ניט שטאַרק געאַרט וואָס ער רופט מיך עוועלין. איך האָב געוואוסט, אַז ער מיינט עס מיך, בעטי מילער. איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן אַלע מיינע באַקאַנטע בחורים, וועגן אַלע מיינע אַנדערע באַ־קאַנטע. איך האָב דאָך אין ניו־יאָרק געהאַט אַזויפיל פריינט. איך האָב דאָך געוואוינט צווישן מענטשן, געאַרבעט ביי אַ באַלעבאָס, האָט גאָר קיינעם ניט געאַרט וואו איך בין אַהינגעקומען? איך האָב עס געזאָגט לערין. ער האָט געשוויגן, געקוקט אויף מיר און געשוויגן, דערנאָך האָט ער ווידער אַמאָל איבערגעפרעגט:

— האָסט ניט געענטפערט, צי דו האָסט ניט געהאַט אַ בחור.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן:

— ניין. סיידן דאָ, אין דער שטאָט, פאַר די לעצטע דריי יאָר. — האָב איך אַ קוק געטאָן אויף מיינע הענט.

פּעסי באַך

לערי האָט זיך צעשמייכלט. זיינע אויגן האָבן צוריקגעקראָגן דעם פריידיקן גלאַנץ, ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אים אַרט גאָר ניט וואָס איך בין גאָר פלוצלונג געוואָרן אַ בעטי מילער. ער האָט געזאָגט:

— פאַר די דריי יאָר זאָרג איך זיך ניט. איך האָב שוין געזען, אַז קיין אַנדערן בחור זאָלסטו ניט האָבן, אָבער דו דאַרפסט וויסן, אַז דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען כ׳וועל צוריקקומען, וועסטו מיט מיר חתונה האָבן! איך האָב דיינע בריוו אַלס עדות . . . דו ווייסט? דו האָסט מיך ליב געהאַט . . . — האָט ער מיר געקוקט אין די אויגן.

איך בין געוואָרן רואיקער. ס׳האָט מיר אויפגעהערט צו קלאַפּן אין די שלייפן. לעריס אויגן, זיין וואַרעמע האַנט אויף מיינע קאַלטע פינ־גער האָבן מיך געגלעט און באַרואיקט. איך האָב מער ניט געקענט טראַכטן וואָס ס׳איז מיט מיר געשען. אפשר ווייל איך בין געווען אויס־געמאַטערט, אויסגעשעפּט פון זאָרגן זיך, נאָר ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳אַרט מיך ניט מער וואָס ס׳איז געשען מיט מיר אין די דריי יאָר. ס׳האָט בלויז עקזיסטירט פאַר מיר דער א י צ ט , דער זיצן דאָ אַנט־קעגן לערין, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז איך קאָן אָט דעם בחור שוין לאַנג. אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב נעכטן ביינאַכט געלייענט אַלע זיינע בריוו צו עוועלין בעס. איך האָב זיך דערמאָנט:

— אָבער, לערי, מיין נאָמען איז ניט עוועלין . . . פון וואַנענט ווייסט איר, אַז אַלס בעטי וועל איך אייך אויך געפעלן? אפשר בין איך גאָר אַלס בעטי אַנדערש?

לערי האָט רואיק געשמייכלט:

— פריער וועלן מיר חתונה האָבן, דערנאָך וועל איך אויסגעפּי־נען . . . אַזוי שנעל ווי איך קריג מיינע פּאַפּירן, און טו אויס מיינע סאָלדאַטסקע קליידער וועלן מיר חתונה האָבן . . .

איך האָב געפרעגט:

— וואָס איז וועגן דער מלחמה?

לערי האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. ער האָט אַ גלעט געטאָן מיין האַנט. — קינד, — האָט ער געזאָגט, — פרעג איצט ניט מער. וועסט וועגן אַלץ וויסן. איצט דאַרפסטו זיך אָפּרוען. זיך באַרואיקן. אַוודאי איז די מלחמה פאַרענדיקט, אַניט וואָלט איך איצט דאָ ניט געווען. אָבער איצט פרעג ניט מער, כ׳וועל דיר מאָרגן אַלץ דערציילן, אַלצדינג.

איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל ניט וואַרטן ביז מאָרגן. ער וועט מיר נאָך היינט דאַרפן דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר די דריי יאָר. אָבער דערווייל האָב איך מער ניט געפרעגט. כ׳האָב געוואוסט, אַז אַלץ וועט שוין זיין גוט.

י ו נ ג   ל ע ב ן

II

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין געשטאַנען ביים פענצטער. איך האָב געקוקט ווי אַ ווינט האָט גערדרייט די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער פון די בוימער, האָט זיי צונויפגענומען אין איין קופּע און דערנאָך צעבלאָזן איבער דער גאַנצער גאַס. דער הימל איז געווען שוואַרץ און עס האָט אויסגעקוקט ווי אויף אַ רעגן. דער קאָפּ האָט מיר גענומען ווײ טאָן, האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און צוגעדריקט דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב.

ווען איך האָב צוריק געעפנט די אויגן, האָב איך פּלוצלונג דערזען, אַז עס רעגנט. עס האָט געגאָסן אַזאַ גלייכער, געדיכטער רעגן, און אויסגעקוקט האָט עס, ווי עס וואָלט זיך פאַרצויגן פאַר מײנע אויגן אַ נאַסער פאָרהאַנג. דורך דעם פאָרהאַנג האָב איך געזען, ווי די בלעטער זיינען איצט געלעגן אויף איין אָרט, צעווייקטע, ווי נאַסע שמאַטעס. דער רעגן האָט געפּאַטשט אויפן טראָטואַר, ווי אַ סך באָרוועסע פיס. דער קאָפּ האָט מיר אַזוי שטאַרק ווײ געטאָן, אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער רעגן גיסט ניט אויפן טראָטואַר, נאָר אויף מיין קאָפּ, גיסט אָן אַן אויפהער. ווען האָב איך געהאַט אַזאַ דריקעניש אין קאָפּ? איך האָב זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז איך האָב שוין געהאַט אַזאַ קאָפּווייטיק. איך האָב אויך געוואוסט, אַז אויב איך וועל זיך ניט אָנכאַפּן אָן עפּעס, וועל איך פאַלן. איך וועל זיכער פאַלן ערגעץ טיף אַראָפּ . . . און פּלוצלונג האָב איך דערהערט ווי מ'רופט מיך:

— עוועלין, — האָב איך געהערט אַ שטימע לעבן זיך, — עוועלין, וואָלסט באַדאַרפט זיך צולייגן . . . דו קוקסט אויס קראַנק . . . עוועלין, דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר?

איך האָב געוואָלט זיך דערמאָנען ווער איז עוועלין? עוועלין . . . אַהאַ, האָב איך זיך דערפרייט — דאָס רופט מיך מיין באַלעבאָסטע, ביי וועמען איך וואוין. זי רופט מיך עוועלין, ניט בעטי, ביי מיין נאָמען. לערי רופט מיך אויך אַזוי . . . און פּונקט ווי דאָס דערמאָנען זיך אָן לעריק, וואָלט מיך אַרויסגעצויגן פון אַן אָפּגרונט, האָט מיך אויפגעהערט צו דריקן מיין קאָפּ. איך האָב געעפנט די אויגן און דערזען פאַר זיך די מרס. סילווער, מיין באַלעבאָסטע, ווי זי שטייט אַ פאַרזאָרגטע, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך און האַלט מיך אין איין רופן. הינטער איר, האָב איך קלאָר געזען מיין בעט, דעם איינציקן שטול ביי דער זייט, און דעם קאָמאָדל. אויפן קאָמאָדל, מיינס און לעריס בילדער. לערי, מיט זיין

פּעסי באַך

האַרציקן שמייכל, דער זעלבער שמייכל, וואָס האָט זיך נעכטן געבעטן ביי מיר:

— זאָרג זיך ניט, עוועלין, איך וועל דיר העלפן...

איך האָב זיך דערמאָנט, ווען עס האָט מיר אַזוי שטאַרק געדריקט אין קאָפּ; אייערנעכטן, ווען איך בין געקומען צו זיך פון דעם פאַל, געלעגן אַן אויסגעצויגענע אויפן טראָטואַר, האָב איך געהאַט דעם זעלבן ווייטיק. ווייזט אויס, אַז איך האָב זיך דאַן גוט צעקלאַפּט...

— עוועלין, זאָל איך אפשר רופן אַ דאָקטאָר? אָדער אָפּרופן לערין?

ס'איז מיר געוואָרן אַ סך גרינגער. איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויפן בעט און אַ שמייכל געטאָן צו מיין באַלעבאָסטע:

— דער קאָפּ האָט מיר ווי געטאָן, מרס. סילווער, מסתמא פון דעם פאַל. אויב איך וועל ניט פילן בעסער, וועל איך אַריין צו אַ דאָקטאָר.

מרס. סילווער האָט זיך דערפרייט:

— אוודאי, זיך שפּילן מיט אַ קאָפּ? אפשר לייגסטו זיך צו?

— כ'קאָן ניט, לערי דאַרף קומען.

מרס. סילווערס פאַרזאָרגט פּנים האָט אויפגעשיינט:

— אַוודאי וועט לערי קומען! וואָס דען, ער וועט ניט קומען? — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן: — איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, עוועלין, — האָט זי זיך צעשמייכלט, — איך האָב זיך געזאָרגט, אַז דו האָסט זיך געקריגט מיט לערין... עפּעס האָסטו אויסגעקוקט אַזוי פאַרקלעמט...

— האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר אירע שלעכטע געדאַנקען. — נו, נו, אַבי ער קומט באַלד!

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זי אַרויפגעקומען אויסצוגעפינען וואו ס'האַלט ביי מיר מיט לערין. איך האָב איר געקוקט אין די אויגן אַריין: וואָס ווייסט זי וועגן מיר? לערי האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז איך וואוין שוין ביי איר דאָס דריטע יאָר, דאַרף זי מיך דאָך גוט קענען. זי וואָלט מיר געקאָנט דערציילן, ווי אַזוי איך האָב געלעבט, ווי אַזוי איך האָב זיך אויפגעפירט, איך וואָלט אַזוי געוואָלט וויסן צי איך האָב גערעדט, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט לערין... אפשר ווייסט זי ווי אַזוי איך קום אַהער, אין אָט דער שטאָט? ס'איז מיר איינגעפאַלן, ווי וואָלט געווען ווען איך גיב איר פּלוצלונג אַ זאָג:

— מרס. סילווער, איך בין ניט עוועלין בעס... איך בין בעטי מילער. איך ווייס ניט, ווען איך האָב זיך אַזאַ נאָמען געגעבן... איך בעט אייך, העלפט מיר!... איך מוז אויסגעפינען וואָס מיט מיר איז געשען פאַר די לעצטע דריי יאָר!... איך האָב אָבער געוואוסט, אַז איך קאָן

ניט אַזוי פּלוצלונג זי איבערשרעקן. זי וואָלט געמיינט, אַז איך בין משוגע . . . אַפילו לערין איז מיר נעכטן געווען שווער צו דערקלערן, אַז ווען מ׳האָט מיך אויפגעהויבן דאָ, אין דער שטאָט, פון אַ פאַל, האָב איך געמיינט, אַז דאָס קום איך צו זיך פון פאַלן מיט דריי יאָר צוריק, אין ניו־יאָרק . . . אַז איך דאַרף זיך בלויז אויפהויבן און נעמען גיין רעכטס, וועל איך זיין אויף דער 14טער גאַס, אין ניו־יאָרק . . . לערי האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט. ער האָט אַזוי מיטפילנדיק גע־שמייכלט צו מיר, אָבער איך האָב געזען, ווי אַ גרויל האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. דער זעלבער גרויל, וואָס איך פיל, ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן מיינע דריי יאָר פון אַמנעזיע, פון פינצטערקייט, פון ניט וויסן ווער איך בין געווען און פון וואַנעט איך קום. איך האָב זיך אָפּ־געזיפצט:

— יע, — האָב איך געזאָגט, — איך וועל דאַרפן אַריין צו אַ דאָק־טאָר, אים דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען . . .

מרס. סילווער האָט זיך איינגאַנצן באַרואיקט: אי לערי קומט באַלד, אי איך וועל אַריין צו אַ דאָקטאָר. איז ווען דאָס גלעקל האָט אַ קלונג געטאָן אונטן, ביי דער טיר, איז זי אַ פריילעכע אויפגעשפּרונגען:

— זיך, זיך, — האָט זי מיך באַרואיקט, — איך וועל אים עפענען!

— איז זי געווען זיכער, אַז דאָס איז לערי

איך בין שנעל אַראָפּ פון בעט. איך האָב ניט געוואָלט לערי זאָל מיינען, אַז איך בין קראַנק. איך האָב געקאָנט הערן ווי זי דערציילט אים דאָרט עפּעס. אפשר דערציילט זי אים, אַז זי האָט מיך געפונען ביים פענצ־טער שיר אַ פאַרחלשטע?כ׳האָב דערפילט ווי מיינע הענט ווערן מיר קאַלט. ווי מיינע קורץ־געשאָרענע האָר קלעפּן זיך צום שטערן. איך זאָל נאָר ניט קריגן קיין קאָפּוויייטיק... האָב איך פאַרביסן די ליפּן. איך בין אַ פאַרשטייפּ־טע געבליבן שטיין אינמיטן צימער. איך האָב געהערט ווי הערי לויפט די טרעפּ צו צוויי מיט אַמאָל. אין טיר איז ער געבליבן אַ מינוט שטיין. זיין בליק איז דורכגעפלויגן איבער מיין פּנים, אָבער זיין אויסדרוק האָט זיך ניט געביטן. ער איז צוגעקומען צו מיר זייער נאָענט, גענומען מיי־נע ביידע הענט אין זיינע און מיך אַ קוש געטאָן אין די ליפּן. און פונקט ווי נעכטן אין רעסטאָראַן, האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז אַ פרעמדער בחור קושט מיך. איך האָב אינסטינקטיוו אַוועקגעדרייט מיין פּנים. לערי האָט גענומען לאַכן:

— דערשרעקסט זיך נאָך אַלץ פאַר מיין קוש, בעטי? — האָט ער באַטאָנט דעם ב ע ט י, איך זאָל באַמערקן, אַז ער רופט מיך שוין ביי

פעסי באך

מיין אמתן נאָמען, — דריי נישט אוועק דיין פּנים פון מיר, דו אַליין האָסט מיך שוין אַ סך מאָל געקושט! — האָט ער געלאַכט.

איך האָב געפילט, ווי איך ווער רויט. לעריס אויגן האָבן שטיפע־ריש געטאַנצט איבער מיין פּנים, איבער מיינע רויט־געוואָרענע באַקן. זיינע אויגן, אַזוינע בלויע, קלאָרע, ווי אויסגעוואַשענע אין אַ קלאָר וואַ־סער, האָבן צו מיר געשמייכלט סודותדיק, ווי ער וואָלט געוואָלט מיר זאָגן, אַז ער קאָן מיר נאָך אַ סך זאַכן דערציילן וועגן אונדז ביידן. כדי צו באַהאַלטן מיין פאַרלעגנהייט, האָב איך אין דעם זעלבן לייכטן טאָן אים געפרעגט:

— אַזוי? אַ סך מאָל דיך געקושט?

דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל, וואָס איך האָב אים געזאָגט „דו".

לערי האָט עס גלייך באַמערקט. איך האָב געקאָנט זען די פרייד אין זיינע אויגן. ער האָט אַ גליקלעכער געשמייכלט:

— יע, אַ סך מאָל . . . און דו האָסט מיר אויך אַ סך מאָל געזאָגט, אַז דו האָסט מיך אויך ליב! . . . דו וועסט דאַרפן לייענען דיינע בריוו צו מיר . . .

איך האָב אויפגעהערט צו שמייכלען. איך האָב אַ שטאַרע געקוקט אויף לערין. איך האָב געזען ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך פאַרצויגן איבער זיין פּנים, ווען איך האָב געזאָגט:

— לערי, וואָלט נישט בעסער געווען, ווען איך פאַרליר ווייטער מיין זכרון? . . . ווי מיט דריי יאָר צוריק, אין ניו־יאָרק? ווען איך ווער צו־ריק עוועלין בעס?

לערי האָט גענומען מיין האַנט און ווי מ'פירט אַ קינד, מיך צוגע־פירט צו דער בעט, מיך אַראָפּגעזעצט און זיך געזעצט קעגן מיר אויף אַ שטול:

— קינד, — האָט ער ווייך אַ זאָג געטאָן, — צו וואָס מאַטערסטו זיך מיט אַזוינע געדאַנקען? — ער האָט אַ פאַרצווייפלטער געקוקט אויף זיינע הענט: — אפשר איז עס מיין שולד. איך וואָלט דיר געדאַרפט לאָזן צורו . . . ביז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו מיר . . .

איך האָב געטראַכט, ווי אַזוי זאָל איך אים קלאָר מאַכן, אַז מיט איין ווילע פריער, שטייענדיק ביים פענצטער, האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט געשטאַנען ביים ברעג פון אַן אָפּגרונט. אַז אָט, אָט, וועל איך אַריינפאַלן אין אַ הוילקייט . . . איך בין זיכער, אַז איך האָב געהאַלטן נאָכאַמאָל ביים פאַרלירן מיין זכרון . . . דאַן, וואָלט איך געקומען צו זיך אַלס עוועלין בעס . . . איך וואָלט בלויז געדענקט, וואָס מיט מיר איז

יונג לעבן

געשען דעם טאָג, איידער איך בין געפאַלן דאָ, אין דער שטאָט. איך וואָלט זיך מסתמא דערפרייט מיט לערין, מיט זיין קומען צוריק. אַלס עוועלין בעס, האָב איך אים ליב געהאַט. דאָס ווייס איך פון זיינע בריוו צו מיר, אַלס עוועלין בעס. אַ סך בריוו ליגן דאָרט אין מיין שופלאָד, איבערגעבונדן מיט אַ בענדעלע, אַזוי זאָרגפעליק צוזאַמענגעלייגט. ווייזט אויס, אַז זיינע בריוו זיינען ביי מיר געווען טייער . . . ווען איך פאַרליר צוריק מיין זכרון וואָלט איך ווידער אַמאָל פאַרגעסן, אַז עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָב איך אָפּגעלעבט אַלס בעטי מילער, אַז דאָרט אין ניו־יאָרק האָב איך געפירט אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן, געטאָן וויכטיקע מלחמה־אַרבעט, געהאַט אַ סך באַקאַנטע, געהאַט דעיטס מיט בחורים. מיט איינעם האָב איך אַפילו שיר נישט חתונה געהאַט. נישט ווייל איך האָב אים ליב געהאַט, נאָר ווייל איך האָב אים געקאַנט אַזוי לאַנג, און ער האָט אַזויפיל גערעדט מיר זאָלן חתונה האָבן, אַז פון צייט־צו־צייט האָט זיך גענומען ביי מיר פאַרגנבענען אַ געדאַנק, אַז מסתמא וועל איך מיט אים שוין ווען חתונה האָבן . . . האָב איך זיך געאיילט אין אַ פריי־מאָרגן צו דער אַרבעט, זיך פאַרטשעפּעט אָן עפּעס, געפאַלן לעבן אַ סאָב־וועי, זיך צעקלאַפּט מיין קאָפּ און אַלץ וואָס ס'איז געווען, איז געוואָרן אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט, מיט איין מאָל . . .

— בעטי! — האָט לערי מיך אַ רוף געטאָן. האָט ער זיך דער־שראָקן, אַז איך פאַל אַריין אין אַ פאַרגליווערטקייט? זיין שטים איז דערשראָקן. זיינע אויגן קוקן אויף מיר, ווי זיי וואָלטן מיך געוואָלט אַרויסשלעפּן פון ערגעץ . . . — בעטי. — האָט ער זיך געבעטן ביי מיר, — רעד צו מיר. דיר וועט זיין גרינגער, אַז דו וועסט רעדן . . . טראַכט ניט אַזויפיל וועגן דעם וואָס ס'איז געווען . . .

איך בין געבליבן רואיק. איך האָב זיך ניט געשראָקן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז מיין קאָפּ איז מיר קלאָר. האָב איך צו אים געשמייכלט. ס'איז מיר גוט געווען צו הערן ווי ער רעדט צו מיר, ווי ער זאָרגט זיך פאַר מיר. ס'איז מיר געוואָרן זייער גוט צו זיצן אָט אַזוי אַנטקעגן אים. איך האָב אים געזאָגט פּונקט דאָס וואָס איך האָב געפילט. איך האָב געזאָגט:

— לערי, די איינציקע זאַך, וואָס איך ווייס פון די דריי יאָר, איז אַז דו ביסט געווען מיין פריינט! דאָס איז אַלץ וואָס מיר איז איבער־געבליבן . . . דאָס איבעריקע וועסטו מיר דאַרפן דערציילן.

לערי האָט צוגערוקט זיין שטול נעענטער צו מיר. גענומען מיין האַנט, זי פאַרזיכטיק אַ גלעט געטאָן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל זי ניט צעברעכן:

פעסי באך

— ניט היינט, בעטי, ניט אַזוי שנעל. דו ביסט אָפּגעשוואַכט, צע־רודערט. רו זיך אויס אַ פּאָר טעג, דערנאָך וועלן מיר רעדן.

ס׳האָט זיך מיר געוואָלט לאַכן; אָט אַ נאַרישער בחור, וואָס ער מיינט, אַז איך וועל קאָנען רוען. ער ווייסט נישט, אַז איך בין געלעגן אויף אַ גאַנצע נאַכט, געטראַכט וועגן די דריי יאָר, ווי אַ בלינדער טאַפּט אין דער פינצטער. אַז איך וועל ווייסן וואָס מיט מיר איז געשען אין פאַרלויף פון די דריי יאָר, וועל איך אפשר קאָנען צוריק אָנקניפּן די איבערגעריסענע פעדעם, קאָנען אָנפאַנגען לעבן פון דאָס ניי. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— לערי, ווען האָסטו זיך מיט מיר באַקאַנט? וואו?

לערי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אין דעם דעיקס רעסטאָראַן. דאָרטן, וואו מיר האָבן זיך נעכטן געטראָפן . . . — איך האָב פאַרוואונדערט אים אָנגעקוקט:

— אין דעם דעיקס רעסטאָראַן?! איך האָב געמיינט, אַז איך בין דאָרטן נעכטן געווען דעם ערשטן מאָל . . . גאָט, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, — איך געדענק גאָרנישט . . .

לערי האָט געגלעט מיין האַנט. ער האָט שטיל גענומען רעדן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מיך ניט איבערצושרעקן:

— דאָס איז געווען מיט דריי יאָר צוריק. איך בין געקומען אויף אורלויב. איך האָב געוואוסט, אַז דערנאָך וועט מען מיך אַוועקשיקן אויפן פּאַסיפיק, איז מיר געווען אַביסל אומעטיק. און טאַקע הפקרדיק אויך . . . איז, אַז איך האָב דיך דערזען זיצן אַליין ביי אַ טישל, זייער אַן אומעטיקע, אַן אויסגעבלייכטע, אָבער אַזוי שיין, האָב איך זיך אַוועק־געזעצט ביי דיין טישל. איך האָב פּרובירט פלירטן מיט דיר, פאַרפירן אַ שמועס, אָבער דו האָסט געשוויגן. מיט קיין איין וואָרט נישט גע־ענטפערט, ווי דו וואָלסט מיך גאָרנישט געהערט . . . ערשט, ווען איך האָב דיר דערציילט, אַז אינגיכן שיקט מען מיך אַוועק אויפן פּאַסיפיק, האָסטו גענומען זיך צוהערן.

ער איז געבליבן שטיל, אַ קוק געטאָן אויף מיר און שטיל געזאָגט:

— אָ, איצט פאַרשטיי איך. דו האָסט מיך געפרעגט צו וואָס איך פאָר אַהין . . . איך האָב געמיינט, אַז דו שפּאַסט . . . האָב איך געענט־פערט: אַ סוף צו מאַכן צו דער מלחמה . . . דו האָסט געקוקט אויף מיר אַ פאַרשטאַרטע, ווי דו וואָלסט נישט געוואוסט וועגן וואָס איך רעד . . . און איך האָב דאַן געמיינט, אַז מסתמא האָסטו אימעצן פאַרלאָרן אין דער מלחמה . . . איך האָב דיר דערציילט וועגן מיין ברודער, ווי ער איז ער־

יונג לעבן

געץ פאַרפאַלן געוואָרן און מ'ווייסט נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען . . . איך האָב דיר דערציילט וועגן מיין מאַמען, געדענקסטו מיין מאַמען? — האָט ער פאַרזיכטיק געפרעגט.

איך האָב פאַרמאַכט מיינע אויגן. איך האָב געזוכט אין מיין זכרון זיך צו דערמאָנען זיין מאַמען, זיך קאָנען פאָרשטעלן ווי זי קוקט אויס. איך האָב זיך אָבער גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען. איך האָב ניט געוואוסט וועגן וועמען ער רעדט. איך האָב אַ טרויעריקע אים אָנגעקוקט:

— לערי, איך געדענק גאָרנישט . . . לחלוטין גאָרנישט . . .

דעם אופן ווי לערי האָט געקוקט אויף מיר, דוכט זיך מיר, אַז ער ליידט מער פון מיר. איך האָב געקאָנט זען, אַז ער וויל מיך טרייסטן מיט עפּעס און ניט געוואוסט מיט וואָס:

— דו וועסט זי קענען, — האָט ער געזאָגט, — זי האָט זיך שוין נאָכגעפרעגט אויף דיר, פאַרוואָס איך ברענג דיך ניט אַריבער. מאָרגן, בעטי, וועלן מיר אַריבערפאָרן צו איר.

— פאָרן צו איר? הייסט עס, אַז זי וואוינט אין אַן אַנדער שטאָט? אָדער ווייט אַוועק?

לערי האָט געענטפערט:

— אין אַן אַנדער געגנט. איצט איז שוין דער געגנט דאָרט אַן אויסגעשפּילטער, אָפּגעלאָזן. אָבער מיין מאַמע וויל זיצן דאָרט, ווייל ס'איז איר אייגן הויז, איר היים. האָט זי געוואָרט ביז איך וועל צוריקקומען. אפשר איצט, אַז איך בין געבליבן לעבן, צוריקגעקומען צו איר, וועט זי פאַרקויפן. ס'איז אַ קליין, הילצערן הייזל, אָפּגעפאַרבט אויף ברוין. מיין מאַמע איז אַן עלטערע פרוי, מיט אַ צעקנייטשט פּנים. דער אומגליק מיט מיין ברודער האָט איר אַלט געמאַכט . . . און פון מיין שוועסטער האָט זי אויך ניט קיין צופיל נחת. יע, איך האָב אַ שוועסטער אויך. אין אַן אַנדער שטאָט. דו ווייסט, בעטי, מיין מאַמע קאָן דיך זייער גוט. זי האָט דיך ליב געקראָגן פון דעם ערשטן טאָג אָן, — האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל מיט דעם מיר העלפן, מיר מאַכן גרינגער, איך זאָל זיין באַקאַנט מיט זיין מאַמען, מיט זייער הויז און איך זאָל וויסן, אַז ער האָט אַ שוועסטער. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז יענע נאַכט, ווען לערי האָט מיך געפונען זיצן אַליין אין רעסטאָראַן, האָב איך געגעסן כטיקט ביי זיין מאַמען, ווייל איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדע אין שטאָט און ווייס ניט וואו איבערצונעכטיקן. אויף מאָרגן האָבן זיי מיך געבראַכט אַהער, צו דער מרס. סילווער, און דאָ

פעסי באך

וואוין איך זינט דאַן.

אַז איך האָב געאַרבעט אין אַ גרויסן קליידער־געשעפט, האָב איך זיך דערוואוסט נאָך היינט אינדערפרי; אין מיין האַנט־בייטל האָב איך געפונען אַ קאַרטל מיט דעם נאָמען „עוועלין בעס״, אַן אָנגעשטעלטע אין דער פירמע. ווי אַפט האָב איך געזוכט לערין? ווי נאָענט בין איך געווען מיט אים? ער האָט מיר ניט געדאַרפט דערציילן. איך האָב שוין געוואוסט, אַז ווען נאָר ער איז געווען אין שטאָט, איז ער געווען מיט מיר. אין זיינע בריוו האָט ער געדעדט וועגן זיין ליבשאַפט צו מיר, געמאַכט פּלענער פאַר אונדזער צוקונפט, אַז מיר וועלן חתונה האָבן אַזוי שנעל ווי ער וועט ווערן באַפרייט פון מיליטער. מסתמא האָב איך אויך געשריבן אַזוינע בריוו צו אים. אָבער ווי אַזוי איך קום אַהער, וואָס האָט מיך געמאַכט דווקא צו קומען אַהער, אין דער שטאָט, וועגן דעם ווייסט לערי אויך נישט.

— לערי, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב שוין אַביסל אַן אָנונג, ווי אַזוי איך האָב געלעבט פאַר די לעצטע דריי יאָר, וואָס מיט מיר איז געשען. איך קאָן אָבער ניט פאַרבינדן די דריי יאָר מיט מיינע אַלע יאָרן אין ניו־יאָרק . . . ס׳איז ווי אַ פאָדעם וואָלט געווען איבערגעריסן . . . לערי, איך וועל מוזן צוריקפאָרן קיין ניו־יאָרק! איך מוז פאָרן אויס־געפינען, ווי אַזוי בין איך אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן . . .

לערי איז בלייך געוואָרן. אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט.

— ניין! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — בעטי, דו קאָנסט ניט אַוועק־פאָרן! ניט איצט! ווילסט מיך איבערלאָזן, איצט, ווען איך בין אַהיים געקומען? בעטי! . . .

ס׳איז מיר געוואָרן שטיף אַרום האַלדז. איך האָב אַליין נישט גע־וואוסט, צי פון זיין פאַרצווייפלונג, אָדער מיר אַליין איז געוואָרן שווער פון דעם געדאַנק אים איבערצולאָזן, נאָר ס׳האָט זיך מיר געוואָלט ווײ־נען. איך געדענק גאָר נישט איך זאָל ווען זיין אַזוי לייכט אויפן וויינען. אָבער די אויגן האָבן מיר געברענט פון די צוריקגעהאַלטענע טרערן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן ניו־יאָרק, די גרויסע, טומלדיקע, שיינע ניו־יאָרק. ווי ליב איך האָב געהאַט מיין ניו־יאָרק! ווי שטאָלץ איך בין אַלעמאָל געווען, וואָס איך וואוין אין דער גרעסטער שטאָט פון דער וועלט! די בענקשאַפט, דאָס נאָגעניש נאָך ניו־יאָרק איז געוואָרן שטאַרקער וואָס פון מינוט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פיל שוין אין זיך דעם אימפּעט פון דער שטאָט, דעם טראָט פון מיליאָנען מענטשן. איך בין שנעל אַראָפּ פון בעט:

יונג לעבן

— לערי, כאָטש איך קאָן דיך בלויז עטלעכע טעג, ווייס איך אָבער, אַז מיינע דריי יאָר פון מיין לעבן זיינען געווען פאַרבונדן מיט דיר. דו ביסט מיר געוואָרן זייער טייער, זייער נאָענט . . . נעענטער, ווי ס'איז ווער געווען פריער. אָבער איך מוז צוריקפאָרן! . . . איך קאָן נישט פאַרבלייבן דאָ! לערי, איך מוז אויסזוכן מיינע אַלטע באַקאַנטע, מיינע פריינט, איך מוז אויסגעפינען וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען. איך בעט דיך, לערי, פאַרשטיי.

לערי האָט געשוויגן. געקוקט אויף מיר און געשוויגן. מסתמא האָט ער דערקענט אין מיין פּנים, אַז איך וועל פאָרן. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט שוין גאָרנישט זאָגן. אַז איך וועל דאַרפן אַוועקפאָרן פון אים אַ שווייגנדיקע און דאָס האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך וויל פון אים נישט אַוועקפאָרן, אַז דער געפיל צו זיין מיט אים, איז פונקט אַזוי שטאַרק, ווי דאָס וועלן פאָרן קיין ניו־יאָרק. האָב איך זיך דערפרייט, ווען ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— בעטי, וועסטו צוריקקומען?

איך האָב געשמייכלט:

— אויב דו וועסט צוריקפאָרן מיט מיר!

לעריס פּנים האָט אויפגעשיינט. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו מיר און געשמייכלט. איך האָב גאָר פריער ניט באַמערקט, אַז ער איז אַזאַ הויי־כער! ער האָט געזאָגט:

— ווען דו וועסט צוריקקומען, וועל איך שוין זיין אויסגעשריבן פון דער אַרמיי, וועלן מיר קאָנען גלייך חתונה האָבן. איך וועל דערווייל מאַכן אַלע צוגרייטונגען . . . גוט?

איך האָב געפרעגט:

— און וואָס איז וועגן צוריקפאָרן מיט מיר קיין ניו־יאָרק?

לערי האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, ווי דאָס וואָלט געווען ביי אים די לעצטע זאַך.

— אָ, מירן זיין אין ניו־יאָרק. אָבער חתונה האָבן דאַרפן מיר דאָ. מיין מאַמע האָט געענוג לאַנג געוואַרט אויף דעם . . .

איך האָב געלאַכט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער דרייט זיך אַרויס פון אַן ענטפער, צי מיר וועלן דאָרט בלייבן וואוינען. אָבער דער אמת איז, אַז מיר האָט עס ניט געאַרט. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ווען מיר וועלן שוין זיין חתונה געהאַט און מיר וועלן נאָר קומען קיין ניו־יאָרק, וועלן מיר שוין דאָרט בלייבן.

פעסי באך

III

די באַן האָט געהאַלטן אין דערנעענטערן זיך צו ניו־יאָרק. דער האָדסאָן האָט געשווינדלט פאַר די אויגן, געפינקלט מיט גרוי־בלויען אָפּגלאַנץ אין דעם פריען באַגינען. און געדאַכט האָט זיך, אַז נישט די באַן דרייט זיך אַרום האָדסאָן, נאָר דאָס וואַסער פליט און שלענגלט זיך אַרום דער באַן. אָט טאַנצט עס צו גאָר נאָענט, כמעט ביז די סאַמע רעלסן, אָט גיט עס אַ פלי אַוועק אָן אַ זייט, און קומט דערנאָך ווידער אַנטקעגן דער לויפנדיקער באַן.

פון דער ווייטנס האָבן געפינקלט פייערלעך, און ס'איז שווער געווען צו דערקענען, צי שיפלעך פאָרן אויפן ווייטן האָריזאָנט, אָדער אויף דער אַנדער זייט האָדסאָן. אויבן אויף די בערג האָבן אין הייזער עלעקטרישע לעמפּלעך זיך אָנגעצונדן. איך האָב געוואוסט, אַז ס'וועט נישט נעמען לאַנג, און די באַן וועט דורכפליען יאָנקערס. ס'וועלן זיך באַווייזן די הויכע אַפּאַרטמענט־הייזער פון די בראָנקס, דערנאָך וועט די באַן דורכפליען די צעקרימטע באַרגיקע האַרלעם און וועט שטיל, אָן טומל, זיך אַריינגליטשן אין די טונעלן פון גרענד־סענטראַל, ניו־יאָרק. איך וועל צוזאַמען מיט די אַנדערע פּאַסאַזשירן זיך שטופּן צום אַרויסגאַנג, איך וועל מסתמא זיך לאָזן צו דער זייט וואו מ'נעמט דעם „שאַטל״־באַן, אַריבערצופאָרן צו טאַימס־סקווער, אויפן וועג צו דער וועסט 14טער גאַס, וואו איך האָב מיט 3 יאָר צוריק געוואוינט. מער האָב איך ניט געקענט טראַכטן; מיין געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָנשטאָט צו ציען דעם פאָדעם ווייטער, האָט עס גענומען לויפן אויף צוריק איבער די רעלסן פון וואַנט מיין באַן איז געקומען, צו דעם וואָקזאַל אין דער מיטל־מערב שטאָט, וואו איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויף דער באַן קיין ניו־יאָרק. לערי, מיין חתן, מיט וועמען איך דאַרף חתונה האָבן ווען איך וועל צוריקקומען פון ניו־יאָרק, האָט אַ פאַרזאָרגטער געקוקט צו דער זייט פון וואַנען די באַן דאַרף אָנקומען און געפרעגט:

— בעטי, צו וועמען וועסטו פאַרפאָרן?

ס'איז מיר געווען אַ וואונדער וואָס ער פרעגט מיך אַזאַ פראַגע:

— וואָס הייסט, צו וועמען איך וועל פאַרפאָרן? איך פאָר דאָך קיין ניו־יאָרק! מיין ניו־יאָרק! איך האָב דאָך דאָרט געוואוינט אַזוי פיל יאָרן, 5 יאָר אָפּגעוואוינט ביי איין באַלעבאָסטע, איך קען דאָרט אַזוי פיל מענטשן, האָב דאָרט אַזוי פיל פריינט! — האָב איך צו אים גע־

שמייכלט, געוואָלט אים באַרואיקן, אים פאַרזיכערן, אַז איך פאָר קיין ניו־יאָרק, דאַרף ער זיך פאַר מיר ניט זאָרגן. אָבער דער אמת איז געווען, אַז איך אַליין בין גאָרנישט געווען אַזוי רואיק. ערגעץ וואו, אין אַ ווינקל פון מיין געדאַנק, האָט זיך פאַרגנבעט אַ חשד, אַ שרעק, אַז איך וועל זיין אַ פרעמדע אין ניו־יאָרק. אַ פרעמדע און אַ פאַרגעסענע. דריי יאָר בין איך געווען אַ פאַרשוואונדענע. קיינער האָט ניט געוואוסט וואו איך בין אַהינגעקומען און ניט געהערט פון מיר. טאָ ווער וועט מיך געדענקען? און אויב יאָ, ווי אַזוי וועל איך עס קענען אַלעמען דער־קלערן, אַז פאַר 3 יאָר האָב איך אַליין ניט געוואוסט, אַז איך בין געווען אימעצער אַנדערש, זיך גערופן מיט אַן אַנדער נאָמען? דערציילן עס לערין, האָב איך ניט געוואָלט. ער וואָלט מיך ניט געלאָזן פאָרן. און פאָרן האָב איך געמוזט. אַנדערש וועל איך זיך קיינמאָל ניט באַרואיקן. אָבער לערי האָט זיך סיי־ווי געזאָרגט. איך האָב עס געקענט זען לויט זיין קוקן אויף מיר. איידער איך בין אַרויף אויף דער באַן, האָט ער מיך אַרומגענומען און שטיל געזאָגט:

בעטי, אַזוי שנעל ווי דו וועסט צוריקקומען, וועלן מיר גלייך חתונה האָבן. טאָ קום גלייך צוריק . . .

אַ פאָר טעג פאַר מיין אָפּפאָרן, האָט לערי מיך גענומען זען זיין מאַמען. זי האָט געוואוינט אין אַן אַלטן, אָפּגעלעבטן געגנט, אין אַ קליין, שטיל געסל. אויפן וועג האָט לערי געהאַלטן מיר אין איין דערציילן וועגן איר, כדי איך זאָל וויסן ווי זי קוקט אויס, און ווי אַזוי זי וועט מיר אויפנעמען:

— מיין מאַמע קען דיך זייער גוט, בעטי, זי האָט דיך ליב. זי האָט אַלעמאָל זיך געוואונטשן מיר זאָלן חתונה האָבן, ווען איך וועל צו־ריקקומען פון דער אַרמיי, טאָ זאָרג זיך ניט. — האָט ער באַמערקט ווי אומרואיק איך בין. — זיי נאַטירלעך. רעד צו איר, ווי דו וואָלסט זי געקענט פון לאַנג . . .

אָבער ווי אַזוי קען איך מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך קען זי, אַז איך ווייס, אַז כ'האָב זי קיינמאָל פריער ניט געזען. איך געדענק ניט, פונקט ווי איך געדענק ניט וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען אין די 3 יאָר. איי־דער מיר זיינען אַריין צו איר, האָב איך לערין געפרעגט:

— ווייסט דיין מאַמע? האָסטו איר דערציילט, אַז פאַר דריי יאָר האָב איך געהאַט פאַרלאָרן מיין זכרון? ווייסט זי, אַז איך בין גאָרנישט עוועלין בעס — נאָר בעטי מילער?

לערי האָט געהאַלטן מיין האַנט אין זיינער. פון זיינע שטאַרקע

פּעסי באָך

פינגער האָט געשטראַמט צו מיר אַ וואַרעמקייט, אַ שטאַרקייט. זיינע אויגן האָבן מיך געגלעט און באַרואיקט:

— אַוודאי ווייסט זי.

— און? . . .

— ס'איז שווער פאַר איר צו פאַרשטיין. זי איז אַן עלטערע פרוי. קיין מאָל ניט געהערט וועגן אַמנעזיע . . . אָבער, אַז זי וועט זען, אַז דו ביסט די זעלבע, זיך ניט געביטן, וועט עס איר ניט אַרן.

ס'האָט איר אָבער יאָ געאַרט. איך האָב עס באַמערקט גלייך ווי איך בין אַריין. איך האָב אַזוי געהאָפט, אַז זי וועט זיך דערפרייען מיט מיר. ווי גוט און היימיש איך וואָלט זיך דערפילט. זי האָט אויף מיר אַ דערשראָקענעם קוק געטאָן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי מ'באַגריסט אַ פרעמדן, און דאָס אַלעס. ערשט ווען לערי האָט איר שאַרף אָנגע־קוקט, מיט די אויגן געוואָלט מסתמא דערמאָנען, וואָס ער האָט איר אָנ־געזאָגט, האָט זי אַ פאַרלאָרענעם שמייכל געטאָן צו מיר און מיך געבעטן זיצן:

— טו אויס דיין מאַנטל, זעץ זיך. — האָט זי מיר אונטערגערוקט אַ שטול, אָבער אויסגעמידן צו קוקן אויף מיר. איך האָב אויף איר גאָר קיין פאַראיבל ניט געהאַט. ס'איז מיר געווען אַ רחמנות אויף איר. זי איז געווען אַ נידעריקע, אַן אויסגעדאַרטע און אַ פאַרעלטערטע. איר פּנים איז געווען געקאַרבט מיט אַ סך קנייטשן. אירע אויגן, אויסגע־וויינטע, אויסגעטריקערטע, האָבן אויסגעקוקט ווי צוויי פּולע שיסעלעך. זיי זיינען אָבער געווען קלוגע אויגן, מיט אַ סך גוטסקייט אין זיי. ווען זי האָט געקוקט אויף לערין, האָבן זיך אירע אויגן אָנגעצונדן ווי צוויי פלעמלעך. ס'האָט מיר אַזש פאַרדריקט אַרום האַלדז, מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט זי האָט געקוקט אויף אים. לערי האָט מיר געהאַט דער־ציילט, אַז ער איז איצט איר גאַנצער טרייסט. דער עלטערער זון איז ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען אין דער מלחמה און מ'ווייסט ניט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אַ טאַכטער וואוינט אין אַ ווייטער שטאָט און די מאַמע האָט ניט קיין צו גרויסן נחת פון איר, איז לערי איר טרייסט און פרייד וואָס ער איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז פון אים דאַרף זי עס האָבן דעם נחת, וואָס ס'זאָל איר פאַר־גיטיקן פאַר די אַנדערע קינדער. וואָס פאַר אַ כלה האָט זי געוואָלט, האָט זי זיך פאַרגעשטעלט פאַר איר הויכן, שיין־געוואַקסענעם זון? זיכער ניט אַ מיידל וואָס האָט פאַר 3 יאָר צייט געהאַט פאַרלאָרן איר זכרון! אַ מיידל וואָס האָט זיך גערופן מיט אַן אַנדער נאָמען! איך האָב באַ־

מערקט, אַז יעדעס מאָל, וואָס זי מיינט, אַז איך קוק נישט, באַטראַכט זי מיך. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט, אָט, וועט זי צוגיין און מיך אַ טאַפּ טאָן. איך האָב געוואָלט איר זאָגן עפּעס, וואָס זאָל איר באַרואיקן, איר דערבעענטערן צו זיך, און ניט געוואוסט וואָס. האָב איך געזאָגט:

— מרס. רובין, אויב איר ווילט, קענט איר מיך רופן עוועלין . . . אויב ס׳איז פאַר אייך גרינגער . . . — האָב איך געפילט, אַז איך פאַר־ליר זיך, ווער רויט.

לערי האָט זיך אַזש אויפגעהויבן, ער איז געווען בייז:

— בעטי, — האָט ער געזאָגט איינגעהאַלטן, — וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטן? דער מאַמען אַרט נישט ווי מ׳רופט דיך . . . קינד, — האָט ער געזאָגט מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט, אַז ס׳האָט זיך מיר גע־וואָלט זיך צוטוליען צו אים, — די מאַמע וועט זיך צוגעוואוינען צו דיין אמתן נאָמען. זי פאַרשטייט, אַז דו ביסט די זעלבע, אַז דו ביסט ניט אַנדערש ווי געווען. דו וועסט דאָך ווערן איר טאָכטער, — האָט ער זיך צעשמייכלט, — וועט זי זיך שוין צוגעוואוינען צו רופן דיך „בעטי״. אמת, מאַמע? — האָט ער געקוקט אויף איר מיט געבעט.

זיין מאַמע האָט אונדז אָנגעקוקט. זי האָט געקוקט אויף אונדז מיט אירע שאַרפע, אויסגעוויינטע אויגן, געקוקט לאַנג און פּלוצלונג האָט יעדער קנייטש אויף איר פּנים זיך צעשמייכלט מיט דער זעלבער פרייד, ווי פריער לערי, האָט זי געזאָגט:

— נו, נו, גאָט וועט העלפן. ער׳ט רחמנות האָבן. אַבי דו ביסט איצט געזונט . . . פילסט דאָך נישט חלילה קראַנק? מאַלע וואָס מ׳ווערט קראַנק אַמאָל? אַזוי ביסטו דאָך אַ טייער קינד. איך קען דיך דאָך, — האָט זי שוין מיך געוואָלט טרייסטן. און איך האָב פּלוצלונג פאַרשטאַ־נען, אַז איר גאַנצע זאָרג איז איך זאָל נאָכאַמאָל ניט פאַרלירן דעם זכרון. אָבער ווי אַזוי קען איך עס איר פאַרזיכערן, אַז איך אַליין ווייס ניט, אַז איך קעמף קעגן אָט דער שרעק? לערי, אָבער, איז שוין פריילעך. פאַר זיין מאַמען אין די אויגן צעקושט ער זיך מיט מיר, ווי ערשט איצט וואָלטן מיר אָפּגעמאַכט חתונה צו האָבן. און זיין מאַמע, טאַקע ווי ערשט איצט וואָלט זי באַגריפן, אַז איך בין איר זונס כלה, האָט זי אַ שמייכלענ־דיקע מיך באַזעצט אויבן־אָן ביים טיש און זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אָנגעגרייט אַ געשמאַקע וועטשערע פאַר אונדז:

— עסט, עסט, קינדערלעך, — האָט זי מאַמעדיק אונטערגערוקט אונדז דאָס עסן. — עסט און האָט הנאה. איך האָב דאָך אַזוי לאַנג גע־וואַרט אויף דעם! . . . — זיינען איר די אויגן פול געוואָרן מיט טרערן.

פעסי באך

גאָט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ס'איז מיר איצט אַזוי גוט. אַזוי פיל יאָרן האָב איך געוואוינט ביי פרעמדע מענטשן, אַליין, אָן משפּחה, און פּאַר 3 יאָר צייט איז לערים מאַמע געווען אַט אַזוי גוט צו מיר, מיך באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד און איך האָב ניט געוואוסט וועגן דעם . . .

אויפן וועג אַהיים האָב איך געזאָגט לערין:

— איך גלויב, אַז דיין מאַמען אָרט שוין ניט מער וואָס איך האָב געהאַט פאַרלאָרן מיין זכרון, אפשר אַביסעלע . . .

— אַפילו אַ ביסעלע אויך ניט! — האָט לערי שטרענג געענטפערט.

— ווען דו וועסט זיך אויפהערן זאָרגן, דו זאָלסט ניט צוריק קראַנק ווערן?

ס'האָט מיר פאַרדראָסן, וואָס ער פאַרשטייט אַזוי גוט וועגן וואָס איך טראַכט, וואָס ער באַמערקט אַזוי מיין יעדן אויסדרוק און ווייסט אַלעמאָל ווי איך פיל. איך וועל קיינמאָל ניט קענען פון אים עפּעס באַהאַלטן, האָב איך געטראַכט, וועגן אונדזער צוזאַמענלעבן.

— בעטי, — האָט ער מיך געפרעגט, איידער איך בין אַרויף צו זיך אין צימער, — ביסטו זיכער, אַז דו ווילסט פאָרן קיין ניו־יאָרק?

אַבי איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין פאַר אים קלאָר געמאַכט, ווי נויטיק ס'איז פאַר מיר צו פאָרן אַהין. איך מוז דאָך אויסגעפינען ווי אַזוי איך קום אַהער, אין אַט דער שטאָט. מענטשן האָבן דאָך געזען ווי איך בין געפאַלן לעבן אַ סאָבוועי. אפשר האָבן מיינע באַקאַנטע זיך דערוואוסט וועגן דעם. אפשר ווייסן זיי, אַז פון דעם פאַל האָב איך פאַרלאָרן מיין זכרון. אפשר האָט עס אימעצער מיך געבראַכט אַהער. איז עס מעגלעך, אַז איך האָב קיינעם ניט אויסגעפעלט? צוליב דעם מוז איך פאָרן. איך מוז ערגעץ וואו אָנקניפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם. ערשט דאַן וועל איך קענען אַ רואיקע צוריק קומען צו לערין. איך בין זיכער, אַז לערי פאַרשטייט עס, נאָר ס'איז אים אַ שאָד, וואָס איך פאָר אַוועק. מיר אויך. איך האָב אים שוין ניט געבעטן מער מיטפאָרן. איך האָב בלויז געזאָגט:

— איך וועל דאָרטן לאַנג ניט זיין, דו ווייסט עס, לערי.

— און אַז דו וועסט צוריקקומען, וועלן מיר גלייך חתונה האָבן, — האָט ער געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט שוין מיר אַ סך מאָל געזאָגט.

איך האָב אים שוין ניט איבערגעפרעגט צי ער וועט דערנאָך צוריקפאָרן מיט מיר קיין ניו־יאָרק דאָרט צו פאַרבלייבן. כ'וואָלט עס לערין ניט געוואָלט זאָגן, אָבער עפּעס האָט מיר שוין מער ניט געאַרט. איך האָב בלויז איין זאַך געוואָלט: זיך אָפּרוען. איך בין געווען מיד,

יונג לעבן

צערודערט, אַנגעשטרענגט. איך האָב שוין געוואָלט זיין צוריק, און זיך מער ניט זאָרגן און ניט דאַרפן טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גרענד־סענטראַל. מענטשן אַרום מיר האָבן אומרואיקע זיך געשטופּט און כ'האָב זיך געשטופּט גלייך מיט אַלעמען. כ'האָב מיטאַמאָל דערפילט די פרייד פון זיין אין ניו־יאָרק. דער געדראַנג און טומל פון טויזנטער מענטשן אויפן וואָקזאַל האָט מיך ווי פאַר־שיכורט. איך האָב געהאַט דעם געפיל, ווי איך וואָלט צוריקגעקומען אהיים, אַז אָט־די אַלע מענטשן זיינען מיינע באַקאַנטע, נאָענטע. אַז אָט באַלד וועט מען מיך דערקענען, מ'וועט זיך דערפרייען מיט מיר. איך האָב דערפילט אין זיך דעם אימפּעט פון דער גרויסער שטאָט, און אַ פריי־דיקע, אַ גליקלעכע, וואָס איך בין צוריקגעקומען, האָב איך געגומען אַרומשפּאַצירן איבערן גרויסן גרענד־סענטראַל. דערמאָנט און דער־פרייט זיך מיט יעדן ווינקעלע, מיט יעדער אָפּטיילונג. אַרום מיר האָבן מענטשן זיך אַרומגענומען, זיך געקושט, זיך געפרייט איינער מיטן צווייטן, און איך האָב זיך אַרומגעדרייט צווישן זיי איינע אַליין, און קיינער איז צו מיר ניט צוגעלאָפן און איך האָב ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו קושן. איך בין געבליבן שטיין. איך האָב זיך דערמאָנט אָן לערין. ווען איך וועל צוריקפאָרן צו אים וועט ער מיך באַגעגענען, ער וועט זיך דערפרייען מיט מיר און זאָגן:

— בעטי, איך בין אַזוי צופרידן וואָס דו ביסט שוין דאָ צוריק! איצט וועלן מיר גלייך חתונה האָבן! . . . מיר וועלן גלייך חתונה האָבן . . . האָב איך שוין ניט געקענט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.

איך האָב גענומען גיין שנעלער צום אַרויסגאַנג. איך האָב געוואוסט, אַז ווען איך וועל אַרויס אין גאַס, דערזען פאַר מיינע אויגן ניו־יאָרק, וועל איך זיך פילן בעסער. איך וועל נעמען אַ טעקסי און הייסן זיך פירן צו דער וועסט 14טער גאַס. איך וועל אָנקלינגען, און מיין באַלעבאָסטע, ביי וועמען איך האָב געוואוינט, וועט עפענען די טיר:

— אָ, בעטי, — וועט זי זיך דערפרייען מיט מיר. — זעט נאָר, אַ גאַסט! וואו ביסטו עס געווען די אַלע יאָרן?

אָבער אַנשטאָט צו געדענקען מיין ניו־יאָרקער באַלעבאָסטע, האָב איך גאָר געזען פאַר זיך דעם פּנים פון מרס. סילווער, ווי זי האָט פאַר מיר געעפנט די טיר יענעם אָוונט, ווען אַן אומבאַקאַנטער מאַן האָט מיר צו איר געבראַכט אַ צעקלאַפּטע, אַ צעטומלטע, און די מרס. סילווער האָט דאַן געפרעגט:

— עוועלין, וואָס ביסטו אַזוי שפּעט?

פּעסי באָך

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. איך האָב איצט ניט געוואָלט טראַכטן וועגן יענעם אָוונט. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל דערפילן דעם זעלבן גרויל, וואָס איך פיל יעדעס מאָל וואָס איך גיב אַ טראַכט, אַז מיט 3 יאָר צוריק, אין אַ פּרימאָרגן, בין איך געפאַלן אין ניו־יאָרק לעבן אַ סאָבוועי, פון דעם פאַל געקראָגן אַמנעזיע, און ערשט מיט 3 יאָר שפּעטער נאָכאַמאָל געפאַלן אַראָפּגייענדיק פון אַ סטריט־קאַר און געקומען צו זיך אין אַ פרעמדער שטאָט, צווישן פרעמדע מענטשן, זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט אַ פרעמדן בחור, וואָס דערציילט מיר, אַז איך האָב אין די 3 יאָר צו אים געשריבן ליבע־בריוועלעך און אַז ער איז שיר מיין חתן . . . לערין האָב איך סיי־ווי ליב, אָבער איך וועל בעסער וועגן יענער צייט ניט טראַכטן. איך וועל בעסער אָפּרופן מיינע ניו־יאָרקער באַקאַנטע און וועל זיך מיט אַלעמען זען און אַלע וועלן זיך דערפרייען מיט מיר. פּנימער פון באַקאַנטע מיידלעך זיינען אַרויסגעשוואומען פאַר מיינע אויגן. מיידלעך מיט וועמען איך האָב פאַרבראַכט, צוזאַמען געאַרבעט און זיך מיידלשע סודות פאַרטרויט. איך האָב געזען פאַר זיך באַקאַנטע בחורים מיט וועמען איך האָב געפלירט, געמאַכט מיט זיי „דעיטס". איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם בחור וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט אים. אָבער ס'איז געווען אומזיסט. איך האָב געוואוסט, אַז איך נאָר זיך אַליין. איך בין געשטאַנען אין גרענד־סענטראַל וואָקזאַל, אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט און זיך ניט גערירט פון אָרט. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך וועל קיינעם ניט רופן, ווייל איך האָב מורא געהאַט, מ'וועט מיך ניט געדענקען, אַז מ'האָט מיך פאַרגעסן. און אַז אימעצער וועט זיך שוין יע דערמאָנען, וועל איך סיי־ווי זיין צו זיי אַ פרעמדע.

— ווען איך וועל חתונה האָבן, צוריקקומען אַהער מיט לערין, דאַן וועל איך אַלעמען אויפזוכן, דאַן וועל איך ניט מורא האָבן אַלעמען צו דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען. דאַן וועט מיר זיין גרינגער . . .

ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך וויל קיינעם ניט זען. אַז איך פיל זיך דאָ, אין מיין ניו־יאָרק, אַ פרעמדע. איך בין צוריק אַריין אין וואָקזאַל, אויפגעזוכט אַ טעלעגראַף־סטאַנציע און אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע:

— לערי, איך קום צוריק. וואַרט אויף מיר!

אין אַ זונטיקדיקן טאָג

דאָריס האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש, ווי זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן אָרט. זי האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ זוך געטאָן מיט דער האַנט אויף דער ערד, וואו זי האָלט דעם וועק־זייגער, ווייל איר ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז זי האָט זיך פאַרשלאָפן. דער זייגער האָט ניט געקלונגען און איצט וועט זי זיין שפּעט צו דער אַרבעט. זי האָט מיט אימפּעט זיך אויפגעזעצט און דערזען, אַז דורך די פאַרצויגענע פענצטער שיינט אַריין די זון. אַ ווינטל האָט געבלעזלט די פאַרהאַנגען. אַ פּאַס ליכט האָט אָפּגעשיינט אויפן דיל אַזש ביזן בעט. דער פּאַס ליכט, דאָס ווינטל דורכן פענצטער און איר מאַמעס אַרומגיין אין קיך האָבן איר דערמאָנט, אַז עס איז היינט זונטיק אינדערפרי, אַז זי וועט היינט אינערגעץ ניט פאַרשפּעטיקן. אַלע זונטיק איז אַזוי: אין דעם פריימאָרגן, ווען זי וואָלט זיך געקענט אָפּרוען, זיך גוט אויסשלאָפן, כאַפּט זי זיך אויף מיט אַ שרעק, אַז זי פאַרזאַמט עפּעס.

דאָריס האָט זיך צוריקגעלייגט, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז זי וועט שוין סיי־ווי מער נישט שלאָפן. אין קיך האָט זי געהערט איר מאַמען אַרומגיין הין און צוריק. פון אויוון צום טיש, און פון טיש צום אויוון:

— גייט שוין אַרום . . . — האָט אַ כעס איר אַ שפּאַר געטאָן צום האַרצן. — אַ גאַנצע וואָך שלאָפט זי ביז שפּעט, און זונטיק, ווען איך דאַרף זיך אויסרוען, גייט זי אַרום.

דאָריס האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דער אַלטער היים, אין דער ליטווישער שטאָט, פלעגט איר מאַמע אויפשטיין שבת באַגינען, ווען די גאַנצע גאַס פלעגט נאָך שלאָפן, און זיך נעמען גרייטן צו גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין. זי פלעגט פאַר איר, דאָריסן, צוגרייטן ריינע וועש, און פאַרן אַרויסגיין זי שטיל אַ רוף טאָן:

— דאָבעלע, שלאָפסט?

און זי, דאָריס, נאָך דאַן אַ יונגע מיידל מיט רויטע באַקן, מיט געדיכטע, שוואַרצע צעפּלעך, פלעגט פאַרקוועטשן די אויגן, ווען די מאַמע זאָל מיינען, אַז זי שלאָפט, פלעגט שוין די מאַמע, אַ בייזע, אַ געשריי טאָן:

פעסי באך

— דאָבקע, דו שלאָפסט ? !
דאָריס איז אָבער דערפאַר אויף איר קיינמאָל ניט אין כעס געווען. זי האָט זייער ליב געהאַט די שבתים אין דער פרי. ווען איר מאַמע וואָלט זי ניט געוועקט וואָלט דער שבת עפּעס קיין טעם ניט געהאַט. דאָ אין אַמעריקע, זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, גייט די מאַמע זעלטן אין שול. זי שלאָפט שבת אינדערפרי, פּונקט ווי אַלע טאָג. „האָט פאַרביטן דעם שבת אויף זונטיק״, פאַרדריסט דאָריסן. און פּונקט ווי אַמאָל שבת אינ־דערפרי, עפנט זי אויף אַביסעלע די טיר פון איר צימער:

— דאָריס, שלאָפסט ?

דאָריס ווייס גאַנץ גוט, אַז זי וואָלט סיי־ווי מער ניט געשלאָפן. זי האָט אַפילו ניט אינזינען געהאַט צו ווערן אין כעס אויף איר מאַמען, אָבער, אַז זי דערהערט זי, ווערט זי אַזש רויט פון כעס:

— וואָס קריכסטו אַרום ? . . . וואָס לאָזסטו מיך ניט שלאָפן ? — גיט זי אַ געשריי, מיט אַזאַ רציחה, אַז איר מאַמע טרעט אַזש אָפּ אויף צוריק. — קענסט ניט אַריבערטראָגן, וואָס איך שלאָף ?

ס׳פאַרדריסט איר אָבער גלייך וואָס זי האָט אַזוי געשריען אויף איר. איר מאַמעס פּנים איז באַליידיקט, ווי זי, דאָריס, וואָלט זי אויסגעפּאַטשט. די מאַמע פאַרציט די ליפּן און גייט, אַן איינגעקאָרטשעטע, אַ באַליידיק־טע, אַרויס. פון פאַרדראָס קען שוין דאָריס מער ניט איינליגן. ווען זי קומט אַריין אין קיך, איז איר מאַמע נאָך באַליידיקט. זי וויל אויף איר ניט קוקן. מיטן פּנים צום אויוון, זאָגט זי:

— קענסט גיין עסן, אַז דו ווילסט . . .

דאָריס טראַכט, אַז זי וואָלט געדאַרפט איר מאַמען זאָגן, אַז ס׳פאַר־דריסט איר, וואָס זי האָט פריער אויף איר אַזוי געשריען. זי ווייסט אָבער, אַז איר מאַמע וועט זיך אַזוי דערפרייען, זי וועט זיך האַלטן פאַר אַזוי גע־רעכט, אַז אַ גאַנצן טאָג וועט זי שוין ריידן וועגן דעם. האָט שוין דאָריס בעסער געשוויגן. איר מאַמע האָט גענומען זיך שרעקן פאַר איר שווייגן. אַז דאָריס שווייגט, מיינט עס, אַז זי איז אין כעס. וועט זי שוין אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין אַן אָנגעבלאָזענע. אָט אַזוי איז זי אַ גאַנצע וואָך, טראַכט די מאַ־מע. קומט פון דער אַרבעט אַ שטילע, אַ באַהאַלטענע אין זיך. מער ווי אַ „האַלאָ״ רעדט עס ניט אַרויס. עסט אַ שטיקל אָפּ, און זעצט זיך צו דער ראַדיאָ . . . דערמאָנט זי זיך אָן אַלע עוולות אויף דאָריסן. אומזיסט וואַרט זי אויף איר אַ גאַנצן טאָג, צו האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצו־ריידן . . . עס איז אמת, זי אַרבעט טאַקע, נעבעך, זייער שווער. דער־

מאַנט זי זיך, איז שוין אין שאַפּ אַזוי פיל יאָרן. ווען זיי זיינען געקומען אַהער קיין אַמעריקע, איז דאָריס נאָך געווען אַ יונגע, פריילעכע מיידל, מיט לאַכנדיקע אויגן און אַ רונד, שיין פּנימל. איז זי אַוועק אַרבעטן אין שאַפּ. בלויז אויף אַ ווײַלע, ביז זי וועט קריגן אַ חתן. אָבער אַז דער טאַ־טע איז קראַנק געוואָרן, אָפּגעלעגן אין בעט אַזוי פיל יאָרן, איז שוין דאָ־ריס פאַרבליבן אין שאַפּ:

— לאָז מיך צורו מיט אַ חתן, מיט חתונה האָבן, — פלעגט זי ענט־פערן אויף די טענות וועגן אַ תכלית. — זאָל דער טאַטע פריער געזונט ווערן...

דער טאַטע איז אָבער שוין קיינמאָל ניט געזונט געוואָרן. דאָריס איז געבליבן די פאַרזאָרגערין, די פרנסה־געבערין און קיין צייט ניט גע־האַט אַרויסצוגיין אַ זונטיק, זיך באַקענען מיט אַ בחור, פאַרברענגען מיט מענטשן. איצט, אַז זי האָט שוין מער צייט, זיצט זי סיי־ווי אין הויז. ביי אַלעמען, אַז ס'קומט זונטיק, איז פריילעך אין הויז. אָבער זי, — גיט די מאַמע אַ קרומען קוק אויף דאָריסן. — גייט אַרום אַן אַנגעבלאָזענע און שווייגט... סיידן לינאַ קומט. לינאַ אַרבעט אויך אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ. אָבער, אַז עס קומט זונטיק, רוט אויף איר די שכינה. זי באָדט זיך, פּוצט זיך אויס אין אירע בעסטע קליידער און קומט צו־גאַסט. ווען ניט לינאַ, טראַכט זי, וואָלט דאָריס אָפּגעזעסן אַלע זונטיקס אין הויז. פאַרגעסט שוין די מאַמע, אַז זי איז אין כעס אויף איר טאָכטער און פרעגט:

— וועט לינאַ היינט קומען?

— מסתמא, — ענטפערט דאָריס, קורץ.

ביי זיך אָבער ווייסט זי, אַז לינאַ וועט זיכער קומען. זעלטן, אַז זי זאָל פאַרפעלן אַ זונטיק. די ערשטע צייט, אַז זי האָט זיך באַקאַנט מיט לינאַן, פלעגט זי זיך דערפרייען מיט איר קומען. לינאַ פלעגט אַרייַנ־ברענגען אַ יום־טובדיקייט אין הויז, ווי זי וואָלט געבראַכט אַ גרוס פון גאַס, פון מענטשן. זי, דאָריס, פלעגט אויך חשק קריגן אויסצופּוצן זיך. זיי פלעגן ביידע זיך אַוועקלאָזן איבער די גאַסן, אויסגעפּוצטע, יום־טוב־דיקע. אָבער שפּעטער איז איר נמאס געוואָרן דאָס אויספּוצן זיך אומ־זיסט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי זיינען ביידע ווי צוויי אָנגעשטעל־טע מענטשעלעך; גייען אַלע טאָג אין דער זעלבער צייט צו דער אַרבעט, קומען אין דער זעלבער צייט אַהיים, פּוצן זיך אויס אַלע זונטיק, ווי זיי וואָלטן טאָקע געהאַט וואו צו גיין. זומער פאָרן זיי אַרויס אין פּאַרק, מ'קויפט זיך אַליין אייז־קרים, און סיי זומער, סיי ווינטער, פאַרענדיקט

פּעסי באַך

מען דעם טאָג מיט אַ מאָווי. אַמאָל באַגעגנט מען באַקאַנטע, אַמאָל גייען פאַרביי אין פּאַרק בחורים. מ׳גיט זיי ביידן אַ מעסט אָפּ, מ׳וואַרפט זיך דורך מיט אַ באַמערקונג און מ׳גייט אַוועק. אין אַזוינע מאָמענטן שיינען לינאַס אויגן אויף. זי קוקט זיך אַריין אין אַ שפּיגעלע, פאַרריכט זיך די האָר און שטורכעט דאָריסן מיטן עלנבויגן:

— זיינען זיי ניט קיין באַקאַנטע?

דאָריס וואָלט אפשר אויך געוואָלט אַזוי זיך אָפּנאַרן. אָבער זי קען נישט. זי קוקט אויף לינאַס פאַרעלטערט פּנים, אויף אירע מידע אויגן, אויף די קנייטשן אויפן האַלדז, און זעט זיך אַליין. בלויז וואָס זי, דאָריס, איז אַביסעלע נידעריקער, דאַרער. זי ווייסט, אַז די בחורים זיינען צו־יונג, זיי זאָלן זיין באַקאַנטע:

— ניין. זיי זיינען ניט קיין באַקאַנטע... — ענטפערט זי אַ ברוגזע.

— אַזוינע יונגע בחורימלעך, באַקאַנטע!...

לינאַ אָבער לאַכט. און דאָריס ווייס ניט, צי זי, לינאַ, נאַרט זיך אַליין, אָדער פשוט זי פאַרשטייט ניט. אַזוינע זונטיקס ענדיקן זיך אָפּט מיט אַ שטילן ברוגז צווישן זיי.

בייטאָג איז לינאַ געקומען... זי האָט געטראָגן איר נייעם זומער־דיקן מאַנטל. לאַנג און געפאַלדעוועט פון טאַליע ביז אַראָפּ. לויט איר דרייען זיך פאַר איר, האָט דאָריס פאַרשטאַנען, אַז זי, לינאַ, דערוואַרט פון איר, זי זאָל באַוואונדערן דעם מאַנטל. דאָריס האָט אָבער געשוויגן.

— ווי פאַר אַ יונגער מיידעלע, — האָט זי בלויז אַ טראַכט געטאָן. אָבער איר מאַמען איז דער מאַנטל זייער געפעלן:

— קוקט אויס, קיין עין־הרע, אַ פאַרשוין! — איז איר געפעלן, וואָס לינאַ קוקט אויס אין דעם מאַנטל העכער און דיקער. הלוואַי וואָלט דאָריס זיך אַזוי פאַרפּוצט, האָט זי געזיפצט אין זיך.

— רוף אָפּ, דאָריס, געפין אויס וואָס מען שפּילט אין אונדזער טעאַ־טער. — דאָס האָט זי געמיינט די „דעיטאָן", די מאָווי־הויז, וואו זיי גייען אַלע זונטיק. דאָריס האָט ניט געדאַרפט אָפּזוכן דעם נומער... זי האָט אים געוואוסט אויף אויסנווייניק. אָבער אָנשטאָט די געוויינטלע־כע מיידלשע שטימע, וואָס זינגט אויס דעם „האַלאָ", האָט אַ מאַן געענט־פערט. אַ קלאָרער טענאָר האָט געפרעגט:

— „העלאָ" ווערט רעדט עס?

לינאַ האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דער מאָווי.

— אָ, — האָט דער טענאָר פריילעך געענטפערט, — אויף דעם

יונג לעבן

דאַרפסטו רופן דער מואווי־הויז. איך אַליין וויל אויך וויסן!

דאַריס האָט אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזן דעם טרייבל. לינאַ האָט דערהערט, אַז אַ מאַן האָט געענטפערט, איז זי געוואָרן נייגעריק:

— ווער איז געווען דער מאַן? וואָס האָט ער געזאָגט?

דאַריס האָט נאָכאַמאָל געררופן. פאַרזיכטיק געדרייט דעם רעדל מיט די נומערן. די זעלבע שטימע האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָ, ווייטער דו? וואָס לערנסטו זיך נישט אויס, מיידעלע, ווי צו נוצן דעם טעלעפאָן.

דאַריס איז געוואָרן אין כעס:

— און וואָס הענגסטו אויפן טעלעפאָן? פאַרוואָס לאָזטו נישט רופן, וועמען מען באַדאַרף?

לינאַ האָט געקוקט אויף דאַריסעס פאַרפלאָמט פנים:

— וואָס, ווייטער ער? דער זעלבער מאַן? לאָז מיך ריידן צו אים! — האָט זי געוואָלט אַרויסרייסן דעם רעדל פון איר האַנט. דאַריס האָט זי אָפּגעשטופּט. די שטימע אויפן טעלעפאָן האָט געזאָגט:

— איך הער דאָרט נאָך אַ מיידל! זייט איר דאָרט צוויי מיידלעך? מיר זיינען דאָ צוויי בחורים, אפשר מאַכן מיר אַ „דעיט"?

דאַריס האָט זיך צעשמייכלט:

— איך האָב שוין מיינע „דעיטס" געמאַכט!...

— אַזוי גאָר? — האָט די שטימע געקוואָלן. — הייסט עס, האָסט שוין געמאַכט אַ „דעיט"? אָבער איך הער, אַז איר קלייבט זיך צו גיין אין אַ מואווי. מיר ווילן אויך גיין! איז אפשר טרעפן מיר זיך דאָרטן?

לינאַ האָט געהאַלטן איר אויער צוגעדריקט צום טרייבל. זי האָט שטיל געלאַכט:

— דאַריס, — האָט זי שטיפעריש געקוקט צום טעלעפאָן. — לאָמיר האָבן אַביסל שפּאַס!... לאָמיר זיך אָנלאַכן!...

דאַריס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניט. די שטימע האָט אַ ניי־געריקע געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו דאָרט? איך הער, אַז איר רעדט דאָרט, און ווייס ניט וואָס...

לינאַ האָט געגעבן אַ כאַפּ אַרויס דעם טרייבל פון דאַריסעס האַנט:

— וואַרט דאָרט צו אַ ווײַלע!... מיר וועלן אייך אָפּרופן אויף צו־ריק!...

— גוט! — האָט די שטימע זיך דערפרייט — מירן וואַרטן!

פּעסי באָך

— דאָריס, — האָט לינאַ אָנגעכאַפּט אירע ביידע הענט — זיי ניט קיין נאַר. וואָס אַרט דיך, אַז מיר וועלן זיך אַביסל אָנלאַכן? מיר מאַכן ניט קיין „דעיטס" מיט זיי! מיר וועלן בלויז האָבן אַביסל שפּאַס!...

— אָ, יע, — האָט דאָריס אַ לאַך געטאָן. — ס'קאָן אַרויסקומען אַ שיינער שפּאַס!... און טאָמער זיינען דאָס גאָר דאָרטן צוויי אַלטע לייט?

לינאַ האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין:

— האָט דעם מאַנס שטימע געקלונגען ווי פון אַן אַלטן מאַן? זאָג דעם אמת!

דאָריסעס אויגן זיינען געוואָרן לעבעדיקער. זי האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער שטימע:

— ניין, ער האָט זייער אַ שיינע שטימע — איז זי רויט געוואָרן, — ווי פון אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק!... — האָט זי זיך פאַרשעמט.

— זעסט! — האָט לינאַ זיך דערפרייט — איז וואָס אַרט דיך, אַז מיר וועלן זיי אָנקוקן? הער, דאָריס, — האָט זי געזען, אַז דאָריס ווערט צוריק ערנסט, — לאָמיר זיי זאָגן, אַז מיר וועלן זיי טרעפן ביי דער מואווי. אָבער מיר וועלן בלויז אויף זיי אַ קוק טאָן און אַריין אַליין... פאַרשטייסט, מיר וועלן אפילו צו זיי ניט ריידן!... — האָט זי זיך געבעטן ביי דאָריסן, און ביי זיך האָט זי געטראַכט, אַז זיי וועלן שוין זיין דאָרטן, וועט מען שוין זען.

דאָריס האָט געזאָגט:

— אַז דו ווילסט, קאָנסטו אַליין גיין, וועסט מיר דערנאָך דערציילן, ווי זיי קוקן אויס...

— נאַרעלע, — אָט לינאַ זי ניט אָפּגעלאָזן — מיר מאַכן דאָך ניט קיין „דעיט" מיט זיי! זיי וועלן דאָך אפילו ניט וויסן, ווער מיר זיינען! ציי מיר קומען. פאַרשטייסט? — האָט זי געקוקט דאָריסן אין די אויגן אַריין.

— און ווי וועלן מיר וויסן ווער זיי זיינען? — איז דאָריס געוואָרן אומרואיק, ווייל זי האָט דערפילט, אַז זי לאָזט זיך פון לינאַן אַריינשלעפּן אין נאַרישקייטן.

— מיר וועלן זיי הייסן שטיין ביי דער רעכטער זייט פון דער מואווי־אַריינגאַנג, לעבן דער קענדי־סטאָר, — האָט לינאַ שוין געהאַט אַלץ אויסגעפּלאַנירט. — נאַ, רוף אָפּ. — האָט זי געררוקט דעם טרייבל איר אין האַנט אַריין.

— טאָמער שפּאַסן זיי גאָר און וועלן ניט קומען? — האָט דאָריס זיך געוועדט.

יונג לעבן

— מיר שפּאַסן דאָך אויך ! . . . — איז שוין לינאַ געוואָרן אומגעדולדיק. — מיר מאַכן דען מיט זיי אַ „דעיט״ !? מיר גייען דאָך בלויז זען אַ מואווי ! . . .

— . . . האָבן אַביסעלע שפּאַס, האָט דאָריס געטראַכט וועגן דעם, וואָס לינאַ האָט געזאָגט.

— אַלע זונטיק גייען מיר אין דער זעלבער מואווי . . . שטענדיק בלויז מירביידע. קיינמאָל פּאַסירט גאָרנישט. פאַרוואָס זאָל היינט ניט זיין אַנדערש ? . . . פאַרוואָס ניט האָבן אַביסל שפּאַס ? זיך אַביסל אָנלאַכן ? מיר האָבן שוין אַזוי לאַנג ניט געלאַכט . . . — האָט זי גענומען דעם טרייבל אין האַנט אַריין.

אין קיך האָט דאָריסעס מאַמע דערהערט, אַז עפּעס רודערט זיך אין צווייטן צימער. נישט ווי אַלע מאָל. האָט זי אַריינגעקוקט און דערזען, אַז איר דאָריס רעדט צו אימעצן אויפן טעלעפאָן מיט אַ פאַרפלאַמטן פּנים, מיט אַ גלאַנץ אין די אויגן, אַז לינאַ שטייט לעבן איר זייער באַענט, לאַכט מיט אַ פאַרשטעלט מויל. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איר דאָריס רעדט אויף ענגליש, אָבער זי האָט דערפילט, אַז עפּעס וויכטיקס, עפּעס גוטס קומט דאָ פאָר. איז זי אויף די שפּיץ פינגער אַריין צוריק אין קיך און זיך געזעצט וואַרטן, ווי מען וואַרט אויף אַ גרויסן נס. עס איז שוין געווען כמעט פינצטער, ווען דאָריס איז אַריין אין קיך :

— מאַמע, — האָט זי אויסגעמידן צו קוקן אויף איר — מיר גייען אין אַ מואווי . . .

— גו, גייט געזונט, — האָט די מאַמע מיט אַ פרומער מינע געענטפערט. אַז זי איז געבליבן אַליין, האָט זי זיך אויסגעקנאַקט די פינגער און אַ הויב געטאָן די אויגן אין דער הויך.

— אפשר ? . . . — האָט זי אַרויפגעקוקט צו דער סטעליע, — אָבער ניט אַרויסגעזאָגט, וואָס זי מיינט מיט דעם „אפשר״.

אַרום דער מואווי־הויז איז געווען ליכטיק. עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן געפינקלט פון אַלע זייטן אַריינגאַנג, אַפּגעשיינט אויף די קאָלירטע אַפישן און אויף אַ שטיק פינצטערער גאַס אַרום. דאָריס האָט געהאַלטן לינאַן אונטערן אָרעם. איר אַלע ווײַלע געצויגן אויף צוריק, זי זאָל אַזוי ניט לויפן, זיך ניט איילן :

— געדענק, לינאַ, — האָט זי געהאַלטן איר אין איין דערמאָנען — מיר שטעלן זיך ניט אָפּ. מיר רעדן ניט צו זיי. מיר וועלן זיי אָנקוקן און גלייך אַריין ! . . .

פעסי באך

לינאַ האָט שטיל געכיכעט, געדריקט דאָריסעס אָרעם און געוואָלט שוין דערזען די בחורים:

— ווי דענקסטו, דאָריס, קוקן זיי אויס? לאָמיר רעדן וועגן דעם, ווי זיי קוקן אויס...

דאָריס האָט געטראַכט וועגן דער שטימע אויפן טעלעפאָן. אַזאַ צאַר־טע מוזיקאַלישע שטימע, פּאַסט פּאַר אַן אײדעלן מענטשן. ער מוז אוודאי האָבן אַ פּיינעם שמייכל, ווייל זיין שטימע איז געווען עפּעס אַזאַ שמייכ־לענדיקע, ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיט עפּעס. זי האָט געהאָפט, אַז זי וועט זיין די ערשטע צו באַמערקן זיי. אַז זי וועט גלייך דערקענען דעם מאַן, מיט וועמען זי האָט גערעדט אויפן טעלעפאָן. אָבער דערזען האָט זיי גאָר לינאַ:

— דאָרטן שטייען זיי!... — האָט זי שטיל אַ לאַך געטאָן און גע־וואָלט זיך אָפּשטעלן. דאָריס האָט זיך דערשראָקן. זי האָט אַ צי געטאָן לינאַן אויף צוריק און גענומען גיין לאַנגזאַמער:

— מיר זענען זיי ניט... — האָט איר גענומען קלאַפּן אין האַרצן.

ביי דער וואַנט, לעבן דעם אַריינגאַנג פון קענדי־סטאָר, זיינען גע־שטאַנען צוויי בחורים. מען האָט נאָך ניט געקענט זען זייערע פּנימער, אָבער זיי האָבן אויסגעקוקט הויך און שלאַנק. ערשט ווען זיי זיינען צו־געקומען נעענטער, האָט דאָריס זיי גוט דערזען. די אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן אַראָפּגעשיינט אויף צוויי יונגע בחורימלעך, אין צו־ברײ־טע רעקלעך אויף שמאָלע, נאָך ניט אַנטוויקלטע פּלייצעס. יונגע גלאַטע פּנימער, וואָס האַלטן זיך נאָך אין פּאַרמירן, אין אַריבערגיין פון קינדער־שע שטריכן צו מענלעכע. צוויי יונגע בחורימלעך מיט גרויס נייגער און דערוואַרטונג אין זייערע אויגן.

— קינדער!... — האָט דאָריסן דורכגעבליצט דורכן מוח. — יונ־גע סקול־קינדער!... אפשר זיינען דאָס ניט זיי? — האָט זי זיך גע־וואָלט אָנכאַפּן אָן אַ האָפענונג. אָבער אין איר האָט עס געשריען מיט חוזק, מיט ווייטיק, אַז דאָס זיינען זיי. אַז זי מיט לינאַן האָבן געמאַכט „דעיטס" מיט יינגלעך. זי האָט ניט געקענט זען לינאַס פּנים, אָבער גע־פילט, ווי איר אָרעם ווערט שטייף:

— זיי זיינען נאָך ניטאָ... — האָט לינאַ פּראָבירט זאָגן, און מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן צו דאָריסעס זייט.

איינער פון די יינגלעך האָט מיט פּאַרדרוס געזאָגט:

— דאָס זיינען ניט זיי. דער מיידלס שטימע אויפן טעלעפאָן איז

יונג לעבן

געוועזן אַ יונגע, אַ קלינגענדיקע. זיי דאַרפן זיין יונגע מיידלעך . . .

דאָריס האָט דערקענט דעם צאַרטן, אנגענעמען טענאָר.

— לאָמיר אַריין אין דער מואווי, — האָט לינאַ אַ פּאַרלאָרענע געוואָלט זיך אָפּשטעלן.

— ניין, מיר גייען אַהיים ! . . . — האָט דאָריס אָפּגעלאָזן איר האַנט און גענומען גיין שנעלער.

— דאָריס ! — האָט לינאַ פּרובירט זי נאָכהאַלטן. — וואָס ביסטו אין כעס ? מיר האָבן ניט געמאַכט קיין „דעיטס״ מיט זיי !

דאָריס האָט זיך אָפּגעשטעלט. שאַרף אַריינגעקוקט לינאַן אין פּנים אַריין :

— ניין ? מיר האָבן ניט געמאַכט קיין „דעיט״? יאָ, לינאַ, יאָ, — האָט זי ווי אַרויסגעוואָרפן פון זיך די ווערטער, — מיר האָבן יאָ געמאַכט מיט זיי אַ „דעיט״ ! . . . דו ווייסט עס ! וואָס איז, לינאַ, זיי געפעלן דיר ניט ?

אין דער היים, אין קיך, האָט דאָריסעס מאַמע געוואַרט אויף זיי. נאָך אַ מואווי קומען זיי אַלע מאָל טרינקען אין קיך אַ גלאָז טיי. איז זי געזעסן א געדולדיקע און געדרעמלט.

איבער אַ מאַמען

ס'איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין שוועסטער מערי, אַז איך זאָל אַריבערקומען זיך דורכרעדן וועגן דער מאַמען. — ס'איז זייער וויכטיק. האָט זי געשריבן. — מוזט אומבאַדינגט קומען. פעי וועט אויך זיין.

פאַרנדיק אַרויף שטאָט צו דעם רעסטאָראַן, וואו כ'האָב זיך באַ־דאַרפט טרעפן מיט מיינע שוועסטער, האָב איך נאָכאַמאָל דורכגעלייענט דעם בריוו. כ'האָב געוואָלט דערגיין דעם סוד, וואָס אַזוינס דאַרפן זיי רעדן מיט מיר וועגן דער מאַמען. איך ווייס, אַז מיט דער מאַמען איז גאָרנישט געשען. ערשט לעצטע וואָך בין איך געווען ביי איר. זי איז ווי אַלע מאָל, ווען כ'קום זי זען, געווען זייער צופרידן. זי האָט מיר געהאַלטן אין איין דערציילן אַלע נייעס, וואָס ס'האָט זיך ביי איר אָנגעע־קליבן פאַר דער צייט, וואָס כ'האָב איר נישט געזען. איך האָב געדאַרפט פאַרזוכן פון אַלע נאַשערייען, וואָס זי האָט פאַר מיר אָנגעגרייט און זי האַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז ס'איז מיר גוט און באַקוועם אין דעם צי־מער, וואו איך וואוין אַרום דער 8טער גאַס.

מיין מאַמע איז געזעסן אויף איר שטענדיקן פלאַץ, אין דעם אַלטן וויג־שטול ביים פענצטער. דורך די ברייטע גאַרדינען האָבן אַריינגע־שיינט פאַסן זון, אָפּגעשיינט אויף די מעבל אין צימער און אויף מיין מאַ־מעס רואיק, צעקנייטשט פנים. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ אין הויז איז פונקט ווי ס'איז געווען, אַז דער טאַטע איז גאָרנישט געשטאָרבן. אַז ער איז בלויז ערגעץ וואו אַוועק און די מאַמע וואַרט עס אַ רואיקע ביים פענצטער, ער זאָל באַלד צוריקקומען.

ערשט ווען כ'האָב זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, איז די מאַמע גע־וואָרן אומרואיק. זי האָט אַן אומעטיקע געקוקט אויף מיר. און שטענ־דיק, ווען כ'דאַרף אַוועק פון איר, נעמט מיר קלעמען דאָס האַרץ. איר איבערצולאָזן אַליין און אין דער זעלבער צייט נעמט מיך דריקן אַ מורא, די מאַמע זאָל מיך נישט בעטן איך זאָל צוריק זיך אַריבערציען אין דער היים. כ'ווייס, אַז קוים וואָלט זי מיך דאָס געבעטן, וואָלט איך איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן. אָבער מיין מאַמע האָט געשוויגן. בלויז געקוקט אויף מיר און קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן מיין וואוינען אַליין אין שטאָט.

מיינע שוועסטער האָבן שוין געוואַרט אויף מיר. זיי זיינען געזעסן

יונג לעבן

ביי אַ זייטיק טישל און געקוקט צום טיר. ווייזט אויס, אַז זיי זיינען שוין געווען גוט אומגעדולדיק, ווייל כ׳האָב נאָך פון דערווייטן געזען ווי מערי פויקט מיט די פינגער איבערן ווייסן טישטוך.

מערי איז ווי שטענדיק געווען אָנגעטאָן רייך, אָבער איינפאַך און מיט אַזויפיל געשמאַק, אַז מ׳האָט געמוזט באַמערקן אירע קליידער. איר ווייכער הוט האָט זייער שיין געפּאַסט צו איר לענגלעך פּנים. כאָטש זי איז געווען די עלטסטע, האָט איר פּנים אויסגעקוקט גלאַט און פריש, ווי ביי אַ יונג מיידל. פּעי איז געווען פאַרפּוצט אין אַ פוטערנעם מאַנטל. זי האָט אַלע מאָל ליב געהאַט זיך צו פּוצן אין טייערע בגדים. זי איז געווען פול און רונד מיט אַ קיילעכדיק פּנים און צוויי חן־גריבעלעך אין די באַקן. דערפאַר האָט זי טאַקע שטענדיק געשמייכלט. ווען כ׳בין צוגעקומען צום טישל, האָט מערי אַ ברוגזע גלייך אַ זאָג געטאָן:

— מיר וואַרטן שוין אויף דיר גאַנץ לאַנג.

און פּעי האָט זיך באַקלאָגט:

— מיר האָבן געוואַרט אויף דיר מיטן עסן. כ׳בין שוין אַזוי הונגעריק! . . .

מערי האָט נישט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט אַריינצוזאָגן פּעיען:

— נישט אומזיסט קוקסטו אויס אָט אַזוי . . . זאָרגסט זיך אַזוי שטאַרק פאַרן עסן! . . .

פּעי האָט גוטמוטיק געשמייכלט מיט אירע צוויי חן־גריבעלעך:

— איך בין צופרידן, ווי כ׳קוק אויס. דו קאָנסט זיך האַלטן ביי דיינע תעניתים . . . און סיי־ווי, — האָט זי אַ פּינטל געטאָן צו מיר מיטן אויג, — אַז מ׳האָט קינדער, קאָן מען נישט זיין אַזוי שלאַנק . . .

דאָס האָט זי געוואָלט אַריינזאָגן מערין, וואָס זי וויל נישט האָבן קיין קינדער, כדי נישט צו פאַרלירן איר מיידלשע פיגור. די מאַמע האָט מיר אָבער אַמאָל דערציילט, אַז איר מאַן וויל נישט קיין קינדער. נאָך איידער זיי האָבן חתונה געהאַט האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט פיינט קינדער. איך האָב געזען ווי מעריס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט ווייטיק. ס׳האָט אויסגעקוקט פּונקט ווי אַ שאָטן וואָלט אַ שוועב געטאָן איבער איר פּנים. דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן בלויז אַ מאָמענט. איר פּנים איז גלייך צוריק געוואָרן רואיק. איר מינע איינגעהאַלטן. זי האָט בלויז אויף אונדז אַ קוק געטאָן, ווי איינער זאָגט, וואָס האָב איך מיט אייך צו רעדן? איר וועט דען פאַרשטיין?

פעסי באך

אַז אונדזער עסן איז שוין געשטאַנען אויפֿן טיש, האָט מערי די ער־שטע גענומען ריידן:

— העלען, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — מיר האָבן דיך גערופֿן, ווייל מיר דאַרפֿן דאָ באַשליסן וואָס צו טאָן מיט דער מאַמען.

איך האָב אַ פֿאַרוואונדערטע געקוקט אויף מיינע שוועסטער. וואָלטן זיי נישט אויסגעקוקט אַזוי רואיק, וואָלט איך זיך דערשראָקן. צום סוף האָב איך גענומען לאַכן:

— וואָס ווילט איר טאָן מיט דער מאַמען?

מערי האָט איגנאָרירט מיין לאַכן. זי האָט געזאָגט:

— מיר קאָנען נישט דערלאָזן די מאַמע זאָל וואוינען איינע אליין אין אַ גרויסער, אַלטער הויז. די געגנט איז אַ פֿאַרלאָזענע, אַן אויסגע־שפּילטע. מיר ווייסן, אַז ס'איז איר זייער אומעטיק, כאָטש זי וועט עס לייקענען. פֿאַרשטייט זיך, אַז דו מוזט דאָך וואוינען דווקא אין שטאָט, — האָט זי מיר אָנגעקוקט פֿון דער זייט. — דו דאַרפֿסט דאָך האָבן דיין סטודיאָ אין אַ בוידעם־שטיבל, און דווקא דאַון־טאַון. איז קלאָר, אַז מיט דיר קאָן די מאַמע נישט וואוינען.

— וועט זי קומען וואוינען מיט מיר! — האָט פּעי אויף שנעל אויסגעכאַפּט. — איך האָב אַ גרויסע הויז. די מאַמע האָט ליב מיינע קינדער, וועט איר זיין ביי מיר פֿריילעך.

מערי האָט פֿאַרביסן געקוקט אויף פּעין:

— דאַכט זיך, אַז מיר האָבן שוין גענוג גערעדט וועגן דעם. דו דאַרפֿסט פֿאַרשטיין, פּעי, אַז דיינע קינדער זיינען טומלדיקע. די מאַמע איז אַן עלטערע פֿרוי. זי וועט נישט קאָנען ליידן דעם טומל... ביי מיר איז שטיל. זי וועט זיך האָבן איר אייגענעם, רואיקן ווינקל.

פּעי האָט אויפֿגעהערט צו שמייכלען. זי האָט אַזש אויפֿגעהערט צו עסן:

— מיינע קינדער זיינען טומלדיקע? די מאַמע וועט זיי נישט קאָ־נען פֿאַרליידן? די מאַמע איז געוואוינט צו קינדער. זי האָט זיי ליב. זי וועט האָבן ביי מיר אַ היים! אָבער וואָס וועט זי טאָן ביי דיר? זיך שפּילן מיט דער קאַץ? אַרומגיין איבער די פּוסטע צימערן און דאַרפֿן פּילן, ווי דיין מאַן וועט זיך קרימען הינטער איר רוקן? יע, ער וועט זיך קרימען... — האָט זי שיער אַרויסגעקוויטשעט. — ער האָט זי קיינ־מאָל נישט ליב געהאַט, דו ווייסט דאָס!

מערי האָט גענומען לאַכן מיט אַ שטיל, איינגעהאַלטן געלעכטערל.

יונג לעבן

עס איז שווער געווען צו דערקאָנען צי פּעי האָט איר ווי געטאָן. זי האָט געלאָזן געענטפערט:

— ווילסט דאָך מיר נישט איינריידן, אַז ד י י ן מאַן האָט ליב דער מאַמען! סיידן ער האָט אין זינען דאָס הויז... איך האָב טאַקע באַמערקט, אַז ווען מיר זיינען דאָרט אַלע געווען, האָט ער זיך אַרומגעשפּאַצירט ווי אַ צוקונפטיקער באַלעבאָס... אַפילו דער באָבעס לייכטער האָט ער באַטראַכט... די לייכטער, וואָס די מאַמע האָט מ י ך צוגעזאָגט!

— קאָנסט האָבן די לייכטער... איך דאַרף נישט קיין אַנטיקן. מיך האָט זי צוגעזאָגט די זילבער. איך האָף, אַז דו ווייסט עס... און די הויז קאָן זי פאַרדינגען.

איך האָב זיך צוגעהערט ווי מיינע שוועסטער דינגען זיך צווישן זיך, ווי זיי צעטיילן זיך מיט דער מאַמעס זאַכן. איך האָב געטראַכט וועגן דער מאַמען אין דעם וויג־שטול, ביי דעם זוניקן פענצטער, וועגן דער שטילער, געראַמער הויז, וואָס ס'האָט איר גענומען אַזויפיל אויסצוצאָלן. איך האָב געזען דער באָבעס לייכטער אויפן בופעט. פינקלדיקע, אָפּגעשייערטע, מיט אַריינגעשטעקטע ליכט, גרייט זיי אָנצוצינדן. האָט די מאַמע געוואוסט, וואָס די קינדער פּלאַנעווען פאַר איר? אַ כעס האָט מיר אַ שפּאַר געטאָן צום האַרצן. איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר שוין גערעדט מיט דער מאַמען? פון וואַנעט ווייסט איר, אַז זי וועט גאָר וועלן איבערלאָזן איר היים? און די לייכטער, מערי, דאַרפסטו נישט צונעמען. די מאַמע דאַרף זיי נאָך...

— די מאַמע דאַרף נישט די לייכטער. זי האָט אַנדערע. זי האָט עס מיר אַליין געזאָגט. און דו, העלען, זאָלסט נישט שטערן. מיר וועלן דאָ באַשליסן, דערנאָך וועלן מיר רעדן מיט דער מאַמען.

— פּעי, — האָט פּלוצלונג מערי שטיל אַ זאָג געטאָן. — איך מוז האָבן דער מאַמען מיט זיך. ס'וועט מיר זיין פריילעכער. פאַרשטייסט, אַזוי איז מיר שווער, מיט דער מאַמען וועט מיר זיין גרינגער... קאָנסט נעמען די לייכטער אויך, וואָס דו ווילסט, אָבער לאָז דער מאַמען גיין צו מיר.

איך האָב שוין פון פריער געוואוסט, אַז מערי לעבט נישט גוט מיט איר מאַן, אַז זיי רייסן זיך אַרום און אַז ס'איז שוין אַפילו געווען אַ שמועס וועגן אַ גט. ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז דורך דער מאַמען וויל מערי איינהאַלטן איר פאַמיליען־לעבן. דערפאַר בעט זי זיך אַזוי ביי פּעין, וועלכע גרויסט זיך שטענדיק מיט איר מאַן, דעם גרויסן פאַרדינער, מיט

אירע צוויי געזונטע, צעלאָזענע יינגלעך. איך האָב געוואוסט, אַז פּעי וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין, אַז מערי דאַרף דער מאַמען, ווייל זי פילט אַז איר באָדן גליטשט זיך אונטער איר. כדי מערי זאָל מער גאָרנישט ניט דאַרפן זאָגן, האָב איך זיך אויפגעהויבן און געזאָגט, אַז אַזוי ווי מיר דאַרפן סיי־ווי פריער ריידן מיט דער מאַמען, זאָלן מיר מאָרגן אַלע זיך טרעפן ביי איר.

פּעי איז געווען צופרידן. אָבער מערי האָט אַ פאַרביסענע, אַ צע־רייצטע, אַ קוק געטאָן אויף מיר:

— דו וועסט דאָך דער מאַמען נישט אָפּרעדן?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף נישט. אָבער אין האַרצן האָב איך געוואוסט, אַז איך וועל זי יאָ אָפּרעדן צו גיין וואוינען מיט אימעצן פון זיי.

אויף מאָרגן ביינאַכט, ווען איך בין געקומען צו דער מאַמען, זיי־נען שוין דאָרט מיינע שוועסטער געווען. די מאַמע, נישט וויסנדיק צו־ליב וואָס מיר זיינען פלוצלונג זיך צונויפגעקומען, האָט זיך געפרייט מיט דעם גרויסן יום־טוב צו האָבן ביי זיך אַלע דריי קינדער. ווען זי האָט אונדז אָנגעגאָסן טיי, איז איר פּנים געווען צעפלאַמט, גאָר ווי אַמאָל, ווען דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, נאָך איידער ער איז קראַנק געוואָרן:

— ס'איז אַ גוטע זאַך, וואָס איר זייט פּונקט היינט געקומען, — האָט די מאַמע אַ צעלעבטע געזאָגט. — איך וויל אייך דערציילן, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. איך האָף, קינדערלעך, אַז איר וועט נישט זיין דאַגעגן.

ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז אפשר וויל די מאַמע חתונה האָבן. איך אַליין וואָלט עס איר נישט געפרעגט, נאָר ווי ס'ווייזט אויס, האָבן מיינע שוועסטער אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם. פּעי האָט די ערשטע גע־פרעגט:

— מאַמע, דו קלייבסט זיך נישט חתונה האָבן?

אין מעריס אויגן האָב איך געזען די זעלבע פראַגע. זי האָט געקוקט אויף דער מאַמען מיט גרויס־צעעפנטע אויגן: — מאַמע! — האָט זי בלויז אַ זאָג געטאָן.

די מאַמע האָט אַן אומעטיקע געשמייכלט. זי מוז אַוודאי טראַכטן, וואָס פאַר נאַרישע קינדער מיר זיינען, צו גלויבן, אַז זי וועט אַזוי גיך פאַרגעסן דעם טאַטן. זי האָט אַביסל אַן אומרואיקע געזאָגט:

— ביי אַזוינע נאַרישקייטן האַלט איך נישט . . . ס'איז שווער צו פאַרלאָזטן אַ צעריסן לעבן . . . איך האָב אָבער פאַרדונגען אַ האַלב הויז

יונג לעבן

צו אַ יונגע פּאָר־פּאָלק. קוקט נישט אַזוי אויף מיר, קינדער, איך האָב עס געמוזט טאָן. ס'וועט מיר זיין פריילעכער און אַ חוץ דעם וועל איך טאַקע אַרויסקריגן אַ פּאָר דאָלאַר, וועט מיר זיין גרינגער.

ווי אַ שווערע משא איז מיר אַראָפּגעפּאַלן פון מיינע פּלייצעס. איך האָב געוואָלט אַרומכאַפּן מיין מאַמען קושן; וואָס פאַר אַ קלוגע מאַמע איך האָב. פּונקט ווי זי וואָלט געוואוסט, אַז אירע קינדער האָבן זי גע־וואָלט אַרויסרייסן פון איר היים, זיך שוין באַצייטנס צעטיילן מיט איר באַלעבאַטישקייט. איך האָב מיט חוזק אַ קוק געטאָן אויף מיינע שוועס־טער, ווי מערי איז געבליבן זיצן מיט אַן אויסגעלאָשן פּנים, און פּעי, די שטענדיק שמייכלענדיקע פּעי, איז געבליבן זיצן מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן. איך האָב גענומען לאַכן:

— מאַמע, — האָב איך זי גענומען פאַרזיכערן, — דו ווייסט גאָר־נישט ווי צופרידן מיר זיינען!... איצט וועלן מיר פאַרשפּאָרן זיך זאָרגן, אַז דיר איז אומעטיק... זיך קריגן מיט וועמען דו זאָלסט וואוינען!... מאַמע, דו ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ גוטע קינדער דו האָסט! ערשט נעכטן האָבן מיר זיך שיר פאַר די האָר געריסן איבער דיר!

מיין מאַמע האָט אַן אומרואיקע געקוקט אויף אונדז. איך האָב גע־וואוסט, אַז זי ווייסט נישט וועגן וואָס איך רעד, אָבער עפּעס האָט זי גע־נומען פאַרשטיין, אַז נישט אומזיסט זיינען מיר זיך אַלע דריי צונויפגע־קומען. זי האָט געקוקט פון איינעם צום צווייטן, געוואַרט צו הערן אַ וואָרט פון מערין, פון פּעין. מערי האָט עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן. זי האָט אויסגעמידן צו קוקן אויף איר ווען זי האָט געפרעגט:

— בינסט זיכער, מאַמע, אַז דו ווילסט פאַרבלייבן אין דער אַלטער הויז? אַז דו וואָלסט בעסער נישט געוואָלט קומען וואוינען מיט מיר?

פּעי האָט מיט צאָרנדיקע אויגן אַ קוק געטאָן אויף מערין. זי האָט שוין געעפנט דאָס מויל צו זאָגן עפּעס, האָב איך אויף שנעל אויסגעכאַפּט:

— מאַמע, דו האָסט דאָך נישט פאַרדונגען דעם אויבערשטן צימער? דעם מיט די צוויי פענצטער?

מיין מאַמעס פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— ניין, מיין קינד, — האָט זי מיט האָפענונג געקוקט אויף מיר. — זיי האָבן געוואָלט דעם צימער, אָבער איך האָב עס געהאַלטן פאַר דיר...

— גוט, — האָב איך געלאַכט און געפּילט, ווי טרערן נעמען שטעכן מיינע אויגן. — זומער איז דאָ זייער שיין. אין ערגעץ איז נישטאָ אַזוי פיל זון, ווי אין יענעם צימער. כ'וועל דעם זומער קאָנען אַרבעטן דאָרט.

פּעסי באַך

מיין מאַמע האָט אַ גליקלעכע געשמייכלט, אָבער זעענדיק ווי מיינע שוועסטער זיינען געבליבן זיצן אַזוינע שטילע, האָט זי זיך ווי דערמאַנט:

— אָ, יע, מערי, דו האָסט דאָך געוואָלט דער באָבעס לייכטער, קאָנסט זיי מיטנעמען. איך נוץ זיי סיי־ווי נישט, כ'דאַרף זיי בלויז האַלטן אין איין שייערן. און דו, פּעי, קאָנסט נעמען די זילבערנע לעפל און גאָפּל, אמת, מיר דאַרפן נישט קיין סך? — האָט זי מיט אַ קלוג שמייכע־לע אַ קוק געטאָן צו מיר.

מערי האָט קוים, קוים אַ קרומלעכן שמייכל געטאָן, אָבער פּעיס חן־גריבעלעך האָבן זיך טיף צעשמייכלט. אירע אויגן האָבן צוריק געקראָגן דעם פריילעכן גלאַנץ. זי האָט זיך גענומען איילן אַהיים: די קינדער וואַרטן אויף איר, האָט זי ווי תמיד אַ פריילעכע גענומען פּלאַפּלען. מערי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי וואַרט נאָך אויף עפּעס, וואָס זאָל איר אויך דערפרייען.

אַ תכלית

שוירלי גראָס האָט זיך אויפגעכאַפּט זייער פרי. נאָך פריער ווי ווען זי דאַרף גיין צו דער אַרבעט. איר ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז היינט איז דער טאָג, וואָס זי דאַרף אויפטרעטן אַלס עדות. זי דאַרף זיין אין דעם געריכט־זאַל 9 אַזייגער. נאָך אַ זאַך האָט זי זיך דערמאָנט און גע־וואוסט, פאַרוואָס ס'איז איר אַזוי שווער אויפן הארצן; נעכטן ביינאַכט איז זי, צוזאַמען מיט דעם לאַיער מארטין פּ. פאָוערס, געגאַנגען זען דער מרס. גאָרדאָן, פאַר וועמען זי דאַרף עדות זאָגן. מיט צוויי יאָר צוריק, ווען זי האָט צוגעזען ווי אַ טעקסי איז אַרויפגעפאָרן אויף מרס. גאָרדאָנס יינגל, אים צעבראָכן אַ פיסל, האָט זי זיך דאַן צוגעזאָגט, אַז ווען זי וועט קומען אין געריכט אַלס אַן עדות, וועט זי אַזוי אַלעמען רירן, אַז ניט נאָר וועט מרס. גאָרדאָן קריגן געלט, נאָר זי מוז אַזוי ווירקן, אַז טעקסיס זאָלן מער אַזוי ניט פליען. זי געדענקט דער מרס. גאָרדאָן אַלס אַ נידעריקע, אויסגעדאַרטע פרוי, מיט פאַרבראָכענע הענט און פאַרוויינט פּנים. דעם יינגל האָט זי שטענדיק געזען פאַר זיך מיט אַזוינע פלינקע, שטאַרקע פיסלעך, ווי ער איז געלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט איינקויפן עפּעס פאַר זיין מאַמען, ווי ער האָט געוואָלט אַריבערלויפן אַ גאַס, און איז געבליבן ליגן מיט צעשפּרייטע הענטלעך און פאַרוואָרפן קעפּל.

נעכטן ביינאַכט האָט זי זיי ביידן געזען. דער יינגל הויך און שלאַנק, מיט אַ בלייך אויסגעצערט פּנים און צו גרויסע, צו קלוגע אויגן פאַר אַזאַ יונג קינד. זיין קירצערע פוס האָט ער געהאַלטן באַהאַלטן הינטער דעם געזונטן. זיין מאַמעס פּנים האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט נאָך פון דאַן אָן ניט אויפגעהערט צו וויינען. מרס. גאָרדאָן האָט געזאָגט צו איר אין דער שטיל:

— מר. פאָוערס האָט מיר דערציילט וועגן אייך. ער זאָגט, אַז מיט אייער עדות זאָגן, קענט איר מיר העלפן קריגן אַ פאָר דאָלאַר . . . — האָט איר אויג אַ פאַרגנבעטן גליטש געטאָן זיך איבער איר יינגלס פיסל. — איך וועל עס אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן ! . . .

דערנאָך, האָט דער לאַיער מארטין פאָוערס זי אָפּגעפירט אַהיים. — ס'איז צו שפּעט לאָזן אייך אַליין אַהיים פאָרן, — האָט ער געמאַכט אַן ערנסטע מינע, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, וואָס ער, אַ

לאַיער, וואָס אַרבעט פאַר אַזאַ גרויסער פירמע, ווי די שוואַרץ און שוואַרץ, חלומט צו עפענען פאַר זיך אַליין אַן אָפיס, פירט זיך גאַר אַרום מיט אַ מיידל, וואָס אַרבעט אַלס אַן אָנגעשטעלטע אין אַ קליידער־געשעפט, און פאַרדינט אַזוי ווייניק.

— אַוודאי, — האָט אים שוירלי געענטפערט, — איר דאַרפט מיך אָפּהיטן! איך בין דאָך עפּעס אייער וויכטיקסטער, בעסטער עדות!...

— יע, איך דאַרף אייך זייער אָפּהיטן, — האָט ער זי געפירט אונטערן אָרעם, טאַקע ווי זי וואָלט געווען ביי אים זייער טייער.

ביי דער הויז, וואו זי האָט געוואוינט, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט אויפן גאַניקל, ווי יעדער בחור, וואָס פירט אָפּ זיין מיידל אַהיים, און האָט באַך ניט קיין חשק אַוועקצוגיין. און שוירלי האָט פאַרגעסן, אַז זי איז בלויז אַן עדות פאַר זיינס אַ קליענט. ס'איז איר געווען גוט און פריילעך, ווי זי וואָלט געזעסן מיט אַ היימיש יונג בחורל, וואָס פלירט מיט אַ מיידל. אָט אַזוי איז געווען פאַר די לעצטע צוויי וואָכן וואָס זי קען אים; ער טרעפט זיך מיט איר יעדן אָוונט, כדי צו רעדן וועגן פּראָצעס, צו קריגן פון איר אינפאָרמאַציע, און דער סוף איז, אַז זי פאַרברענגט מיט אים אַ פּאָר שעה, און ווען ס'ווערט שוין גוט שפּעט, דערמאָנט ער זיך, אַז ער דאַרף נאָך מיט איר רעדן. וועלן זיי זיך שוין דאַרפן טרעפן נאָכאַמאָל. שוירלי טראַכט, ווען זי זאָל שרייבן צו איר טאַטע־מאַמע, אַז זי פאַרברענגט אַלע אָוונט מיט אַ לאַיער, איז אָדער זיי וואָלטן געוואָרן זייער אומרואיק, געטראַכט ווער ווייסט מיט וועמען זי פירט זיך אַרום, אָדער זיי וואָלטן זי ניט געגלויבט. ווייל איר טאַטע, אַלע זיינע יאָרן אַן אַרבעטער, פלעגט זאָגן, אַז יעדער איינער דאַרף זיך חברן מיט זיינס גלייכן.

— געדענקט, — האָט מאַרטין פּאָוערס נעכטן ביינאַכט איר אָנגעזאָגט, — קומט ניט שפּעט. כ'וועל אייך דאַרפן באַקענען מיט איינעם פון די שוואַרץ־און־שוואַרץ.

שוירלי איז געקומען פרי. זי איז געווען די ערשטע. דער געריכט־צימער איז נאָך געווען ליידיק. די גרינע שטאָרן אויף די פענצטער זיינען געווען האַלב אַראָפּגעצויגן. ס'איז געווען אין דעם צימער אַזוי שטיל, אַזש ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער הויכער ריכטער־טיש, די לאַנגע בענק אַרום, כאַפּן דערוויילע אַ דרעמל, ביז מענטשן וועלן זיך צונויפקומען.

פונקט 9 אַזייגער איז אַריינגעקומען מאַרטין פּאָוערס מיט אַ מאַן. שוירלי האָט אים גלייך דערקענט, אַז דאָס איז דער יינגערער לאַיער שוואַרץ. לויט ווי מאַרטין האָט איר דערציילט וועגן אים, האָט זי אים

דערקענט. „דער ייִנגערער, האָט ער איר דערציילט, — איז אויך הויך און ברייט. זיין פּנים איז פּונקט אַזוי גרויס און פליישיק ווי דעם על־טערנס. זיינע פינגער פון די הענט זיינען גראָב און באַוואַקסן מיט האָר. ער איז אָבער ניט אַזוי פעט ווי דער עלטערער, און די קישעלעך אונטער זיינע אויגן זיינען ניט אַזוי געשוואָלן" . . .

מאַרטין פאַוערס האָט אים צוגעפירט צו איר:

— מר. שוואַרץ, — האָט ער וואָזשנע געזאָגט און זיינע אויגן האָבן פריילעכע געקוקט אויף שוירלין, — דאָס איז אונדזער הויפּט־עדות, מיס גראָס. און דאָס איז מר. שוואַרץ פון די שוואַרץ־ברידער. האָט זיך שויר־לין געדאַכט, אַז ער האָט צו איר אַ פינטל געטאָן מיטן אויג.

מר. שוואַרץ האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו איר, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ „האַלאָ". ער האָט איר באַקוקט און צוגעגעבן: — וואָס מאַכט איר?

ווען ער איז אַוועק צום ריכטער־טיש, האָט מאַרטין פאַוערס צו איר אַ זאָג געטאָן:

— איך דערקען שוין, אַז איר געפעלט אים. אויב איר וועט זיין גוט אויפן עדות־שטול, וועט ער אייך נאָך איינלאַדן עסן אין אַ רעסטאָ־ראַן . . . פאַרשטייט זיך, אַז זיין יונג ווייבל זאָל ניט וויסן . . .

שוירלי האָט זיך פאַרקרימט:

— כ'בין אים מוחל . . . ווען איך דאַרף האָבן מיט אים צו טאָן, וואָלט איך אינגאַנצן פאַרשפּאָרט צו זיין אַן עדות!

מאַרטין פּ. פאַוערס האָט זיך צעשמייכלט:

— וואָס דאָס מיינט, אַז איך געפעל אייך בעסער! גוט. אויב אַזוי, האָבן מיר אַ „דעיט" פאַר היינט ביינאַכט. איר וועט שוין עסן מיט מיר, דעם לאָיער מאַרטין פּ. פאַוערס, ניט מיט דעם שוואַרץ־און־שוואַרץ . . . גוט?

ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט מאַרטין פאַוערס זיך געזעצט אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט מיט דעם גאַנצן פּראָצעס גאָרנישט גע־האַט צו טאָן. שוירלי האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָכן קלייבן באַוויזן, צו־נויפשטעלן דעם גאַנצן פּראָצעס, איז שוין אָפּגעטאָן. דאָ אין געריכט־זאַל וועט אַרויסטרעטן דער לאָיער שוואַרץ, פון דער גרויסער פירמע שוואַרץ־און־שוואַרץ. ער וועט זיכער געווינען דעם פּראָצעס, קריגן גוט באַצאָלט און אָנערקענונג, און מאַרטין פּ. פאַוערס וועט קריגן זיינע וועכנ־טלעכע שכירות. — און, אַז איך וועל פאַרלירן מיין שטעלע פאַרן ניט אַריינקומען היינט, וועל איך מסתּמא קריגן באַצאָלט פאַרן טאָג, — האָט זי געטראַכט מיט פאַרדרוס.

פּעסי באָך

שוירלי האָט דערפילט, אַז אין צימער איז געוואָרן פּלוצלונג שטיל. אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צום עדות־שטול. מרס. גאָרדאָן איז דאָרט געזעסן, אַן אויסגעבויגענע פּאָראויס, ווי זי וואָלט מורא גע־האַט, מ׳וועט זי ניט דערהערן. כאָטש זי האָט אָנגעהויבן רעדן זייער שטיל, האָט זיך שוירלין געדאַכט, אַז אירע ווערטער דונערן אַלעמען אין די אויערן. זי האָט געזאָגט:

— כ׳ווייס ניט ווי אַזוי דאָס איז דעמאָלט געשען. כ׳ווייס נאָר, אַז כ׳האָב אַרויסגעשיקט אַ געזונט קינד קויפן עפּעס פּאָר מיר און מ׳האָט מיר צוריקגעבראַכט אַ צעקאַליעטשעט קינד . . . פאַרוואָס דערלאָזט מען, אַז מאַשינען זאָלן אַזוי לויפן און אומגליקלעך מאַכן אונדזערע קינדער? — האָט זי אין דער שטיל אַרויסגעשריען איר ווייטיק.

דערנאָך האָט שוירלי דערהערט ווי מ׳רופט אויס איר נאָמען. כאָטש זי האָט זיך געריכט אויף דעם, האָט זי אָבער דערפילט ווי אירע פיס ווערן שוואַך. — איך וועל פאַרגעסן וואָס כ׳האָב געוואָלט זאָגן . . . האָט זי זיך דערשראָקן. כ׳וועל זיכער פאַרגעסן! . . .

מאַרטין פאָוערס האָט זיך אויפגעהויבן און צו איר אַ דערמוטיקנ־דיקן שמייכל געטאָן דער לאָיער שוואַרץ האָט איר גענומען אונטערן אָרעם און זי אונטערגעפירט צו דעם עדות־שטול, ווי מ׳פירט אונטער אַ כלה. פאָר שוירליס אויגן האָבן אַ שווינדל געטאָן די באַזעצטע בענק. זי האָט דערפילט אַלעמענס אויגן אויף זיך. פון ביידע זייטן שטול זיינען געשטאַנען די לאָיערס פון ביידע צדדים, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אויף דער וואַך.

. . . כ׳וועל אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . . — האָט מרס. גאָרדאָן נעכטן ביינאַכט געזאָגט.

. . . געדענקט, אַן אייך ווענדט זיך מרס. גאָרדאָן זאָל קריגן אַ פּאָר דאָלאַר. דערציילט אַלץ וואָס איר ווייסט, און דערציילט גוט . . . האָט מאַרטין פאָוערס אָנגעזאָגט.

אַנטקעגן איר איז געשטאַנען דער לאָיער שוואַרץ. ער איז געשטאַ־נען אַ רואיקער, מיט פאַרלייגטע הענט, אָבער שוירלי האָט געפילט, אַז ער היט איר יעדן ריר, אַז ער איז גרייט אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט, כדי זי אַרויסצוהעלפן. נאָך אַ זאַך האָט שוירלי געוואוסט בשעת זי האָט גע־רעדט, אַז פון דער אַנדער זייט שטייט דער לאָיער פון דער טעקסי־קאָמ־פּאַני, אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער און וואַרט בלויז, אַז דער לאָיער שוואַרץ זאָל אָפּטרעטן, וועט ער זי געבן אַ כאַפּ אַריין אין זיינע הענט און

ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ פֿראַגעס ער וועט זי פֿרעגן. מאַרטין פֿאָוערס האָט איר טאַקע אָנגעזאָגט:

— לאָזט זיך ניט אָנשרעקן פֿון זייער לאַיער. ער וועט ווען אייך צעטומלען . . .

ווען שורלי איז אַראָפּ פֿון עדות־שטול, האָט זי געפֿילט, ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף פֿרעמדע פֿיס. דאָס גיין צוריק צו איר פּלאַץ האָט זיך פֿאַר איר אויסגעצויגן, ווי זי וואָלט געהאַט צו גיין מיילן. אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט זי דערפֿילט, אַז שוין. איר אַרבעט איז שוין אָפּ־געטאָן. קיינער דאַרף זי שוין דאָ מער ניט האָבן. קיינער האָט זיך מער אויף איר ניט אומגעקוקט, און צו איר ניט געשמייכלט. וואָלט גוט געווען, ווען זי גייט אַרויס. איז זי נאָך צוגעזעסן אַ ווײַלע, פּרובירט זיך צוהערן, און דערנאָך האָט זי זיך אויפֿגעהויבן. זי איז געווען זיכער, אַז קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז זי איז אַרויס. אָבער דער לאַיער שוואַרץ איז גלייך אַרויס נאָך איר, צו איר ליבלעך אַ שמייכל געטאָן:

— אַ דאַנק, מיס גראָס. דעם טשעק פֿאַר דעם פֿאַרלוירענעם טאָג וועלן מיר אייך צושיקן.

ער האָט זיך דערמאָנט: — אָ, יע, פֿאָוערס האָט געבעטן איר זאָלט צוואַרטן אויף אים . . . — האָט ער אַזוי קרום אַ שמייכל געטאָן, און שורלין האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע אויגן האָבן עפּעס אַ חוזק געטאָן.

שורלין האָט פֿאַרדראָסן: פֿאַרוואָס האָט ער אַליין נישט געקענט אַרויסקומען? איז זי געווען אין כּעס ניט אַזוי אויף מאַרטין פֿאָוערס, ווי אויף דעם שוואַרץ. כ׳וועל ניט וואַרטן, האָט זי באַשלאָסן. כ׳וועל זיי ווייזן, די לאַיערס, אַז איך בין שוין פֿאַרטיק מיט זיי! . . . זי האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז זי איז מיד. זי מוז זיך אָפּרוען. האָט זי זיך צוגע־זעצט אויף די ברייטע מאַרמאָרנע פֿאַרענטשעס פֿון די טרעפּ. מענטשן האָבן גענומען אַרויסקומען דורך די ברייטע טירן. זי האָט געזען ווי דער לאַיער שוואַרץ האָט אַרויסגעפֿירט דער מרס. גאָרדאָן מיט אַ פּייערלעכער מינע, אַט פּונקט ווי ער האָט מיט אַ ווײַלע פֿריער זי, שורלין, אונטער־געפֿירט. דערנאָך איז אַרויסגעקומען מאַרטין פֿאָוערס. ער האָט גע־האָלפֿן דעם הינקענדיקן ייִנגל אַראָפּגיין די טרעפּ. מרס. גאָרדאָן האָט צו איר אַ דאַנקבאַרן שמייכל געטאָן. איר פּנים האָט געשיינט. מסתּמא ווייסט זי שוין, אַז זי וועט קריגן גוט באַצאָלט. מר. שוואַרץ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט זיינע אונטערגעשוואָלענע אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אָבער מאַרטין פֿאָוערס איז איר פֿאַרביי, ווי ער וואָלט זי גאָר ניט

געזען. ער האָט געקוקט פאַראויס, ווי ער וואָלט געהיט די טרעפּ, ער זאָל ניט אַראָפּוואַרפן דעם ייִנגל. ערשט אונטן, אויפן טראָטואַר, ווען מרס. גאַרדאָן מיט איר ייִנגל זיינען שוין געזעסן אין אַ טעקסי, האָט מאַר־טין פּאַוערס אַ קוק געטאָן צו איר. ער איז געבליבן שטיין מיט מר. שוואַרצן, און שוירלין האָט זיך געדאַכט, אַז זיי רעדן וועגן איר. ווייל זיי האָבן אַלע ווײַלע אַרויפגעקוקט צו איר. זי האָט געקענט זען ווי מאַרטין שמייכלט פאַרלעגן.

שוירלי האָט געפילט, אַז איר פּנים פלאַמט. צו וואָס איז זי געבליבן זיצן? פאַרוואָס איז זי ניט אַוועק, איידער זיי זיינען אַרויס? איצט וועלן זיי זיכער מיינען, אַז זי איז דאָס געבליבן זיצן צוליב אים . . . כ׳וועל מיט אים סיי־ווי אינערגעץ ניט גיין, האָט זי אויף גיך באַשלאָסן.

ווען מר. שוואַרץ איז אַוועקגעפאָרן, איז מאַרטין פּאַוערס אַרויפגע־לאָפן צו איר די טרעפּ. ער איז געלאָפן ווי אַ יונג, שטיפעריש ייִנגל, צו צוויי טרעפּ מיט אַמאָל. ער איז אַ צעשמייכלטער געבליבן שטיין אַנטקעגן איר:

— האַלאָ, מיס גראָס!

שוירלי האָט אים אָנגעקוקט:

— האַלאָ, לאַיער מאַרטין פּ. פּאַוערס, ווי גייט עס אייך?

מאַרטין פּאַוערס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר אויפן פּאַרענטש:

— אָ, מיר גייט זייער גוט! מיין באַלעבאָס האָט שוין היינט פאַר־דינט אַ שיינע פּאָר דאָלאַר . . . און וואָס זייט איר אַזוי שנעל אַרויסגע־לאָפן? און וואָס זייט איר עפּעס בייז אויף מיר?

שוירלי האָט אַ טראַכט געטאָן: טאַקע וואָס איז זי אין כעס אויף אים? וואָס דערוואַרט זי פון אים איצט? זי האָט פּרובירט אַ שמייכל טאָן:

— איך האָב זיך געוואָלט אָפּקילן. און סיי־ווי בין איך שוין איצט געגאַנגען אַוועקצוגיין.

— וואָס? — האָט מאַרטין זיך אַ כאַפּ געטאָן, — איר האָט געוואָלט אַוועק אָן מיר? און וואָס איז וועגן אונדזער „דעיט”?

שוירלי האָט אַן אומעטיקן שמייכל געטאָן:

— ס׳איז דאָך שוין נאָכן פּראָצעס . . . לאַיער פּאַוערס.

— אַזוי גאָר? אַהאַ, — האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן. ער האָט געשוויגן, געצויגן דעם רויך פון זיין סיגאַרעטל און צום סוף געזאָגט:

— טרעפט וואָס לאַיער שוואַרץ האָט געזאָגט וועגן אייך?

— אַז איך בין געווען אַ גוטער עדות. אָדער אפשר וויל ער מיך רעזערווירן פאַר אַ צווייטן פּראָצעס?

מאַרטין פּאָוערס האָט געשמייכלט. געקוקט אויף איר און גע־שמייכלט:

— נישט געטראָפן. יע, ער איז צופרידן מיט אייער עדות־זאָגן. איר האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער האָט אַפילו זיך פאַרגונען צו זאָגן, אַז איר זייט אַ שיינע. בלויז אַ ביסעלע צו דאַר, זאָגט ער . . . מסתמא דערפאַר, ווייל זיין יונג ווייבל איז אַט אַזוי! . . . — האָט ער געוויזן מיט די הענט אַרום בויך.—אָבער ער האָט מיך געוואָרנט, איך זאָל זיך ניט פאַרדרייען מיט אייך אַ קאָפּ... אַז אַ לאָיער דאַרף אינזינען האָבן אַ קאַריע־רע, אַ מיידל מיט נדן . . . כ׳זאָל קענען עפענען אַן אָפיס . . .

— אַהאַ, — האָט שוירלי אַ טראַכט געטאָן, — דאָס וויל ער מיר צו־גרייטן, אַז ער וועט מיך מער ניט זען, אַז איך זאָל אים ניט נעמען ערנסט, וואָס ער פלעגט מיר זאָגן, אַז איך געפעל אים, וועל איך אים וויזן, אַז ס׳אַרט מיך נישט! . . .

— אָוודאי, — האָט זי געזאָגט, — ער איז גערעכט. אייך קען ראַ־טעווען בלויז אַ רייכע כלה!

מאַרטין פּאָוערס האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. ער האָט אַן ערנס־טער געקוקט אויף איר:

— איך וועל אים אָבער סיי־ווי ניט פאָלגן! איך בין אים מוחל זיינע ריי־כע כלות מיט זייערע נדנען . . . איך האָב געזען מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גרויסן נדן . . . איר געפעלט מיך בעסער! — האָט ער אַזוי פשוט איר אָנגעזאָגט, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט חתונה האָבן מיט איר.

שוירלי האָט דערפילט, אַז ס׳ווערט איר הייס אין פּנים. זי האָט זיך אָנגעשפאַרט מיטביידע הענט אָן פאַרענטש:

— איר זייט גאַרנישט פּראַקטיש, — האָט זי שטיל געזאָגט, — ווי אַזוי דערוואַרט איר צו זיין אַ דערפאָלגרייכער לאָיער, אָן נדן?

מאַרטין פּאָוערס איז שוין געווען פריילעך:

— נו, מילא, דאָס איז שוין ביי אונדז אַ פאַמיליע־פעלער. אַט האָט אַ רייכער בחור זיך געשדחנט צו מיין שוועסטער, האָט זי גאָר חתונה געהאַט מיט אַ שניידער! און זיין שאָפּ סטרייקט איצט . . . און איר ווייסט? מיין טאַטע, אַליין אַ פּרעסער, שוין אַן אויסגעאַרבעטער, איז גאָר געווען צופרידן! . . .

שוירלי האָט זיך דערמאָנט וואָס ער האָט איר דערציילט וועגן זיין

טאַטן, ווי זיין טאַטע האָט אים געהאָלפן דורכגיין קאָלעדזש, און איצט קען ער זיך שוין ניט דערוואַרטן זיין זון זאָל נעמען פאַרדינען אַ סך געלט. זי האָט אים דערמאָנט:

— און וואָס איז מיט אייער טאַטן? ער וואַרט דאָך שוין, איר זאָלט ווערן אַ גרויסער לאָיער, פאַרדינען גוט און נעמען אים אַרויסהעלפן.

— איך וועל. — האָט מאַרטין פאַוערס מיט זיכערקייט געזאָגט — און איר וועט מיך העלפן. מיט אַזאַ אייגענעם עדות וועל איך אַ סך דער־גרייכן!... — האָט ער איר געקוקט אין די אויגן אַריין. — אָבער דער־ווייל בין איך הונגעריק, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט. — קומט, וועלן מיר איצט כאַפּן אַ בייס און ביינאַכט וועלן מיר עסן אין אַ גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן. אָדער, אפשר זאָלן מיר גאָר אַריבערפאָרן צו מיין טאַטע־מאַמע?

שוירלי האָט זיך דערשראָקן:

— ניין, ניט איצט. איך בין הונגעריק.

— גוט. וועלן מיר פריער עסן. — האָט ער מיטביידע הענט איר אַ שלעפּ געטאָן פון אָרט. — און אַזוי ווי מיר האָבן היינט געוואונען אַ פּראָצעס, וועלן מיר מיר פאָרן ווי ס'פּאַסט פאַר אַ לאָיער. טעקסי! — האָט ער גענומען לויפן פון די טרעפּ, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דער לאַכנ־דיקער שוירלין.

פאַרזאָרגער

דער רעגן האָט אויפגעהערט. אַ קאַלטער ווינט האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער די קליינע געסלעך. גענומען בלאָזן דורך שוואַכע אָפּגעלאָזטע טירן און צעשפּאָלטענע שויבן. אַראָפּהענגענדיקע ברעטער, צעבראָכענע רינעס האָבן גענומען קלאַפּן און סקריפּען. געריצט די הינט און געשראָקן די קעץ אין די הויפן.

ווען די גריבער מיטן וואַסער, אויפן מיטן גאַס, האָבן גענומען טריקענען, זיינען זיך די קינדער צונויפגעלאָפן מיט אַ געפילדער און פייפעריי. דער ערשטער האָט זיך באַוויזן דער 14יאָריקער פּיט מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט. זיין טאַטנס הויזן זיינען געווען צו לאַנג אויף אים, האָט ער זיי האַלב פאַרקאַשערט, פאַררוקט זיין קליין היטעלע וואויל־יונגעריש אויף אַ זייט און גענומען קלאַפּן מיטן שטעקן אין די פאַרפראָרענע גריבער. ער האָט ברייט צעעפנט זיין מויל און גענומען צוזאַמענרופן די קינדער פון די הייזער. די נאָז איז אים רויט געוואָרן, די אויערן האָבן אים גענומען ברענען, נאָר ער האָט פריילעך אונטערגעטאַנצט אין זיינע זומערדיקע לייוונטענע שיך און זיך געפרייט מיט דעם אויסקוק אויף אַ שפּיל.

ווען פּיט איז געפלויגן איבער דער גריבערדיקער גאַס מיט דעם שטעקן אין דער הויך, די ייִנגערע קינדער נאָך אים, האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן, פון דעם ווינקל גאַס, אַ גרויסע גלאַנציקע מאַשין. די קינדער זיינען פאַרוואונדערטע געבליבן שטיין. פּיט האָט אַרויסגעלאָזן אַ פריידיקן פייף און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער מאַשין. ער האָט נאָר איין קוק געטאָן אויף די רעדער און גלייך דערקענט, אַז ס'איז אַ נייע מאַשין, פון די סאַמע לעצטע מאַשינען, האָט ער זיך געפרייט. פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט צו שמייכלען — די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט פּונקט אַנטקעגן דער פאַרלאָזטער, הילצערנער פּאַבליק־סקול. דער 10יאָריקער נעגער־ייִנגל ביל האָט גלייך פאַרשטאַנען פאַרוואָס פּיט האָט זיך דערשראָקן:

— דענקסט, אַז זיי זיינען געקומען צוריק עפענען סקול, פּיט? — האָט ער אַרויפגעקוקט צו אים.

פּיט האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, אַ וויטן שפּיי געטאָן, און מיט

פעסי באָך

אַ געמאַכטער גראָבער שטימע געענטפערט:

— מ׳וואָלט געדאַרפט אַראָפּנעמען די טאַיערס פון די רעדער, וואָלטן זיי פאַרשפּאַרט קומען אַהער . . .

פון מאַשין איז אַרויסגעשפּרונגען אַ מאַן. ער האָט געעפנט די טיר און געהאָלפן אַרויסגיין פון מאַשין צוויי פרויען. איינע האָט אונטערגע־הויבן איר לאַנגע, זיידענע קלייד, ברייט צעעפנט גרויסע, ברוינע אויגן — אַ דערשראָקענע געקוקט אויף די קינדער. זי האָט מיט אירע שוואַר־צע, לעדערנע הענטשקעס אַ ריר געטאָן דער צווייטער פרוי:

— זעט נאָר, מרס דעיוויס, די קינדער! מיין גאָט! וואָס פאַר אַן אָרעמקייט! זעט די הייזקעלעך! . . . ווי אינטערעסאַנט! . . .

מרס. עלען דעיוויס האָט זיך פעסטער געוויקלט אין איר פוטערנעם מאַנטל, געקוקט אַרום זיך מיט קאַלטע, גרויע אויגן:

— יע, איך זע. אָ דאָ איז עס, מר. וואוירט?

מר. וואוירט האָט פריילעך אויסגעטאָן זיינע פוטערנע הענטשקעס. אַ צופרידענער זיך געריבן די הענט:

— יע. אָט דאָס איז עס, מיינע לעידיס. איר זעט די קינדער? איר זעט וויפיל? אָט אַזוי וואַלגערן זיי זיך אַרום אין גאַס. אָט וועל איך איינעם צורופן, וועט איר עפּעס הערן!

ער האָט אַ רוף געטאָן פּיטן. פּיט האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס, געקוקט אויף די געסט און געוואָלט טרעפן נאָך וואָס זיי זיינען געקומען אַהער און וואָס זיי ווילן פון אים. ער האָט עפּעס דערשפּירט אַ געפאַר, אָבער ווייזן חברה אַז ער שרעקט זיך, האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט פאַרריכט זיין קליין היטעלע, אַ נעם גע־טאָן דעם שטעקן און מיט לייכטע שפּאַנען צוגעגאַנגען צו זיי. די גאַנצע גאַס קינדער נאָך אים.

מר. וואוירט האָט צו זיי אַ געשריי געטאָן:

— העי! איך האָב נאָר גערופן איינעם!

פּיט האָט זיך דערפילט זייער וויכטיק. האָט ער מיטן שטעקן אַ מאַך געטאָן צו דער חברה צו בלייבן שטיין. אַליין האָט ער זיך געשטעלט קעגן מר. וואוירטן, אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

מר. וואוירטן איז עס ניט געפעלן; אַזאַ חוצפּה! צו די פרויען האָט ער אַ וואונק געטאָן זיי זאָלן זיך צוהערן:

— איז ווי רופט מען דיך?

— פּיט.

יונג לעבן

— און ווי אַלט ביסטו ?

פּיט האָט אַ זשמורע געטאָן מיט די אויגן :

— פערצן יאָר.

מר. וואוירט האָט זיך געוואונדערט :

— פערצן יאָר און דרייסט זיך אַרום איבער די גאַסן ! האָסטו שוין געענדיקט פּאָבּילק־סקול ? ווילסטו גאָרנישט אַרבעטן ?

פּיט האָט אַ קוק געטאָן אויף דער הילצערנער פּאָבּליק־סקול, אויף די פאַרשלאָסענע טירן, פּלינק אַ דריי געטאָן די אויגן צו זיין הויז קעגן איבער. ער איז געוואָרן אין כעס : צי ער, פּיט, וויל אַרבעטן, אַז זיין טאַטע זיצט אין הויז ? — האָט ער אַ בייזער געענטפערט :

— ענדיקן, אַז די סקול איז פאַרמאַכט ? שוין אַ יאָר צייט ווי מיר גייען נישט אין סקול. קיין איין קינד פון די גאַסן אַרום גייט נישט. די מיידלעך אויך נישט . . . סיידן אימעצער האָט געלט צו פאָרן צו אַ צווייטער סקול. אָבער קיינער האָט דאָ קיין געלט ניט . . .

מר. וואוירט האָט אַ טריאומפירנדיקער זיך אויסגעדרייט צו די צוויי פרויען :

— איר הערט ? אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן דאָ אַזוי נויטיק אַ סעטל־מענט־הויז ! אַוועקנעמען די קינדער פון גאַס ! זיי דערציען פאַר נוצ־לעכע, גוטע בירגער ! ס׳איז דאָך אַ שרעק, וואָס פון די קינדער קען דאָ ווערן ! . . .

ער האָט זיי אָפּגעפירט אָן אַ זייט און צוגעגעבן :

— איר געדענקט ? אין אָט דער גאַס האָט דאָך איין קינד געשטאָכן אַ צווייטן ! . . . אין אַ קריג . . .

מרס. דעניעלס האָט אויפגעשוידערט. זי האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף פּיטן און זיך אָפּגערוקט.

פּיט האָט שוין מער ניט געקענט הערן וואָס זיי רעדן. ער האָט נאָך אַ ווילע צוגעוואַרט און פּלוצלונג איז אים עפּעס איינגעפאַלן. די אויגן האָבן אים אַזש אַ גלאַנץ געטאָן. ער האָט אַ רוף געטאָן מר. וואוירטן.

מר. וואוירט האָט אַ בייזער זיך אומגעדרייט ; וואָס וויל ער איצט ? ער איז שוין מיט אים פאַרטיק. פּיט האָט זיך פאַרלאָרן. שטיל אַרויסגע־שטאַמלט :

— כ׳בין הונגעריק ! . . .

מר. וואויט האָט אים ניט דערהערט :

— וואָס ?

פעסי באך

פיטן איז טרוקן געוואָרן אין מויל. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער מאַן האָט אים יע געהערט, האָט ער אַ באַליידיקטער אַ זאָג געטאָן שוין העכער:

— אפשר קריג איך ביי אייך עפּעס געלט? כ'בין הונגעריק...

מר. וואוירט האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ, ניין! ניין! מיין זון, נאָר ניט בעטלען! פון דעם וועלן מיר דיר אָפּגעוואוינען. דו וועסט ביי אונדז ניט בעטלען!...

פּיטס פאַרפאָרענער פּנים איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך פון זיי אָוועקגעדרייט, אַ שפּיי־געטאָן אָן אַ זייט און אַוועקגערופן די קינדער. אַלע האָבן צו אים אַרויפגעקוקט, האָט ער אויסגעטאָן זיין היטעלע, עס אַ וואָרף געטאָן אויפן פאַרפראָרענעם טראָטואַר און עס צוריק אָנגעטאָן.

— זיי ווילן דאָ פאַר אונדז אַ נייע סקול עפענען... בלויז אונדז לערנען צו זיין גוט. דאָס אַלץ... טאָ ווער, צום טייוול, דאַרף זיי?

נישט אַלע קינדער האָבן פאַרשטאַנען, אָבער אַלע האָבן דערפילט, אַז ס'רוקט זיך אויף זיי אַ צרה. דזשאַנין איז געווען זייער קאַלט אין זיין דינעם סוועדער. די צײנדלעך האָבן אים געקלאַפּט אין מויל, האָט ער געפרעגט:

— דאָרט וועט זיין וואָרעם?

אַ צווייטער יינגל האָט געפרעגט:

— מ'וועט אונדז דאָרט געבן עסן?

פּיט האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן אויף די פאַרפראָרענע שטיינער:

— אַוודאי, מ'וועט אייך אַלץ געבן!... גיכער פון אַלץ וועט מען אונדז מסתמא פאַרשפּאָרן אינעווייניק, מירן דאַרפן טאָן אַלץ וואָס זיי וועלן וועלן, און מ'וועט אונדז אַרויסלאָזן בלויז דאַן, ווען זיי וועלן וועלן!... דאָס אַלץ...

ביל האָט זיך דערמאָנט:

— העי! מיר האָבן דאָך טאַטעס! וואָס וועלן זיי זאָגן? און אונדזערע מאַמעס וועלן שווייגן?

פּיט האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט מעשה גרויסער:

— זיך נישטאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן... אָט איז מיין טאַטע געקומען היינט אַהיים, אַ פאַרשוואָלענער פון רעגן. איצט ליגט ער, טאָ וואָס קען ער טאָן? איך דענק, אַז אונדזערע טאַטעס זיינען געוואָרן שמאַטעס זינט זיי אַרבעטן נישט... און מיין מאַמע? זי ווייס נאָר צו שרייען... זיך ניטאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן...

יונג לעבן

די קינדער האָבן אומרואיקע, דערשראָקענע געקוקט צו די צוויי פרויען און מאַן, ווי זיי שפּאַצירן זיך אַרום איבערן סקול־הויף, ווי זיי וואָלטן שוין געווען די באַלעבאַטים. מר. וואוירט האָט געהאַלטן די פרויען אונטערן אָרעם און פאַר זיי פאַרגעלייגט זיין פּלאַן פון עפענען דאָ אַ סעטלמענט־הויז פאַר די קינדער. זיי צוריק אַרויפפירן אויפן גלייכן וועג.

מרס. דעיוויס האָט אַ פאַרטראַכטע געקוקט אויף דער געביידע:

— ס'וועט דאַרפן קאָסטן אַ סך געלט. מ'וועט מסתמא דאַרפן דער גאַנצער הויז רעמאָנטירן. און עס אויפהאַלטן! מיין גאָט, מ'וועט דאַרפן אַ ריזיקן פאָנד!

מר. וואוירט האָט געשמייכלט:

— מיט אייער הילף, לעידיס, וועט עס נישט זיין שווער. איך ווייס, וואָס אייער קלוב טוט פאַר די אָרעמע אַרבעטסלאָזע... איך אַליין וועל אויך העלפן פינאַנסירן. וואָס דענקט איר וועגן אַ „טשאַריטי"־באַל?

מרס. דעניעלס האָט אַ שמייכל געטאָן:

— יע. אַ „טשאַריטי"־באַל וועט געבן אַ סך פּובליסיטי. מ'וועט דאַרפן איינלאַדן דער פּרעס. גוט. — האָט זי אָנגעבלאָזן אירע ליפּלעך, — מיר וועלן עס אויפנעמען צו אונדזער קומענדיקן מיטינג. אָבער איר וועט דאַרפן רעדן וועגן דעם.

מר. וואוירט האָט ליבלעך געשמייכלט, געדריקט זייערע הענט און אַ פריילעכער זיי צוריקגעפירט צו דער מאַשין.

די צוויי פרויען זיינען שוין געזעסן אינעווייניק, ווען מר. וואוירט האָט פּלוצלונג דערזען, אַז פון די פאָדערשטע צוויי טאַיערס איז אַרויסגעלאָזן די לופט. די טאַיערס זיינען געלעגן פלאַך אויף דער ערד. מר. וואוירט האָט אַ צעקאָכטער זיך אַרומגעקוקט. די גאַס איז געווען ליידיק. קיין סימן פון די קינדער. אויף אַזאַ אומגליק האָט ער זיך ניט געריכט. מרס. דעניעלס האָט אַרויסגערודערט דעם קאָפּ, גאַר ניט געקענט פאַרשטיין:

— אַזוינע אומדאַנקבאַרע קינדער. מיר זיינען דאָך געקומען זיי העלפן!...

מרס. דעיוויס האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט:

— מיר איז עס נישט קיין וואונדער. דערוואָרט נישט פון זיי קיין דאַנקבאַרקייט, מיין טייערע, אַט אַזוי זיינען זייערע עלטערן אויך... איך האָב שוין גענוג געאַרבעט פאַר זיי, ווייס איך.

מר. וואוירט האָט אַ פאַרלאָרענער געקוקט אויף די רעדער. גאָרנישט

פעסי באך

געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער וועט קענען אַליין אַראָפּנעמען אַזוינע שווערע טאַיערס. ער האָט געזוכט מיט די אויגן, ווער ס׳זאָל אים העלפן.

פון אַ דערבייאיק שטיבל איז אַרויס אַ מאַן. ער האָט פון דערווייטן באַטראַכט די מאַשין און איז צוגעקומען נעענטער. ער האָט אַ צי געטאָן זיין היטל:

— קען איך אפשר פאַר אייך בייטן די טאַיערס און פאַרדינען עפּעס?

מר. וואוירט האָט מיט חשד אַ קוק געטאָן אויף אים: — האָט ער עס אַליין ניט אָפּגעטאָן, כדי צו פאַרדינען עפּעס? ער האָט דערזען, אַז פון די אַנדערע הייזלעך קומען אַרויס נאָך מענער, גייען גלייך צו אים. האָט ער אינעדרהויך אַ זאָג געטאָן:

— ניין, ניין, כ׳וועל שוין אַזוי צופאָרן צו אַ דערבייאיקער גאַז־סטאַנציע . . .

ווען ער איז שוין געזעסן ביים רעדל, גענומען רירן דער מאַשין, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן: — מיר מוזן האָבן אַ סך געדולד מיט זיי. פאַרגעסט ניט, אַז זיי זיינען קינדער פון אומוויסנדיקע עלטערן... אַ רויער עלעמענט . . .

די צוויי פרויען האָבן באַרואיקטע צוגעשטימט. ווען די מאַשין האָט זיך שלעפּנדיק פאַרקירעוועט אויפן ווינקל, זיינען פון אַלע זייטן אָנגעלאָפן די קינדער. זיי זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אינמיטן גאַס, און אַלע אינאיינעם האָבן אַרויסגעלאָזן אַ פריידיקן, זיגערישן הורא. די מענער אויפן גאַס האָבן נישט געוואוסט פאַרוואָס די קינדער פרייען זיך אַזוי, אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס באַגלייטן זיי אַרויס דער מאַשין און ס׳האָט זיי אויך הנאה געטאָן.

אויב נישט נאָך גרעסער

איך בין שוין זייער לאַנג ניט געווען אין מיין היים־שטאָט, איז ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך די ערשטע זאַך געוואָלט אויפזוכן מיינע אַמאָליקע באַקאַנטע.

איך האָב געוואוסט, אַז מיינע חברטעס זיינען שוין אַלע לאַנג חתונה־געהאַטע, אַז מסתמא זיינען זיי איצט פּאַרזאָרגטע מאַמעס און פּאַרהאָרע־וועטע באַלעבאָסטעס. די יונגע, שלאַנקע בחורימלעך, מיט וועמען איך פלעג זיך טרעפן אין די שטאָטישע פּאַרקן, זיינען שוין אַודאי טאַטעס פון קינדערלעך. זיי מוזן שוין האָבן קנייטשן אַרום די מיילער. ס׳קאָן זיין, אַז אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן אָפּגעלאָזן, פעט. ס׳קאָן זיין, אַז ווען איך זע זיי איצט, וואָלט מיר גאָר פּאַרדראָסן, וואָס איך האָב זיי אויפגעזוכט. אָבער פונדעסטוועגן, האָט עס מיך ניט געלאָזן צורו. איך האָב פּאַרט באַשלאָסן זיי אויפצוזוכן. אָבער צוליב דעם וואָס די געגנטן דאָ האָבן זיך געביטן, די יידישע איינוואוינער האָבן אין פּאַרלויף פון די לעצטע יאָרן זיך אַריבערגעצויגן אַרויף שטאָט־צו, דאָרטן וואו ס׳האָבן אַמאָל געוואוינט די אַריסטאָקראַטן, איז מיר געווען שווער זיי אויפצוזוכן.

ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַריבערצוגיין אין דעם רעסטאָראַן וואו מיר פלעגן זיך אַמאָל צונויפקומען אין די שבתדיקע און זונטיקדיקע פּאַר־נאַכטן. דער רעסטאָראַן האָט זיך דאַן גערופן: „די ליטעראַרישע קי־בעצאַרניע”. אַזוי איז טאַקע געווען אָנגעשריבן מיט יידישע אותיות אויפן פענצטער. אַהין פלעגן אַריינקומען אַלע יידישע אינטעליגענטן פון שטאָט און אַלע יידישע אַקטיאָרן, וועלכע פלעגן אַראָפּקומען אויף דער פּראָווינץ שפּילן טעאַטער. אין יענעם רעסטאָראַן פלעגן מענער מיט שרייבערישע פּרעטענזיעס לייענען זייערע שאַפונגען און דעקלאַמירן זייע־רע לידער.

דער רעסטאָראַן האָט איצט אויסגעקוקט אינגאַנצן אַנדערש, פרעמד. די פענצטער און די טירן איבערגעבויט, איבערגעפאַרבט. אַ קליין שילדל איבערן פענצטער האָט אָנגעזאָגט דער גאַס, אַז דאָ איז „גאָס׳ רעסטאָראַן”. אָנשטאָט דעם היימישן, יידישן באַלעבאָס איז איצט געזעסן ביי דער קאַ־סע אַ פעטלעכער גרעק, מיט אַ הוילן קאָפּ, מיט גוטמוטיקע אַראָפּהענ־גענדיקע באַקן. אַרום די טישלעך זיינען געזעסן אומבאַקאַנטע מענער.

פעסי באך

זיי האָבן צווישן זיך געשמועסט, געטרונקען קאַווע און גערויכערט.

איך האָב אַן אַנטוישטע זיך געזעצט ביי אַ טישל, באַשטעלט קאַווע און גענומען זיך אַרומקוקן. לויט דעם שמועס אַרום, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איצט קומען זיך אַהער צונויף פאַך־אַרבעטער, אַז דאָ איז איצט ווי אַ מין בערזשע. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט לאַכן; ס׳איז דאָך געווען נאַריש פון מיר צו דערוואַרטן, אַז איך וועל דאָ, נאָך אַזוי פיל יאָרן, טרעפן די זעלבע מענטשן, דעם זעלבן באַלעבאָס. איך האָב באַצאָלט און געוואָלט שוין אַרויס. האָב איך פלוצלונג באַמערקט ווי אַרום די טישלעך איז געוואָרן פריילעך:

— העי, גאָס! — האָט אימעצער מיט געלעכטער געשריען — דער אַקטיאָר וויל קאַווע!... גיב אים קאַווע!...

— אַוודאי וויל דער אַקטיאָר קאַווע, — האָט גאָס כיטרע געשמייכלט מיט זיינע קליינע אויגעלעך און אַראָפּהענגענדיקע באַקן. — נו, זאָל ער וועלן... — האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט.

איך האָב זיך אומגעדרייט און דערזען דעם „אַקטיאָר". כמעט הינטער מיין פלייצע איז ער געשטאַנען. ער איז געווען ניט קיין הויכער, מיט זייער אַ דינער טאַליע, דאַרע, שמאָלע פלייצעס. זיינע הויזן זיינען געווען שמאָלע, ווי מ׳פלעגט טראָגן אַמאָל. די אַרבל פון זיין רעקל אַזוי קורץ, אַזש ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען שטיקער אַרבל פון זיין ווייסער העמד. אָבער אַ שניפּס האָט ער געטראָגן גאָר אַ פיינעם. אַ ברייטן, שוואַרצן שניפּס, אויסגעשלייפט, ווי ס׳פלעגן טראָגן אַמאָל די אַקטיאָרן. אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען זיין פּנים און זיין קאָפּ האָר. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ קליינעם, מיט אַ סך קנייטשן אַרום מויל, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט רק געשמייכלט. זיין מאָרדע איז געווען אַ שפּיציקע, מיט אַ שיין אַרומגעשאָרן ווייס בערדל און פּונקט מיט אַזאַ שיינעם ווייסן קאָפּ האָר, שיין פאַרקעמט און אויסגעלייגט אין לאָקן. קאָנטיק, אַז ער גיט זיך אַ סך אָפּ מיט זיינע האָר.

ער איז געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס, פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט קוקן אויף קיינעם און אַזוי שטאָלץ, באַפעלעריש געזאָגט אַרויף צו דער סטעליע צו:

— איך וויל קאַווע, איר הערט?

— אַ משוגענער — האָט אַ מאַן לעבן מיר אַ זאָג געטאָן. — אַן אמתער משוגענער. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גרויסער אַקטיאָר. אַז אַמאָל האָט ער געשפּילט שעקספּירן... ער פאַרנודיעט

יונג לעבן

אַלעמען דעם קאָפּ מיט זיינע דעקלאַמאַציעס און אַקטיאָרסקע שטיק . . . איר ווילט אפשר איך זאָל אים הייסן עפּעס זאָגן ? — האָט ער זיך גע־וואָלט אויספּיינען מיט זיין משוגענעם.

איך האָב געקוקט אויף דעם אַקטיאָר און ס׳איז מיר איינגעפאַלן, אַז ער קוקט מיר אויס באַקאַנט, אַז איך האָב אים שוין ערגעץ וואו פריער געזען, באַגעגנט. איך האָב געפרעגט ביי דעם מאַן לעבן מיר, ווי מ׳רופט אים.

— הערשל יאַקובאָוו, — איז דער מאַן געווען צופרידן, וואָס איך פרעג זיך נאָך אויף „זיין משוגענעם".

הערשל יאַקובאָוו. אַ באַקאַנטער נאָמען. און פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט. פאַר מיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן אַ לאַנג פאַרגעסן פּנים פון מיט אַ 15־16 יאָר צוריק. אַ פּנים פון אַן אַקטיאָר, וועלכער איז אַראָפּגעקומען אַהער, אויף דער פּראָווינץ, שפּילן טעאַטער. געשפּילט האָט ער זייער זעלטן און אין קליינע, אומוויכטיקע ראָלן. אָבער מיינע אַלע חברטעס און איך אַליין, דאַן זייער יונגע מיידלעך, זיינען מיר אַלע געווען פאַרליבט אין אים און אין זיינע שיינע יידישע לידעלעך און קאָמ־פּלימענטן. מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אַקטיאָר. איך אַליין בין אין אים געווען אַזוי פאַרליבט, אַז ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער פאָרט אַוועק פון שטאָט, בין איך געווען גרייט אים נאָכצולויפן. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל דאָס גאָר ניט קאָנען אַריבערטראָגן . . . האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז אים זען איידער ער פאָרט אַוועק. איך מוז זיך מיט אים געזעגענען. האָב איך אין דעם אָוונט פאַר זיין אָפּפאָרן, זיך געלאָזט פאָרן צו דער וואוינונג וואו ער איז איינגעשטאַנען. פאַר־שטייט זיך, אַז מיין טאַטע־מאַמע האָבן וועגן דעם גאָרנישט געוואוסט.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. הערשל יאַקובאָוו האָט זיך דערשראָקן :

— קינד, — האָט ער אָנגעכאַפּט מיין האַנט (אַזוי פלעגט ער מיך רופן), — וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט ?

איך האָב אַ דערשראָקענע אים דערציילט דעם אמת ; אַז איך בין גע־קומען זיך געזעגענען מיט אים. ער האָט אַ קוק געטאָן צו די שכנהשע, פאַרמאַכטע טירן און פאַרזיכטיק מיר אַריינגעפירט צו זיך אין צימער אַריין. ער האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר און אַ שטרענגן זאָג געטאָן :

— הער זיך איין, קינד, ס׳איז געווען אַ נאַרישקייט פון דיר צו קומען אַהער אַזוי שפּעט . . . בעסער לויף שנעל אַהיים, איידער אימעצער דער־

וויסט זיך, אַז דו ביסט דאָ ביי מיר. אַזאַ מיידעלע ווי דו, האָסט שוין באַדאַרפט שלאָפן . . .

איך בין געבליבן שטיין אַ דערשראָקענע, אַ פאַרשעמטע. ניט געקענט גלויבן מיינע אייגענע אויערן, אַז דאָס רעדט ער דאָס אַזוי צו מיר, וואָס צוליב אים האָב איך אָפּגענאַרט מיין טאַטע־מאַמע, געזאָגט זיי, אַז איך גיי אַריבער צו אַ חברטע, געלאָפן אָן אַן אָטעם מיט אים זיך געזעגענען, און צום סוף, בייזערט ער זיך גאָר אויף מיר, שיקט מיך אַהיים שלאָפן! איך בין דאַן געווען אַזוי אומגליקלעך, אַז איך בין געפאַלן אים אויפן האַלדז און זיך צעוויינט.

הערשל יאַקובאָוו האָט אַראָפּגענומען מיינע הענט פון זיין האַלדז, אַ שטילער געקוקט אויף מיר מיט זיינע פלינקע, קליינע אייגעלעך. דורך פאַרטערטע אויגן האָב איך געזען ווי ער קוקט אַזוי אויף מיר אַן אומרואיקער, אַ פאַרזאָרגטער. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט, און די ליפּן האַלב אָפענע, האָבן געציטערט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט וועט ער עפּעס זאָגן, עפּעס טאָן, נאָר ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט זיך פון עפּעס אָפּגעטרייסלט, און גענומען רעדן צו מיר ווי מ'רעדט צו אַ קינד:

— איך דאַנק דיר, טייערינקע, וואָס דו ביסט געקומען מיך זען, אָבער איצט מוזסטו גלייך אַהיים לויפן, איידער מיין באַלעבאָסטע געפינט דיך דאָ . . . גיי אַראָפּ פון די טרעפּ זייער שטיל . . . דאָס אַלץ וואָס דיר פעלט, מיידעלע, אַז די שטאָט זאָל זיך דערוויסן פון דעם . . . — האָט ער אַזאַ מאָדנעם שמייכל געטאָן און פאַרזיכטיק גענומען מיך אַרויסשטופּן דורך דער טיר. ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ לופט־קוש און געמאַכט מיטן האַנט, איך זאָל וואָס שנעלער אַוועק.

איך געדענק ניט ווי אַזוי איך האָב דאַן געפילט וועגן אָט דער גאַנצער מעשה, ווי אַזוי איך בין דאַן אַהיים געקומען, אָבער ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך בין באַגאַנגען. ווי איך בין דאָס געקראָכן ווי אַ בלינד מייזל אין געפאַר. איך האָב ניט איין מאָל געטראַכט מיט דאַנקבאַרקייט וועגן דעם הערשל יאַקובאָוו, וועלכער האָט מיך געשאַנעוועט, מיך אָפּגעשיקט אויף שנעל אַהיים. און איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, שטייט ער דאָ ניט ווייט פון מיר, אַן אַלטער, אַן עלנטער, אומגליקלעכער מאַן, מיט זיין איינציקן פאַרמעגן, די זכרונות, אַז ער איז אַמאָל געווען אַן אַקטיאָר. אָבער די מענטשן אַרום גלויבן אים סיי־ווי ניט. אַפילו אַז ער האָט געשפּילט קליינע, אומוויכטי־

קע ראָלן, גלויבן זיי אים ניט. ס׳איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלן, אַז איך קאָן אים איצט אָפּצאָלן פאַר זיין אַמאָליקער גוטסקייט צו מיר. איך קאָן טאָן פאַר אים עפּעס, וואָס וועט אים דערהויבן אין זיינע אייגענע אויגן. איך האָב זיך אַ דריי געטאָן צום מאַן ביי מיין טישל און געזאָגט הויך גענוג, אַז מ׳זאָל מיר דערהערן ביי אַנדערע טישלעך אויך:

— איר זאָגט, זיין נאָמען איז הערשל יאַקובאָוו? אויב אַזוי, קאָן איך אים דאָך פון ניו־יאָרק! ער איז דאָך געווען אַ באַרימטער אַקטיאָר! אַ פּערזענלעכקייט!

איך האָב געזען ווי קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט. ס׳איז געוואָרן שטיל. נייגעריקע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר און אויף יאַקובאָוון. אָבער ער, יאַקולבאָוו אַליין, האָט מיך ניט דערהערט. ער איז זיך געשטאַנען ווי פריער, דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף, מיט אַ באַליידיקטער מינע געקוקט אין דער לופט אַריין.

— וואָס? — האָט דער מאַן ביי מיין טישל אַ פרעג געטאָן — איר קאָנט אים פון ניו־יאָרק?

— אַוודאי, — האָב איך אויך שנעל גענומען רעדן — איך פלעג דאָך זיינע קיין איין פאָרשטעלונג ניט דורכלאָזן! איבערהויפּט איז ער באַרימט געווען אין שעקספּירס דראַמען. אַך, האָט ער געקאָנט שפּילן!
— האָב איך פאַרגלאָצט מיינע אויגן, גענומען רעדן שטילער כלומרשט, ער זאָל ניט דערהערן. איך האָב געקאָנט זען, אַז מיינע רייד האָבן געמאַכט אַן איינדרוק. די חוזק־מינעלעך זיינען פאַרשוואונדן. ס׳איז נישט געווען שווער צו באַשאַפן פאַר זיי עפּעס העכערס, שענערס. דער מאַן לעבן מיר האָט זיך אויפגעהויבן, לייכט אָנגערירט יאַקובאָוון ביי דער פּלייצע:

— הערשל יאַקובאָוו, אָט די לעידי זאָגט, אַז זי קאָן אייך.

הערשל יאַקובאָוו האָט זיך אומגעדרייט צו מיר. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און בלויז גלייכגילטיק אַ קוק געטאָן אויף מיר. איך האָב פאַרהאַלטן מיין אָטעם; וועט ער מיך דערקענען? אָבער הערשל יאַקובאָוו האָט אַ גלייכגילטיקער אַוועקגעדרייט זיין פּנים. קאָנטיק, אַז ער דערקאָנט מיך ניט. האָב איך שוין גענומען רעדן צו אים אַליין. איך האָב געזאָגט:

— הערשל יאַקובאָוו — איך האָב אייך אַמאָל געזען שפּילן טעאַטער אין ניו־יאָרק.

ער האָט אויף מיר שאַרף אַ קוק געטאָן. וויזט אויס, אַז ער האָט גע־

וואָלט זען צי איך לאָז ניט פון אים. איך האָב אים געקוקט גלייך אין די אויגן מיט אַ פּיערלעכער מינע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיינע אויגן זיינען געוואָרן לעבעדיקער, זיינע הענט ווייסע, איידעלע, האָבן נערוועז גענומען גלעטן זיין בערדל. ער האָט אַ שטילן הוסטל געטאָן, אַ הוסטל וואָס איז מיר אַזוי באַקאַנט געוועזן. און כאָטש אַן אָדערל אויף זיין שטערן האָט געהאַלטן אין איין צוקן, האָט ער אַ רואיקער געפרעגט:

— אַזוי? איר האָט מיר געזען שפּילן? וואו?

איך האָב פאַרלייגט מיינע הענט:

— אין ניו־יאָרק! אין די גרעסטע טעאַטערן! איך האָב זייער ליב געהאַט אייער שפּילן.

דער עולם אַרום האָט געגאַפט, מ׳האָט געשפּאַנטע זיך צוגעהערט צו אונדז. הערשל יאַקובאָוו האָט געזאָגט:

— יע, איך האָב אַ סך געשפּילט אין ניו־יאָרק. געווען זייער פּאָפּולער דאָרט. קכע־קכע — האָט ער אַ הוסטל געטאָן. — זייער אַנגענעם, זייער אַנגענעם.

איך האָב מיט צופרידנקייט געזען, אַז הערשל יאַקובאָוו גלויבט טאַקע אַליין, אַז ער איז געווען אַ גרויסער אַקטיאָר אין ניו־יאָרק, כאָטש ער אַליין האָט אונדז אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל אין ניו־יאָרק נישט געשפּילט און זיכער אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַוודאי ניט. זיינע אויגן האָבן איצט צוריקגעקראָגן זיין אַמאָליקן גלאַנץ, זיין שטימע איז געוואָרן קלערער, קלינגענדיקער. זיין צוגעפּוצט בערדל האָט זיך געהויבן אַרויף ווען ער האָט זיך צוגעזעצט ביי מיין טישל.

— גאָס, — האָב איך אַ רוף געטאָן דעם באַלעבאָס, — דערלאַנג אַהער אַ קאַווע פאַר דעם מר. יאַקובאָוו.

אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אַ דריי געטאָן צו גאָסן. אויגן האָבן געוואָרנט: זאָל ער בעסער דערלאַנגען אַ קאַווע! גאָס האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין הוילן קאָפּ. ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פּלוצלונג געשען. אים האָט זיך, ווייזט אויס, זייער געוואָלט פרעגן, ווער עס וועט באַצאָלן. ווייל ער האָט געפּויקט מיטן גראָבן פינגער אויפן טישל. נאָר עפּעס האָט ער דערקאַנט, אַז אימעצער וועט שוין באַצאָלן. ער האָט בלויז גוט זיך איינגעקוקט אויף יאַקובאָוון, אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס און דערלאַנגט קאַווע.

— יע, — האָט הערשל יאַקובאָוו אַ צופרידענער געגלעט זיין טעפּל קאַווע, — געווען גוטע צייטן. ס׳איז דען איצט דערזעלבער טעאַטער? די זעלבע אַקטיאָרן? — האָט ער גענומען דערציילן פון זיין אַמאָליקער

גרויסקייט. און די מענטשן אַרום האָבן אים געגלויבט. נאָך זייערע שיי־נענדיקע פּנימער האָב איך געזען, אַז זיי גלויבן אים. ס׳איז מיר איינגע־פאַלן, אַז ניט נאָר האָב איך צוריקגעגעבן הערשל יאַקובאָוו זיין מענטש־לעכע ווירדע, געגעבן אים אַ גלויבן, אַז אַמאָל איז ער טאַקע עפּעס געווען, נאָר איך האָב פאַר אָט די מענטשן געשאַפן אַ העלד. איך האָב זיי געגעבן אַן אימעצן אין וועמען צו גלויבן, אימעצן צו באַוואונדערן. איין זאַך בין איך געווען זיכער: זיי וועלן שוין מער פון אים ניט לאַכן.

איך האָב זיך אויפגעהויבן אַרויסצוגיין. הערשל יאַקובאָוו האָט זיך אויך אויפגעהויבן. ער האָט מיר דערלאַנגט זיין האַנט און געזאָגט פייער־לעך:

— ס׳איז מיר געווען זייער אנגענעם. קומט אַריבער אַ צווייטן מאָל. און ביי דער טיר שטילער צוגעגעבן: — אַ דאַנק. אַ גרויסן דאַנק.

לויט דעם אופן ווי ער האָט עס געזאָגט, ווי ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, איז מיר איינגעפאַלן, אַז ער האָט מיך יע דערקענט. אַז ער האָט בלויז געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז ער דערקענט מיך ניט. איך האָב אַן אומרואיקע אַ קוק געטאָן אויף אים. ער האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן, מיט דעם זעלבן שמייכל מיט וועלכן ער האָט מיר דאַן אַהיים געשיקט און געזאָגט אין דער הויך:

— יע, ס׳איז גוט צו טרעפן אַלטע באַקאַנטע.

איך האָב אַ קלער געטאָן: „אַ גרויסער אַקטיאָר?" — אויב נישט נאָך גרעסער!

טרעף

אַ גאַנצע נאַכט האָט געשנייט. אינדערפרי איז פון דעם שניי געװאָרן אַ בלאָטע אין די גאַסן. אַ פּאָליציימאַן אין אַ לאַנגן רעגנמאַנטל האָט געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע, געזוכט דאָס הויז וואו די ראָזענס וואוינען. לעבן אַן אַלטן טענעמענט־הויז איז ער געבליבן שטיין. אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער, אויפן וואַנט האָבן זיך אַרויסגעשוואַרצט צעבויגענע, אָפענע בריוו־קעסטלעך, ווי אויפגעריסענע בייכער. אויפן פּלאַץ פון די עלעקטרישע קנעפּלעך זיינען געווען ליידיקע לעכלעך, ווי בלינדע אויגן. די טרעפּ, שמוציקע, אָפּגעלאָזענע.

אויפן פערטן שטאָק האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. פון יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פון אַ קינד, דערנאָך איז שטיל געוואָרן. אַ דערשראָקן, קינדעריש שטימעלע האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— אַן אָפיסער, — האָט דער פּאָליציימאַן געזאָגט. — עפן!

אַ שפּאַלט האָט זיך געעפנט אין טיר. דער פּאָליציימאַן האָט דערזען אַ קינדעריש קעפּל, צוויי אַראָפּהענגענדיקע צעפּלעך, דערשראָקענע שוואַרצע אייגעלעך:

— די מאַמע איז נישטאָ, דער טאַטע אויך נישט . . .

דער פּאָליציימאַן האָט מיטן פוס פאַנאַנדערגעעפנט די טירן און גלייך אַריינגעקוקט אין קיך. אויף אַ טיש איז געזעסן די קליינע ענעלע מיט אַ פינגערל אין מויל. אויפן דיל האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט ליידיקע קעסטעלעך, אָנגעריסענע פּאַפּירעלעך. אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ גרויסער קוילן־אויוון. פון אַן אָפן טיר האָט זיך אַרויסגעזען אַ נישט פאַרבעטע בעט.

דער פּאָליציימאַן האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ:

— האָסטו ניט קיין עלטערע שוועסטער, אָדער אַ ברודער?

דאָס מיידעלע האָט אַ דערשראָקענע אַ פּינטל געטאָן מיט די אייגעלעך:

— מיין עלטערער ברודער איז אַוועק אין סקול. איך האָב נישט געקענט גיין . . . געדאַרפט בלייבן מיט דער קליינער שוועסטערל . . . אָבער מאָרגן וועל איך זיכער גיין! די מאַמע אַרבעט נישט מאָרגן.

יונג לעבן

דער פּאָליציימאַן האָט געשמייכלט:

— אַזוי? און ווי רופט מען דיך?

— עטל, — האָט דאָס קינד געשמייכלט, — כ'האָב נאָך אַ שוועסטער. אין שפּיטאָל איז זי, איר רופט מען — סילוויע.

דער פּאָליציימאַן האָט זיך דערפרייט:

— אָט וועגן דיין שוועסטער סילוויע בין איך טאַקע געקומען. ווען דיין מאַמע וועט אַהיים קומען, זאָג איר זי זאָל פאָרן נאָך סילוויען. דער שפּיטאָל שיקט זי אַהיים.

עטל האָט צוערשט אַ לאַך געטאָן. דערנאָך זיך דערשראָקן:

— די מאַמע קומט שפּעט, כ'ווייס נישט וואו דער טאַטע איז...

דער פּאָליציימאַן האָט געשריבן עפּעס אין אַ ביכעלע און געזאָגט:

— מ'וועט זי סיי־ווי היינט שיקן אַהיים. זע בעסער אויסצוזוכן דיין טאַטן, מ'מוז איר קומען היינט אָפּנעמען — און איז אַוועק.

עטל איז אַרויפגעקראָכן צו ענעלען אויפן טיש, זי אַרומגעכאַפּט:

— ענעלע, סילוויע קומט היינט! האָסט געהערט וואָס דער אָפּיסער האָט געזאָגט? סילוויע קומט היינט!...

ענעלע האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענטלעך:

— אַ גודי, גודי! ווי גרויס איז איצט סילוויע? וועט זי זיך שפּילן מיט אונדז?

עטל האָט געשוויגן. זי האָט געקוקט אַרויף צו דער פאַרשוואַרצטער סטעליע, זיך געוואָלט דערמאָנען ווי סילוויע האָט אויסגעקוקט איידער זי איז אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ און זיך צעבראָכן אַ פוס. אַוודאי איז זי שוין דאָן געווען אַ גרויס מיידל. געווען שוין אין אַ הויכן קלאַס. די מאַמע האָט זי גערופן „טאָכטער" און געפרעגט ביי איר עצות.

עטל געדענקט דעם פאַרנאַכט ווען די מאַמע איז אַ היים געקומען אַ מידע און געבעטן סילוויען אַראָפּגיין אין גאַס, איינקויפן עפּעס צום עסן. סילוויע האָט אַ צופרידענע זיך אונטערגעטאַנצט צום טיר, גענומען אַראָפּלויפן די טרעפּ. און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דערהערט איר געשריי פון אונטן.

ווען עטל מיט איר מאַמען זיינען אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ, איז סילוויע געלעגן אין קאָרידאָר אויף דער ערד, מיט צעשפּרייטע הענט און פיס, זי האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען, און נישט געלאָזן איר מאַמען זי אָנרירן. דאָן האָט די מאַמע גענומען שרייען, אַז סילוויע האָט זיך צעבראָכן די פיס. אַלע שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפן, ס'איז געוואָרן

אַ טומל. אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער, האָט מען אַרויסגעטראָגן אָנגעצונדענע ליכט. אַלע האָבן געשריען און געשאָלטן דעם לענדלאָרד וואָס אין די קאָרידאָרן איז אַזוי פינצטער, וואָס ער פאַריכט נישט די טרעפּ. און די מאַמע איז געזעסן די גאַנצע צייט לעבן סילוויען אויף דער ערד און געוויינט. ביז אַן אַמבולאַנס איז געקומען און אַוועקגעפירט סילוויען אין שפּיטאָל.

עטל האָט אַ פאַרקלעמטע אַ קוק געטאָן אויף איר שוועסטערל:

— כ׳ווייס נישט, ענעלע, ווי אַזוי זי קוקט איצט אויס. סילוויע איז שוין לאַנג אין שפּיטאָל... זי מוז שוין אַוודאי זיין גאָר אַ גרויסע! די מאַמע זאָגט, אַז איר פוס איז נאָך קראַנק, וועט זי מסתמא דאַרפן ליגן אין בעט... באַלד וועט מען זי ברענגען און די מאַמע איז נישטאָ... וואָס וועל איך טאָן מיט איר איינע אַליין?... — האָט זיך עטל פּלוצ־לונג צעוויינט.

ענעלע האָט זיך דערשראָקן פאַר עטלס וויינען און גענומען רופן דער מאַמען.

אויף דער אַנדער זייט וואַנט האָט די שכנה, מרס. פרידמאַן, געוואַשן וועש, ווען זי האָט דערהערט די קינדער וויינען. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין וואַנט:

— וואָס איז קינדער? איך איז קאַלט? קומט אַריבער צו מיר, ביי מיר איז איצט וואַרעם!...

עטל האָט אַ וויינענדיקע איינגעוויקלט ענעלען אין אַ סוועטער, זי אַריבערגעפירט צו דער שכנה, איר דערציילט וואָס דער פּאָליציימאַן האָט געזאָגט.

מרס. פרידמאַן האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די נאַסע הענט:

— אוי, ווי איז מיר!... אַ קראַנקע שיקט מען זי אַהיים!... מיט אַ צעבראָכן פוס!...

עטל האָט געכליפּעט:

— די מאַמע איז נישטאָ, אַרבעט היינט. כ׳ווייס נישט וואו דער טאַטע איז; ער איז אַוועק גאָר פרי, נאָך פריער פון דער מאַמען.

מרס. פרידמאַן האָט זיך געביסן די נעגל. געטראַכט אַ ווײַלע און אויף שנעל אויסגעטאָן איר פאַרטוך:

— כ׳ווייס וואו דיין מאַמע אַרבעט, כ׳וועל צולויפן אַהין און מירן בדדע פאָרן צום שפּיטאָל. דו, עטעלע, הער אויף וויינען, זע, גיב ענעלען עסן און פּוץ צו די הויז, מירן באַלד ברענגען סילוויען...

יונג לעבן

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען ס'האָט זיך אונטן אין גאַס דער־הערט דאָס קלינגען פון אַן אַמבולאַנס. אין קיך איז שוין געווען פינצ־טער, ענעלע האָט געדרעמלט זיצנדיק ביי דעם פענצטער. די צוויי קינ־דער האָבן דערשראָקענע זיך אַרומגעכאַפּט, זיי האָבן צוגעפּרעסט זייערע פּנימלעך צו דער שויב און געזען ווי פון אַמבולאַנס קריכן אַרויס פריער די מאַמע מיט דער שכנה מרס. פרידמאַן, און דערנאָך האָבן צוויי מענער אַרויסגעטראָגן אַ בעטל פאַרלייגט מיט אַ סך קאָלדרעס. ווען מ'האָט דאָס בעטל אַריינגעטראָגן אין שטוב, האָט עטל דערזען אַז אונטער די קאָלדרעס ליגט סילוויע, אָבער גאָרנישט דיזעלבע סילוויע ווי פריער. ס'האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט געלעגן ביזן בויך אין אַ קאַסטן. איר פּנים האָט אויסגעקוקט זייער קליין; די אויגן גרעסער ווי אַלעמאָל, האָבן געקוקט אַרום זיך מאָדנע, ווי פרעמדע, פאַרצויגענע אויגן. בלויז אירע ליפּן האָבן היימיש געשמייכלט צו איר און ענעלען, אָבער ענעלע האָט זיך אַזוי דערשראָקן פאַר סילוויען, אַז זי איז אַרונטערגעקראָכן אונ־טערן טיש און געבליבן דאָרט זיצן, ביז די מאַמע האָט אויפגעהערט וויי־נען.

שכנות זיינען אַריין אָנקוקן סילוויען. זיי האָבן מיטגעבראַכט, ווער אַ הייסן זופּ, ווער עטלעכע עפּל, מ'איז אַריין און אַרויס, אַן אַ גוטן־אָוונט און אָן אַ זיי־געזונט, פּונקט ווי אַ מת וואָלט זיך געפונען אין שטוב.

מרס. פרידמאַן, ווי זי וואָלט דאָ געווען די גאַנצע באַלעבאַסטע, איז געשטאַנען אינמיטן קיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און דערציילט:

— . . . מרס. ראָזען האָט זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן האַלטן סיל־וויען ביז מ'וועט אַראָפּנעמען די גיפּס פון פוס . . . זי האָט זיי דערציילט, אַז אין שטוב איז נישטאָ קיין לייטיש בעט . . . וואָס וועט זי געבן אַ קראַנק קינד עסן, אַז ס'איז נישטאָ גענוג פאַר די געזונטע קינדער? . . . ער אַרבעט דאָך נישט! — האָט מרס. פרידמאַן אַ גלאָץ געטאָן מיט די אויגן צום ווינקל, וואו מר. ראָזען איז געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטער. — ווייסט איר וואָס מ'האָט איר דאָרט געענטפערט? . . . ערנסטערע קראַנקע וואַרטן אויף סילוויעס בעט . . . ס'דאַרף נאָך נעמען לאַנג ביז מ'וועט קאָנען אַראָפּנעמען די גיפּס. ס'וועט נאָך נעמען חדשים ביז דער בראָך וועט זיך פאַרהיילן! . . . נו, זאָגן זיי, אַז אַזוי לאַנג האַלטן אומזיסט קאָן מען נישט . . . „זי קאָן ליגן ביי זיך אין בעט" . . . סיידן, מרס. ראָ־זען וויל, מ'זאָל סילוויען אַוועקשיקן איבערן וואַסער אין אַ שפּיטאָל . . . דאָרט קאָן זי בלייבן אַפילו יאָרן! . . . נאָר, ווי וועט עס אַ מאַמע אַוועק־

פּעסי באַך

שיקן אַ קראַנק קינד איבערן וואַסער ? . . . האָט זי טאַקע געמוזט אונטער־שרייבן און ברענגען סילוויען אַהיים . . . — האָט מרס. פרידמאַן מיט אַ זיפץ זיך אויסגעקנאַקט די פינגער.

אַ שכנה האָט אַ פרעג געטאָן :

— נו, און איר פּיס ? וועט זי כאָטש ניט בלייבן אַ קאַליקע ? נישט הינקען ?

מרס. פרידמאַן האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, געוויזן צום צימער, וואו סילוויע איז געלעגן, צענומען די הענט, ווי איינער זאָגט :

— מ׳ווייסט נאָך גאָרנישט . . . ס׳איז אַ פראַגע . . .

די שכנות האָבן פאַרשטאַנען, מ׳האָט טרויעריקע אַראָפּגעלאָזן די קעפּ. אַ צווייטע שכנה האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אין דער שטיל געפרעגט :

— . . . און דער לענדלאָרד, וואָס זאָגט ער ? וועט מען כאָטש עפּעס צאָלן ?

אויגן האָבן בייזע זיך איבערגעקוקט. אין אַלעמענס מיילער איז גע־לעגן אַ קללה אויף די פינצטערע, סקריפּענדיקע טרעפּ. מ׳האָט אָבער געקוקט צו סילוויעס צימער און געשוויגן.

סילוויע איז געלעגן אין בעט אויפן רוקן. דאָס פאַרגיבסעטע פוס איז געלעגן ווי פאַרוואָרפן אָן אַ זייט. כאָטש זי האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, ס׳האָט זיך געקענט דאַכטן זי שלאָפט, האָט זי אָבער געהערט אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין דעם צווייטן צימער. זי האָט געהערט דעם שטילן שמועס וועגן איר פוס און דאָס זיפצן פון די שכנות. זי האָט אַפּי־לו געקענט קלאָר פאַר זיך זען איר טאַטן אין דעם פאַררוקטן ווינקל, וואו ער פלעגט דאָרט אַלע מאָל זיצן, זינט ער האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. ס׳איז איר נאָר געווען אַ וואונדער וואָס זי הערט ניט איר מאַמען. זי איז געווען זיכער, אַז זי וואָלט שוין איר מאַמעס זיפץ דערקענט צווישן די שכנישע.

סילוויע האָט דערפילט עטלס הענטל אין אירע. זי האָט די אויגן ניט געעפנט, אָבער זי האָט געפילט, אַז עטל קוקט אויף איר, וואַרט זי זאָל אויסרעדן צו איר אַ וואָרט. סילוויע האָט אָבער געשוויגן. געדריקט עטלס הענטל און אָפּגעקערט איר קאָפּ צום וואַנט.

עטל האָט געקוקט אויף סילוויען. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וויינט.

— סילוויע ! . . . — האָט זי זיך אַליין שיר צעוויינט, — סילוויע, דריי אויס דיין קאָפּ צו מיר. ווילסט איך זאָל רעדן צו דיר ? . . . — איז

יונג לעבן

זי אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בעט, אַריבערגעקוקט איבער איר פּלייצע.

סילוויע האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו עטלען, דערזען אַזוי נאָענט צו זיך איר שווערסטערלס פּנים און זיך צעשמייכלט מיט פאַרטערטע אויגן:

— שפּעטער, עטעלע, ווען אַלע וועלן אַוועק, וועלן מיר רעדן. וועסט מיר דערציילן וועגן סקול . . . גוט ? איצט שטערן זיי מיר . . . וועסט מיר דערציילן וועגן דער גאַס און וועגן מיינע חברטעס . . . גוט עטעלע ? און וועסט מיר דערציילן ווי ס׳קוקן איצט אויס די טרעפּ . . . האָט מען שוין אַריינגעדרייט לעמפּלעך ? פאַרריכט דאָס שטיקל האָלץ אויפֿן אונ־טערשטן טרעפּל ? . . .

עטל האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן די פינצטערע טרעפּ. ווי פאַרזיכ־טיק אַלע גייען איצט אַראָפּ פון זיי. — „עטעלע, האַלט זיך צו, ווען דו גייסט אַראָפּ...״ זאָגט די מאַמע איר אָן, אַלע אינדערפרי, איידער זי גייט אַוועק צו דער אַרבעט.

— כ׳וועל ניט דערציילן וועגן די טרעפּ. — באַשליסט עטל אויף גיך.—כ׳וועל דערציילן וועגן דער גאַס, וועגן די קינדער אין סקול, אָבער ניט וועגן די טרעפּ . . .

צוגאַסט אויף יום-טוב

מרס. סילווער האָט זיך אויפגעכאַפּט באַגינען. אין דרויסן איז נאָך געווען שטיל און פינצטער. בלויז פון דערווייטן האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּערײַ פון אַ לויפנדיקן „עלעוועיטעד״ און אונטן, אין גאַס, האָט זיך ערגעץ וואו אַ טיר געעפנט.

מרס. סילווער איז נאָך געלעגן אַ ווײַלע און פּלוצלונג האָט זי זיך אַ הויב געטאָן מיט אימפּעט. איר גרויער קאָפּ האָט זיך אַ ווײַס געטאָן אין דעם פינצטערן צימער. זי האָט מיט באַרוועסע פיס געטאַפּט אַראָפּ צום דיל און אַ זאָג געטאָן אינדערהויך:

— כ׳וועל גיין צו שרהלען צום סדר . . .

זי האָט געזוכט אין דער פינצטער אירע זאַכן און פאַרעקשנט נאָכאַמאָל געזאָגט:

— יע, כ׳וועל גיין צו שרה׳לען.

און געדאַכט האָט זיך איר, אַז זי האָט לאַנג זיך געישובט וועגן דעם און ערשט איצט האָט זי באַשלאָסן אַז זי וועט יע גיין צו דער טאָכטער צום סדר.

זי האָט זיך גענומען אײַלן פּונקט ווי אַמאָל, ווען זי איז נאָך אַליין געווען אַ באַלעבאָסטע, געפירט אַ הויז און געפּראַוועט יום־טובים. ווען זי פלעגט אין אַן ערב־פּסח אויפשטיין באַגינען און נעמען אײַלן, שלעפּן די קינדער פון די בעטן אַרויס:

— שרה׳לע, שטיי אויף, מײַן קינד! ס׳איז ערב־פּסח! מ׳דאַרף ווערן פרײַ פּאַרטיק! . . . מענדעלע, קריך אַרויס פון בעט! — פלעגט זי זיך בייזערן אויף איר יינגל.

איצט האָט זי ניט געהאַט וועמען צו וועקן. זי האָט געוואוינט איינע אַליין אין אַ צימערל ביי אַ פרעמדער פרוי. איר שרהלע האָט שוין אַליין קינדער. איר מענדעלע איז איצט אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַנצביל. ער האָט שוין אויך חתונה געהאַט און וואוינט ערגעץ וואו אַרויס פון שטאָט. אָבער מרס. סילווער האָט געוואוסט, אַז ס׳איז ערב יום־טוב, ווייסט זי, אַז מ׳דאַרף זיך אײַלן.

ווען איר באַלעבאָסטע איז אויפגעשטאַנען, האָט זי שוין געפונען מרס. סילווער זיצן אין קיך אַ פאַרפּוצטע אין איר שבתדיק קלייד און אָנ־

יונג לעבן

געטאָן אין איר אַלטן מאַנטל.

— איך גיי צו מיין טאָכטער אויף פּסח! — האָט זי מיט גרויס וויר־דע איר אָנגעזאָגט די בשורה.

איר באַלעבאָסטע האָט זיך געוואונדערט, ווייל ערשט נעכטן האָט מרס. סילווער זיך אָנגעגרייט מיט אַ שטיקל הון צום סדר און זיך איינגע־קויפט אַ נייעם טעפּל. האָט זי געקוקט אויף איר מיט חשד:

— ווען האָט עס אייער טאָכטער אייך איינגעלאַדן?

מרס. סילווער האָט אָן אומרואיקע זיך אויפגעהויבן. זי האָט ניט געקוקט אויף איר באַלעבאָסטע ווען זי האָט געענטפערט:

— פּטור, נו, אַ מאַמען דאַרף מען ניט איינלאַדן. אַז אַ מאַמע קומט איז זי אַ גאַסט . . .

איר באַלעבאָסטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז גאָר נישט גע־ווען אַזוי זיכער אין דעם, פונדעסטוועגן האָט זי געזאָגט:

— טאָ גייט אייך געזונטערהייט. און נעמט טאַקע מיט אייער שטיקל הון. וואָס וועל איך טאָן דערמיט?

מרס. סילווער האָט פאַרוויקלט דאָס שטיקל הון אין דעם נייעם פּסחדיקן טעפּל און נישט קיין געגעסענע זיך אָוועקגעלאָזן פאָרן צו דער טאָכטער. זי האָט אַ סך געדאַרפט זיך נאָכפרעגן איידער זי איז פאַר־פאָרן אַהין. זי האָט שוין קוים געקאָנט דערשלעפּן אירע פיס, דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט און דאָס פּאַפּירל אַרום דער שטיקל הון איז גע־ווען איינגאַנצן דורכגענעצט.

איר טאָכטער, שרהלע, איז געווען פאַרנומען אין קיך מיטן קאָכן. זי איז געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל ביים אויוון און אַ פריילעכע גע־חשבונט וויפיל מענטשן זי וועט האָבן צום סדר. ווען איר מאַמע איז אַריין איז זי געבליבן שטיין מיט צענומענע הענט.

— מאַמע! — האָט זי אַ געשריי געטאָן, — וואָס טוסטו דאָ?

מרס. סילווער האָט אַ דערשראָקענע זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול.

— איך בין געקומען אויף יום־טוב, מיין קינד, ס'איז מיר אומע־טיק צו זיצן אַליין ביים סדר . . . בין איך געקומען צו דיר! . . .

שרהלע האָט געקוקט אויף איר מיט צעשראָקענע אויגן, זי האָט נישט געקאָנט גלויבן, אַז איר מאַמע איז טאַקע געקומען. וואו וועט זי איר אַהינטאָן, אַז ס'קומען אַזויפיל געסט ביינאַכט?

— מאַמע, — האָט זי פּרובירט איינהאַלטן איר כעס. — ווי אַזוי לאָזטו זיך עס פאָרן צו מיר, נישט געפרעגטערהייט? . . . נישט וויסנדיק

פּעסי באַך

צי כ׳האָב פּלאַץ פאַר דיר ? . . . פאַרוואָס האָסטו פריער נישט געשריבן?!...

— כ׳האָב זיך אינדערפרי דערמאָנט, אַז היינט איז דער סדר, איז מיר געוואָרן אומעטיק . . . — האָט מרס. סילווער זיך פאַרענטפערט. — ס׳האָט זיך מיר פאַרבענקט אַהיים . . . — האָט זי אַ פאַרשעמטן שמייכל געטאָן. — זעסט, כ׳האָב געבראַכט מיין אייגן שטיקל הון, — האָט זי זיך דערמאָנט אָן איר פאַרנעצטן פּעקעלע.

שרה האָט איר נישט געענטפערט. זי איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און אָפּגערופן דעם ברודער:

— מענדל, — האָט זי אַרויסגעשריען איר כעס אין טעלעפאָן אַריין, — די מאַמע איז פּלוצלונג, נישט געפרעגטערהייט, געקומען צו מיר אויף פּסח! . . . דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט אָן איבעריק בעט! . . . און דערצו האָב איך איינגעלאַדן געסט אויף סאַפּער! קום גלייך אַריבער רעדן מיט דער מאַמען! . . . זי איז דיין מאַמע אויך! . . . יע, יע, כ׳ווייס, אַז דו האַלטסט איר אויס . . . אָבער דו מוזט גלייך אַריבערקומען! . . .

ווען מענדל איז געקומען, איז מרס. סילווער נאָך געזעסן אָן אָנגעטאָנענע אין מאַנטל מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם. זי איז נישט געווען זיכער צי דער זון וועט אויך זיין אין כעס, צי נישט, האָט זי אַ דערשראָקענעם שמייכל געטאָן:

האַלאָ, מענדעלע.

מענדל האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיין פאַרפּלאָנטער שוועסטער, ער איז צוגעגאַנגען צו זיין מאַמען:

— מאַמע, — האָט עס אים אַ שניט געטאָן ביים האַרצן, — זע ווי דו קוקסט אויס! ביסט געקומען אַליין, פון אַזוי ווייט ?

מרס. סילווער האָט זיך דערפילט שולדיק קעגן אירע קינדער. טאָקע צו וואָס האָט זי געדאַרפט אָנמאַכן אַזאַ טומל ? האָט זי זיך גענומען פאַרענטפערן:

— ס׳איז מיר געוואָרן אומעטיק, ס׳איז דאָך היינט ביינאַכט פּסח, האָב איך געטראַכט, כ׳וועל פאָרן צו גאַסט צו שרהלען. כ׳ווייס ? . . . כ׳האָב געמיינט זי וועט זיין צופרידן , . .

— אָבער, מאַמע! — האָט שרה אַ געשריי געטאָן. — דו ווייסט דאָך, אַז ביי מיר איז ענג! וואו וועסטו שלאָפן? וואו וועל איך דיר אַהינטאָן ?

— און די הויפּטזאַך איז, דו האָסט היינט געסט, קאָן דיר נאָך די מאַמע חלילה פאַרשעמען . . . — האָט מענדל אָנגעקוקט זיין שוועסטער.

יונג לעבן

— אַזוי? — האָט שרה זיך דערפּרייט. — אויב דו ביזט אַזאַ גוטער, טאָ נעם דו איר צו זיך אויף פּסח! דו האָסט אַ גרויסע הויז, האָסט נישט קיין קינדער, טאָ נעם איר צו זיך. נישקשה, דיין יענקישער ווייב מעג עס אָנשטיין!...

מענדל האָט זיך געביסן די נעגל. ער האָט אַ צעוויטיקטער געענטפערט:

— דו ווייסט, אַז די מאַמע וועט ביי מיר נישט עסן... און ען קאָן אַפילו מיט איר זיך נישט צונויפרעדן!...

— איך האָב מיין אייגן שטיקל הון... און אַ פּסחדיקן טעפּל...

— האָט מרס. סילווער זיך אָפּגערופן, — כ'קאָן עס אַליין אָפּקאָכן!...

— און אַ בעט האָסטו אויך, — איז שרה געוואָרן פריילעך.

מענדל האָט אָפּגערופן זיין ווייב, זייער שטיל איר דערציילט וועגן זיין מאַמען. ער האָט לאַנג זיך צוגעהערט צו איר ענטפער און דערנאָך אַ שטילער אויפגעהאַנגען דעם טריבל. זיין שטימע איז געוואָרן הייזעריקלעך:

— שרה, — האָט ער געזאָגט אינדערשטיל, זיין מאַמע זאָל נישט דערהערן. — כ'וועל דיר באַצאָלן פאַר דער מאַמען וויפיל דו ווילסט, לאָז איר איבערזיין די צוויי טעג ביי דיר...

שרה האָט אויפגעהערט צו שמייכלען, זיך געשטעלט קעגן אים:

— ווילסט מיר, הייסט עס, אונטערקויפן?... דיין ען וויל איר נישט, ווילסטו זיך אויסקויפן מיט געלט?... ניין, אַ דאַנק. כ'האָב נישט וואו צו לייגן דער מאַמען שלאָפן... הערסטו! — איז זי שוין געוואָרן היסטעריש. — כ'האָב נישט וואו! וואָס ווילסטו פון מיר? זי איז דיין מאַמע אויך!...

מרס. סילווער האָט גענומען איר פּעקעלע און זיך אויפגעהויבן:

— אָלראַיט, — האָט זי געזאָגט, פּונקט ווי אַמאָל, ווען זי פלעגט וועלן איינשטילן אַ קריג צווישן די קינדער. — אָלראַיט, כ'וועל שוין פאָרן צוריק אַהיים. האָסט דאָ דיין מאַשין, מענדעלע? כ'בין מיד.

מענדל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין מאַמען. אויף איר פאַרגעלט, צעקנייטשט פּנים, אויף אירע פאַרטרערטע אויגן — און ס'האָט אים אַ הויב געטאָן פון אָרט. ער איז צו צום טעלעפאָן און נאָכאַמאָל אָפּגערופן זיין ווייב:

— ען, — האָט ער שטרענג אַ זאָג געטאָן, — כ'ברענג דער מאַמען צו אונדז. יע. אַנדערש קאָן נישט זיין. כ'וועל דער מאַמען נישט

פעסי באך

אַרויסטרייבן . . . פאַרשטאַנען ? — האָט ער אַ קרומען קוק געטאָן אויף זיין שוועסטער.

אויף יענער זייט טעלעפאָן איז געווען אַ ווײַלע שטיל, ווי ען וואָלט זיך געוואָלט מישב זיין וואָס צו ענטפערן. אין קיך איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט געקאָנט הערן ווי ען האָט ענדלעך געענטפערט:

— אָלראַיט, מענדי, — און אַראָפּגעלאָזן דאָס טרייבל.

מענדל האָט נאָך אַ ווײַל זיך צוגעהערט, ווי ער וואָלט דערוואַרטעט, אַז ען וועט נאָך עפּעס זאָגן, און צום סוף האָט ער אַ זיפץ געטאָן:

— קום, מאַמע, דו וועסט זיין ביי מ י ר די צוויי טעג.

— זאָלסט זיך, איבער מיר, נישט קריגן מיט דיין ווייב, מענדעלע, — האָט מרס. סילווער אַ פאַרזאָרגטע אַרויפגעקוקט צו איר זון, — כ׳וויל נישט, מיין קינד, איר זאָלט זיך קריגן איבער מיר . . .

שרה האָט נאָכגעקוקט איר מאַמען. זי האָט זיך פּלוצלונג דערפילט עפּעס ווי אַן אויסגעפּאַטשטע.

— מאַמע, — האָט זי איר אַרויסבאַגלייט ביזן טיר און נישט גע־וואוסט מער וואָס צו זאָגן. — מאַמע, כ׳וועל קומען דיך זען . . .

אַנשטאָט איר מאַמען, האָט מענדל געענטפערט:

— זייער פיין פון דיר, אַבי זי זאָל צו דיר נישט קומען ! . . .

אויף מאָרגן האָט שרה׳ס טעלעפאָן געקלונגען. זי האָט זיך דער־שראָקן ווען זי האָט דערהערט מענדלס שטימע.

— די מאַמע איז געוואָרן קראַנק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַפילו אָן אַ האַלאָו, — זי איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און קאָן זיך נישט רירן . . . ווייסטו כאָטש, אַז זי האָט נעכטן אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן ?

שרה האָט אַ טראַכט געטאָן, ווי איר מאַמע איז נעכטן געזעסן אין קיך, מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם, אַזאַ איינגעקאָרטשעטע, אַ דערשלאָ־גענע. — כ׳האָב איר אַפילו נישט געפרעגט צי זי וויל עסן... — האָט עס איר דורכגעשאָסן דורכן קאָפּ. — די מאַמע קאָן נאָך שטאַרבן צוליב איר...

— מענדל, — האָט זי דערשראָקן אַ זאָג געטאָן, — אוי, מענדל . . .

— זי איז געבליבן שטיל. וואָס זאָל זי איצט אים זאָגן ? וואָס זי זאָל נישט זאָגן, וועט ער זי באַליידיקן, זיך אויסלאַכן, אַז א י צ ט שרעקט זי זיך. — איך וועל קומען זען דער מאַמען . . . — האָט זי אַרויסגע־שטאַמלט.

מענדל האָט אַ לאַך געטאָן:

— אָ, יע ? איך בין דיר מוחל . . . צו מיר אין הויז קאָנסטו נישט

קומען . . . און אַפילו נישט אָפּרופן . . . — און פּונקט ווי ער וואָלט בלויז געוואַרט אויף דעם, האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזן דעם טרייבל.

אַ גאַנצן טאָג האָט שרה מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון הויז, טאָמער וועט מענדל אָפּרופן. צו איר 13יאָריק מיידל האָט זי געזאָגט:

— מערי, מיין קינד, די באָבע איז קראַנק. איך זאָרג זיך זייער.

מערי האָט גאָר בשעת־מעשה געטראַכט וועגן איר ניי, יום־טובדיק קלייד, איר ערשטע דערוואַקסענע קלייד, וואָס מאַכט איר אויסקוקן העכער פון איר מאַמען, האָט זי געענטפערט:

— יע? טאָ פאַרוואָס גייסטו זי נישט זען?

שרה האָט זיך געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר איר טעכטערל. האָט זי זיך געשעמט צו דערציילן, אַז די באָבע איז דאָ נעכטן געווען. וואָס וועט זי טאָן, אַז מערי וועט איר זאָגן, אַז די באָבע האָט געקאָנט שלאָפן מיט איר, אַז איר בעט איז אַ ברייטע? אַפילו דעם מאַן האָט זי נישט אויסגעזאָגט, אַז די מאַמע איז דאָ נעכטן געווען. ער וואָלט אין אַ קריג איר אויפגעוואָרפן וועגן דעם,, האָט זי אַ פאַרקלעמטע זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג מיט איר סוד אין האַרצן, און מורא געהאַט אַפילו צו קוקן צום טעלעפאָן. טאָמער רופט מענדל אָפּ און זאָגט איר אָן, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן.

ערשט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מענדל אָפּגערופן. אַז שרה האָט דערהערט זיין שטימע, האָט זי זיך צעוויינט:

— מענדל, פאַרוואָס האָסטו מיך פריער נישט גערופן?

מענדל האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס שרה וויינט. — איך הער, אַז דו וויינסט. וואָלסט אפשר געוואָלט איצט נעמען דער מאַמען צו זיך?

שרה האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. אין מיטן וויינען איז איר איינגעפאַלן, אַז מענדל האָט עס בכיון איר אָנגעשראָקן, כדי זי זאָל וועלן נעמען דער מאַמען צו זיך, האָט זי זיך אויף גיך אויסגעווישט די טרערן:

— וואָס איז, דיר איז שוין מיאוס געוואָרן צו צאָלן פאַר איר צימער?

מענדל האָט מיט כעס אַראָפּגעזעצט דעם טרייבל. ס'האָט אַזש שרהן אַ הוזשע געטאָן אין די אויערן. אָבער דער טעלעפאָן האָט גלייך ווייטער זיך צעקלונגען. דעם מאָל האָט שוין מענדל אַ צעבראָכענער געזאָגט:

— איך גלויב, אַז דו מעגסט עס וויסן: די מאַמע איז געשטאָרבן.

ערב-קריסטמעס

אין צימער איז געווען פינצטער ווי אין מיטן דער נאַכט. די שוואַרצ־קייט פון גאַס האָט ווי געשפּאַרט זיך דורך די ניט פאַרהאַנגענע פענצטער. די ריין אויסגעוואַשענע שויבן האָבן טונקל אָפּגעגלאַנצט ווי אַ פאַרצויגענער שפּיגל. אַפילו קלערעסעס מאַמע, מרס. העדזשעס, איז נאָך געשלאָפן, ווי עס וואָלט געווען אינמיטן דער נאַכט. קלערעס האָט אין דער פינצטער זי ניט געקאָנט זען, בלויז די ווייסע קישן האָט זיך אַרויסגעוויסט, דאָרט וואו די בעט איז געשטאַנען. אָבער קלערעס האָט געוואוסט, אַז איר מאַמע שלאָפט. זי האָט געקאָנט הערן ווי זי אָטעמט, ווי אַלע ווילע רייסט זיך אַרויס אַ כריפּ פון איר האַלדז, די ליפּן לאָזן אַרויס אַ לאַנגן בר־פּס־בס־פּססס און דערנאָך הויבט זי ווייטער אָן שטיל צו אָטעמען.

קלערעס איז אָבער זיכער, אַז ס'איז שוין אינדערפרי. זי האָט געקאָנט הערן דעם טאָפּ־טאָפּ פון מר. פּיטס פערד. זי האָט געהערט, אַז ס'עפענען זיך שוין טירן פון הייזער און מענטשן איילן פאַרביי דעם פענצטער.

קלערעס האָט זיך צוגעהערט צו דעם באַגינענדיקן גערויש און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי געפינט זיך איצט ערגעץ אין דער פרעמד, אין גאָר אַ נייער וועלט, ווייל זי איז נאָך קיינמאָל ניט אויף געווען אין אַזאַ פריער שעה. אַלע פרימאָרגן ווען זי כאַפּט זיך אויף, איז שוין ליכטיק, סיידן ס'רעגנט און די פענצטער זיינען פאַרצויגן. אין צימער שמעקט שוין דאַן פרישע קאַווע און איר מאַמע קיט שטייענדיק, ווייל זי איילט זיך אָוועקצוגיין צו דער אַרבעט.

קלערעס האָט נאָך נעכטן ביינאַכט זיך צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן פרי, וועט זי קאָנען ליגן און טראַכטן וועגן דעם, אַז ביינאַכט פאַנגט זיך שוין אָן דער קריסטמעס. אַזוי פיל וואָכן ווי זי האָט געוואַרט און געחלומט וועגן דעם, און איצט, דאַרף זי בלויז איבערוואַרטן דעם טאָג און ביינאַכט וועט מען שוין אין אַלע פענצטער אָנצינדן קרענץ בלומען און מאָרגן אינדערפרי וועט שוין זיין קריסטמעס;

אַ סך גוטע זאַכן האָט איר איר מאַמע צוגעזאָגט דעם יאָר. אין שווערע מינוטן, ווען קלערעס פלעגט נישט וועלן גיין צו דער מרס. קריינס, אַכטונג צו געבן אויף איר קינד, ווען זי פלעגט נישט וועלן אויספעלן

סקול, ווייל דערנאָך פלעגט זי אַזוי פיל זאָכן ניט וויסן, און דער פּרינצי־פּאַל, די לערערין פלעגן איר מאַטערן מיט פראַגעס; אין מינוטן, ווען קלערעס פלעגט וויינען, זיך שעמען אַרויסצוגיין אין גאַס אין צעריסענע שיכלעך, און מיט איר צו־גרויסן מאַנטל, פלעגט די מאַמע איר נעמען דערציילן וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן דעם קריסטמעס:

— קלערי, — פלעגט זי איר נעמען דערציילן — דעם קריסטמעס וועלן מיר האָבן אַן אמתן יום־טוב, דו וועסט ניט דאַרפן גיין צו דער מרס. קריינים. איך וועל עס איר אויך זאָגן. איך אַליין וועל אויך זיין אינדער־היים. איך וועל אָנלייגן אַ סך קוילן אין אויוון, וועט דעם קריסטמעס אונדז זיין וואַרעם. איך וועל אָפּקאָכן אַ גרויסן טאָפּ פליייש מיט אַ סך זופּ, איך וועל אָפּבאַקן אַ טאָרט, — האָט די מאַמע זיך געוויגט הין און צוריק און געזעדט מיט אַ ניגון, פּונקט ווי דער גלח אין טשוירטש. און דער־נאָך — האָט די מאַמע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — דערנאָך וועלן מיר דערהערן פון יענער זייט טיר טריט. איך וועל אַ פרעג טאָן: ווער קומט עס דאָרט? „איך", וועט מען ענטפערן. די טיר וועט זיך עפענען און ס'וועט אַריינקומען דיין פּאַ! — „מערי קריסטמעס", וועט ער זאָגן, און אין זיינע קעשענעס וועלן ליגן מתנות פאַר אונדז! דזשיזוס, — האָט די מאַמע אַ קרעכץ געטאָן — ער זאָל נאָר קומען . . . זיין באַלעבאָס זאָל אים אָפּלאָזן פאַר דעם טאָג.

קלערעס דערפילט, אַז איר מאַמע שרעקט זיך, פרעגט זי איר:

— ביסטו זיכער, אַז דער פּאַ וועט קומען?

איר מאַמע שמייכלט שוין:

— ער'ט קומען! ער מוז קומען! מיר האָבן זיך שוין אַזוי לאַנג ניט געזען.

קלערעסן האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז איר מאַמע איז שוין גאָר ניט געווען אַזוי זיכער אין דעם. איצט ווייסט זי שוין אַז ער קומט. אויף אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, פאַרפלעקט מיט שוואַרצע פינגער־צייכנס האָט דער טאַטע געלאָזט וויסן, אַז ער וועט קומען צופאָרן ביינאַכט אויף קריסט־מעס. די מאַמע האָט געקוקט און געקוקט אויף דעם שטיקל פּאַפּיר. ער האָט מסתמא עס געשריבן ביי דער אַרבעט — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף די שוואַרצע פלעקן. אַוודאי וועט ער קומען — איז זי שוין אַרום־געגאַנגען אַ פריילעכע.

קלערעס האָט געטראַכט: אפשר וועט ער ברענגען אַ סך געלט, אַז זי זאָל ניט דאַרפן אַלע טאָג לויפן צו דער מרס. קריינים, אַכטונג געבן

אויף איר מיידעלע. שטענדיק קומט זי איר רופן, אָדער ווען זי דאַרף גיין אין סקול, אָדער נאָך סקול, ווען אַלע קינדער שפּילן זיך אין גאַס.

— דזשי, קלערעס, — פרעגן איר די קינדער אין גאַס, — מוזטו אַלע טאָג זיך ניאַנטשען מיט דער ווייסערס קינד?

קלערעס וועט דאָך זיי ניט דערציילן, אַז איר מאַמע פאַרדינט אַזוי ווייניק אין דער לאָנדרי, וואו זי אַרבעט, אַז איר טאַטע אַרבעט אין דער פרעמד און אַז פון די קוואָדערס, וואָס זי קריגט פון דער מרס. קריי־ניס וועט זי קריגן אויף קריסטמעס בייע שיך . . . שמייכלט זי צו זיי מיט אַ צענומען שמייכעלע, מיט ווייסע, גלייכע ציינדלעך, דערציילט זיי, אַז זי האָט זייער ליב דאָס ווייסע מיידעלע, אַז זי איז זייער אַ זיס קינד, ס׳איז אַ פאַרגעניגן מיט איר זיך אַרומצושפּילן. דערנאָך, אַז זי בלייבט מיטן קינד אַליין, קנייפּט זי עס אין די ווייכע, פּוכקע הענטלעך און באַרואיקט זיך ערשט דאַן, ווען דאָס קינד צעשרייט זיך.

קלערעס דערהערט פּלוצלונג ווי איר מאַמע נעמט זיך רירן. זי קרעכצט אין דער שטיל, רעדט צו זיך עפּעס און זעצט זיך אויף. אין צי־מער איז שוין געוואָרן ליכטיקער. קלערעס האָט גאָר ניט באַמערקט, ווען ס׳איז געוואָרן ליכטיקער. זי קאָן שוין זען איר מאַמען ווי זי זיצט אַן אויסגעבויגענע מיט איר ברייטן רוקן, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די שוואַרצע הויט פון אירע נאַקעטע הענט האָט אָפּגעגלאַנצט אין דעם גרויען פרימאָרגן ליכט. זי איז געזעסן אַ ווילע, זיך געקראַצט אין די פּלייצעס און גענו־מען זיך אָנטאָן.

קלערעס האָט מיט פריילעכע אייגעלעך זי אַ רוף געטאָן:

— מאַמע!

איר מאַמע האָט אַ דערשראָקענע זיך אויסגעדרייט צו איר בעט:

— קלערי העדזשעס, האָסט מיך איבערגעשראָקן אויף טויט! פאַר־וואָס שלאָפסטו ניט? ס׳איז אַזוי קאַלט און ס׳איז נאָך פרי.

קלערעס איז אַ פריילעכע אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, אַריינגעקראָכן צו איר מאַמען אין בעט.

— מאַמע — האָט זי אַ לאַך געטאָן — איך בין פון לאַנג אויף. ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער. היינט ביינאַכט איז דאָך קריסטמעס! היינט ביינאַכט.

מרס. העדזשעס האָט גאָר ניט געזאָגט. זי איז אַריין אין קיך, אַריינ־געשאָטן קוילן אין אויוון און צוגעשטעלט קאָכן קאַווע.

— טו זיך אָן, קלערעס, — האָט זי זי אַ רוף געטאָן פון קיך אַרויס.

יונג לעבן

קלערעס האָט אויף שנעל זיך אָנגעטאָן, אַריינגעלאָפן אין קיך:

— מאַמע, לאָמיר רעדן וועגן קריסטמעס.

איר מאַמע האָט אָן חשק געענטפערט:

— מיר האָבן שוין אַ סך מאָל גערעדט וועגן דעם.

— לאָמיר רעדן נאָך אַביסעלע — האָט קלערעס גענומען זיך בעטן, — נאָך איין מאָל.

— גוט — האָט איר מאַמע געזאָגט — לאָמיר רעדן. מאָרגן איז קריסטמעס.

— מאָרגן איז קריסטמעס — האָט קלערעס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איר נאָכגעזאָגט, איז וואָס וועט געשען? איך וועל ניט דאַרפן גיין צו דער מרס. קריינים, אמת?

— ניין, דו וועסט ניט דאַרפן גיין, — האָט איר מאַמע געזאָגט. — ביי גאַלי, טאַקע היינט, ווען כ׳וועל קומען פון דער אַרבעט, וועל איך צו־גיין צו איר עס זאָגן.

— און וואָס וועסטו טאָן? — האָט קלערעס ביי איר געצויגן די ווערטער.

— איך? — האָט מרס. העדזשעס זיך געוואונדערט — אָ, יע, — האָט זי זיך דערמאָנט — איך וועל צוגרייטן אַ געשמאַקע קריסטמעס סעודה.

— און דו וועסט מאָרגן ניט אַרבעטן — האָט קלערעס איר אַרויס־געהאָלפן.

— ניין, כ׳וועל ניט אַרבעטן. די לאָנדרי איז מאָרגן פאַרמאַכט.

— און אַז אין הויז וועט זיין וואַרעם, דאָס געשמאַקע עסן וועט שמעקן, וועלן מיר עפּעס דערהערן! — האָט קלערענס גערעדט מיט איר מאַמעס ניגון.

— יע, — זיינען דער מאַמעס אויגן געוואָרן לעבעדיקער — מיר וועלן דערהערן טריט.

— און דו וועסט פרעגן: ווער קומט עס?

— „איך”, וועט מען ענטפערן, וועט דיין פּאַ אַריין!

— און אין זיינע קעשענעס וועלן ליגן פאַר אונדז מתנות!

— אויב ער וועט האָבן געלט, קלערי. דיין טאַטע פאַרדינט ניט קיין סך און מיר דאַרפן די וואָך צאָלן רענט.

— וועט ער קומען אָן מתנות — איז ביי קלערעסן גלייך רעכט גע־וואָרן, — ער אַליין וועט דאָך אָבער קומען, און דו וועסט זיין אינדערהיים

און מירן האָבן גוטע זאַכן צו עסן, און אַ, מאַמע, — האָט זי זיך געגעבן אַ רוק נאָענט צו איר מאַמען — מאָרגן וועל איך זיך קאָנען שפּילן אין גאַס, פּונקט ווי אַלע קינדער . . . כ'וועל ניט דאַרפן גיין צו דער מרס. קריינים!

— וועסט ניט דאַרפן — האָט איר מאַמע זי פאַרזיכערט.

זי האָט שוין געוואָלט אַרויס, האָט זי זיך פּלוצלונג דערמאָנט:

— קלערי, כ'האָב שיר פאַרגעסן, מרס. קריינים האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף דיר היינט, זי דאַרף גיין עפּעס איינקויפן.

קלערעס האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. זי האָט מיט שרעק גע־קוקט אויף איר מאַמען:

— אַוודאי נאָך סקול, מאַמע?

מרס. העדזשעס האָט מיט רחמנות געענטפערט:

— זי וויל דו זאָלסט קומען גלייך, אינדערפרי.

— מאַמע! — האָט קלערעס אַזש זיך אַ צאַפּל געטאָן — מיין קלאַס האָט היינט אַ קריסטמעס־פּאַרטי, די קינדער וועלן זינגען לידער און אַלע וועלן קריגן זעקעלעך מיט קאָנפעקטן. מאַמע — האָט זי זיך צעוויינט — איך וויל היינט ניט פאַרפעלן סקול, פּליז, מאַמעלע, ס'וועט דאָרט היינט זיין אַזוי פריילעך! . . .

מרס. העדזשעס האָט געוואוסט, אַז זי וועט זיין שפּעט, אַז דערנאָך וועט איר עפּעס פעלן פון די שכירות. פונדעסטוועגן איז זי ניט אַוועק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר צען־יאָריק טעכטערל.

— טראַכט וועגן מאָרגן, קלערי. מאָרגן וועט אונדז אַלעמען זיין פריילעך. היינט ביינאַכט קומט דאָך דיין טאַטע, און דו ווייסט קלערי — האָט זי געזאָגט מיט אַ געהיימניספולער מינע — ס'קען זיין, אַז זי וויל עס קויפן פאַר דיר אַ מתנה. איך האָב איר געזען קוקן אין אַ פענצטער אויף רויטע זאָקן! אַזאַ שיינער קאָליר רויט, ווי אַלע רייכע קינדער טראָגן. רויטע זאָקן וועט אויסקוקן זייער שיין מיט דיינע נייע שיך. איך גיי דיר דאָך קויפן היינט ביינאַכט שיך. דערנאָך וועסטו מיר העלפן איינ־קויפן אַלע גוטע זאַכן פאַר מאָרגן!

קלערעס האָט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט זיך צוגעהערט ווי איר מאַמע רעדט צו איר, מיט אַזאַ ווייכער שטימע, ווי זי, קלערעס, וואָלט קראַנק געווען, און ס'האָט איר פאַרקלעמט דאָס הערצל, ווייל זי האָט שוין געוואוסט, אַז זי וועט גיין צו דער מרס. קריינים.

פאַרנאַכט, ווען די גאַס איז פול געווען מיט פריילעכע קינדער,

יונג לעבן

ס'האָט געשמעקט מיט די לעצטע קריסטמעס־בוימער, וואָס דער פּרוכט־מאַן האָט געהאַט צעשטעלט אויפֿן טראָטואַר, איז קלערעס געלאָפֿן אַהיים. זי איז געלאָפֿן מיט אַן אַראָפּגעלאָזן קעפּל, כדי די קינדער זאָלן ניט דער־זען, אַז זי איז פֿאַרוויינט, און אפֿשר וועלן די קינדער אין דער פֿינצטער איר ניט דערקענען, וועט זי זיי ניט דאַרפֿן ענטפֿערן פֿאַרוואָס זי האָט ווייטער פֿאַרפֿעלט סקול און זי וועט ניט דאַרפֿן הערן ווי פֿריילעך זיי איז געווען. אין האַנט האָט זי געהאַלטן פֿאַרקוועטשט איר קוואָדער פֿאַרן טאָג און אַ קליין, פֿאַרוויקלט פּעקעלע, איר קריסטמעס־מתנה פֿון מרס. קריינים.

אין הויז איז נאָך געווען פֿינצטער. די מאַמע אַרבעט נאָך משמעות. און דער טאַטע וועט אוודאי קומען שפּעט. זי איז אַרויפֿגעקראָכן אויף איר בעט, אַריינגעגראָבן איר פּנים אין קישן און געוואָלט וויינען, אָבער ניט געקענט. געוואָלט האָט זי וויינען דערפֿאַר, וואָס אין איר הערצל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ שרעק, אַז איר מאַמע וועט איר מאָרגן אויך שיקן צו דער מרס. קריינים.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבער מרס. קריינים פֿאַר־פּוצט הויז אַ צעקלעמטע, געהאַלטן אין איין טראַכטן, וואָס ס'מוז זיך אָפּטאָן אין איר קלאַס. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט אויפֿן קינד, געלאָזן עס אַ גאַנצן טאָג וויינען און נאָך געשריגן אויף איר:

— וויין, מיך אַרט ניט. קענסט וויינען! כ'האָב דיך פֿיינט! כ'וואָלט דיר געדאַרפֿט גוט אָנשלאָגן!

דערנאָך האָט זי געגנאַשט פֿון דעם קינדס עסן, אַ זאַך, וואָס זי האָט פֿריער קיינמאָל ניט געטאָן, און מיט נקמהדיקע אייגעלעך געזוכט עפּעס אָפּצוטאָן, וועט שוין די מרס. קריינים וויסן . . .

שפּעט בייטאָג, ווען מרס. קריינים איז צוריקגעקומען אַ צעלעבטע, אַ פֿאַרלייגטע מיט פּעקלעך, דערלאַנגט קלערעסן דעם קוואָדער און דאָס פּעקעלע, איר אָנגעזאָגט, זי זאָל עס ניט עפֿענען ביז מאָרגן אינדערפֿרי, האָט קלערעס מיט נקמה געטראַכט, אַז ווען זי וואָלט געוואוסט, אַז זי, קלערעס, האָט געלאָזן דאָס קינד וויינען, איר געפּאַטשט אין די הענטלעך און געהאָלפֿן איר עסן איר מיטאָג, וואָלט זי איר שוין ניט געגעבן קיין מתנה. זי האָט אַ צופֿרידענע זיך אָנגעטאָן און געזאָגט:

— מרס. קריינים, מיין מוטער האָט געזאָגט, אַז מאָרגן אַרבעטן מיר קיינער ניט. מיין פּאַ קומט היינט ביינאַכט.

מרס. קריינים איז געבליבן שטיין מיט צענומענע הענט:

— קלערעס! — האָט זי אַ געשריי געטאָן — וואָס רעדסטו? איך דאַרף דיר מאָרגן האָבן!

אַז קלערס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניט, האָט זי זיך גענו־מען ביי איר בעטן:

— קלערי טייערע, דו מוזט מאָרגן צוקומען אויף אַ קליין ווײלע, בלויז אַ קליין ווײלינקע . . . כ׳וועל דיר געבן מער ווי אַ קוואָדער! אַ סך מער! איך קען ניט פּלוצלונג אַריינגעמען אַ פרעמד מיידל . . .

קלערעס האָט געטראַכט וואָס איר מאַמע האָט איר צוגעזאָגט און אַ רואיקע געענטפערט:

— אַ דאַנק, מעדעם, מאָרגן, זאָגט מיין מאַמע, וועל איך זיין אינ־דערהיים. ס׳איז יום־טוב. גוד־באַי, מרס. קריינים — האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר, מורא האָבנדיק זיך אומצוקוקן, מרס. קריינים זאָל זי נישט פאַרהאַלטן.

מרס. קריינים איז שוין געווען גוט אין כעס:

— וואָס האָב איך צו ריידן מיט דיר? כ׳וועל היינט צופאָרן צו דיין מאַמען, כ׳וועל ריידן מיט איר, זי וועט פאַרשטיין.

אַט פאַר דעם האָט קלערעס זיך געשראָקן. דערפאַר האָט זי גע־וויינט אויפן וועג אַהיים. וואָס וועט זיין, אַז איר מאַמע וועט זאָגן, אַז זי מוז מאָרגן גיין? אַז ניט וועט מרס. קריינים ברוגז ווערן און אינגאַנצן איר מער ניט וועלן נעמען פאַרן קינד? און עס קען זיין, אַז דער טאַטע וועט גאָר אויך ניט קומען, און קיין שיך וועט זי מסתמא סיי־ווי ניט קריגן. די מאַמע וועט זאָגן, אַז זי דאַרף דאָס געלט צו קויפן עסן, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ס׳האָט שוין איינמאָל פּאַסירט אַזוי. קלערעס האָט זיך אויף ס׳ניי צעוויינט. זי האָט געקלאָגט אין קישן אַריין, אַז בעסער וואָלט שוין אינגאַנצן קיין קריסטמעס ניט געווען. אַז ס׳וואָלט שוין בעסער געווען, ווען זי ווערט זייער, זייער קראַנק, וואָלט שוין איר מאַמען פאַרדראָסן, וואָס זי וויל איר אַוועקשיקן קריסטמעס פון דער היים, האָט קלערעס געוויינט הויך אויפן קול ביז זי איז איינגעשלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָט זי זיך פּלוצלונג, ווי אימעצער וואָלט זי אויפגעװעקט. זי איז אַ צעטומלטע געבליבן זיצן אין בעט, געזשמורעט מיט די אויגן און נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס אַרום איר טוט זיך. אין צימער איז געווען ליכטיק, ליכטיקער ווי אַלע מאָל. אַ חוץ דעם לעמפּל, וואָס ברענט אַלע נאַכט, האָט נאָך געברענט דער גרויסער עלעקטריק לאָמפּ אויפן טיש, דעם לאָמפּ וואָס די מאַמע צינדט אָן בלויז ווען געסט קומען.

יונג לעבן

און די מאַמע איז געשטאַנען ביים בעט און געלאַכט:

— ביסט אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן אָוונט, קלערי מיין קינד, — האָט זי געזאָגט מיט עפּעס אַזאַ ווייכער, יום־טובדיקער שטימע — האָסט אַפילו ניט געהערט ווען איך בין אַהיימגעקומען. האָסט נאָך עפּעס פאַרפעלט!

— האָט זי געקוקט קלערעסן אין די אויגן.

קלערעס האָט ברייט פאַנאַנדערגעריסן אירע אייגעלעך, געקוקט אויף איר מאַמעס פריילעך פּנים און זיך דערמאָנט: „מיר וועלן דערהערן טריט. איך וועל פרעגן, ווער קומט עס?"

— מאַמע! — האָט זי אַ קוויטש געטאָן — דער פאַ! ער איז געקו־מען!

זי האָט אַ זוך געטאָן איבערן צימער און טאַקע דערזען איר טאַטן. ער איז בכיוון געשטאַנען אָן אַ זייט, זי זאָל אים גלייך ניט דערזען. אַזאַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, איז ער געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיין קליין טעכטערל.

— ביסט איבער נאַכט אויסגעוואַקסן, קלערי, — האָט ער איר גע־גלעט איבער די הערלעך.

די מאַמע האָט געלאַכט הויך און פריילעך, אַזוי לאַכן האָט קלערעס זי נאָך קיינמאָל ניט געהערט. אויך איר אַליין איז נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געווען, סיידן גאָר אַמאָל, ווען דער טאַטע פלעגט ניט דאַרפן אַוועק־פאָרן, און זי האָט ניט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף מרס. קריינימעס קינד. זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן מרס. קריינים. אַ שרעק האָט פאַר־דריקט איר העלדזל.

— מרס. קריינים — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן, — מרס. קריינים וועט דאָ באַלד קומען צופאָרן . . .

איר מאַמע האָט מיט פאַריבל אויסגעשטעלט אַ ליפּ:

— יאָ, זי איז דאָ געווען. אַזאַ העזה! מיר טאָרן גאָר ניט הנאה האָבן פון אַ יום־טוב!

— ביי דיין מאַמען איז שוין רעכט געוואָרן, ווייל זי האָט צוגעזאָגט 50 סענט — האָט איר טאַטע פאַרמסרט דער מאַמען. — איך אָבער האָב געזאָגט, אַז איך בין איין מאָל געקומען אויף יום־טוב אַהיים, ווייל איך מיין קינד זאָל זיין מיט מיר!

— טאַקע אמת, — האָט מרס. העדזשעס אַ פאַרשולדיקטע געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ביי מיר איז שוין רעכט געווען, פאַר 50 סענט, איז שוין ביי מיר רעכט געווען . . .

פּעסי באָך

קלערעס האָט געקוקט אויף איר טאַטע־מאַמען און גאָרניט געקאָנט זיך גלויבן, אַז זיי מיינען עס. אפשר חלומט זיך איר דאָס אַלץ? האָט זי זיך געקניפּט אין די הענטלעך. אַ סך מאָל האָט שוין פּאַסירט, אַז איר פלעגט זיך חלומען גוטע, פריילעכע זאַכן, און זי פלעגט זיך אויפכאַפּן אין אַ קאַלטער הויז, מיט אַן אומעטיקער פאַרזאָרגטער מאַמען. קלערעסן האָט עס אָבער ניט געאַרט. זאָל עס זיין אַ חלום, אַבי ס'איז אַזאַ גוטער, פריי־לעכער חלום, אַ חלום פון האָבן דעם טאַטן לעבן זיך און פון ניט דאַרפן גיין מאָרגן צו דער מרס. קריייניס.

ניו־יאָרק, 1941.

אַ שפּיל אַזאַ

גאָר אונטן ביים וואַסער האָבן זיך די בחורים און מיידלעך פאַרקליבן, אויף די פון זון־אָנגעברענטע שטיינער זיך צעזעצט. אַנדערע האָבן קליי־נע שטיינדלעך געזוכט, אין וואַסער געוואָרפן, און דערנאָך געציילט, ווי־פיל רעדלעך דאָס שטיינדל מאַכט.

נאָר ווען די זון האָט אויף יענער זייט וואַסער גענומען זיך אַראָפּ־לאָזן, איבערלאָזנדיק אויף דער זייט אַ געלבלעך רויטן פּאַס, זיינען זיי זיך אַלע צונויפגעלאָפן אויף איין ברייטן שטיין, מ׳האָט זיך טומלדיק צעזעצט און אַ געזאַנג האָט זיך צעטראָגן אַרום. ווייט אָפּגעהילכט איבער די שטיינער און זיך פאַרקייקלט אין וואַסער.

אומבאַמערקט און לאַנגזאַם האָבן ברייטע שאָטנס פון צווישן די בוי־מער, פון אונטער די שטיינער זיך אַרויסגערוקט. לאַנגזאַם געפּויזעט צום שטיין, וואו די בחורים און מיידלעך זיינען געזעסן. דאָס וואַסער איז שוואַרץ געוואָרן. אומרואיקער האָבן זיך די כוואַליעס אָן ברעג געשלאָגן, און די בחורים און מיידלעך האָבן זיך נעענטער געטוליעט. דאָס זינגען האָט אויפגעהערט. מיידלעך האָבן פאַרלייגט די קעפּ אויף די שויסן פון די בחורים און וואַרעמע, ציטערנדיקע הענט האָבן מיידלשע העלדזער געגלעט. פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ פאַרדריסלעכע שטימע:

— רבקה וועט נאָך אונדז אַלעמען אַראָפּוואַרפן! . . . זי קען ניט איינזיצן רואיק . . .

און אין דער פינצטער האָט מען געענטפערט:

— מילטאָן זיצט דאָך לעבן איר, זאָל ער זי האַלטן אַרומגענומען, וועט זי שוין מוזן זיצן רואיק . . .

ס׳האָט זיך דערהערט רבקהס שטיל לאַכן. ס׳איז איר געווען פריי־לעך, האָט זי ניט געקענט איינזיצן רואיק. ס׳האָט זיך איר געוואָלט שפּרינ־גען איבער די שטיינער, שרייען הויך אויף אַ קול. זי האָט אַלעמען גע־שטופּט און געוואָלט, מ׳זאָל זי שטופּן אויף צוריק. ס׳האָט זי פאַרדראָסן; אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי געווען אַזוינע פריילעכע, זיצן זיי איצט שטילע, מיט פאַרגלאָצטע אויגן און קיינער וויל מיט איר ניט שטיפן און ניט רעדן. איז רבקהן געוואָרן אומעטיק און קאַלט. ס׳האָט זיך איר געוואָלט צו אַי־מעצן זיך צורוקן, אָן אימעצן זיך אָנוואַרעמען. מילטאָן האָט באַמערקט, אַז זי איז געבליבן זיצן שטיל, האָט ער פאַרזיכטיק זיך צו איר צוגערוקט,

אַראָפּגעצויגן איר קאָפּ צו זיך און געזוכט אירע ליפּן. רבקה האָט דער־זען זיין פּנים. זיינע אויגן האָבן אויסגעקוקט שפּיציק און אים מיאוס געמאַכט. זי האָט זיך געגעבן אַ ריס פון אים:

— העי! קינדער, מילטאָן ווערט ראָמאַנטיש! . . . ער וויל מיך קושן! . . .

ס'האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער און די שטילקייט האָט געפּלאַצט. די מיידלעך האָבן זיך אויסגעגלייכט און די פאַרכישופטקייט איז צערונען. ווען אַלע האָבן גענומען קלעטערן אַרויף איז שוין געווען גוט פינצטער. מ'האָט זיך אָנגעהאַלטן איינער אָן צווייטן און אַלעמען האָט זיך רק גע־דאַכט, אַז אימעצער איז נאָך געבליבן אונטן. אינדערהויך, אויפן באַרג, איז געווען ליכטיק פון די עלעקטרישע לאָמפּן ביי די ברעגן. רבקה האָט אַ קוק געטאָן אויף מילטאָנען; ער האָט אויסגעקוקט אומעטיק און פאַר־שעמט. אָן אַ זייט איז געשטאַנען בערל אַ בייזער און רבקה האָט גע־וואוסט, אַז דאָס איז ער בייז אויף איר. וואָס וויל ע ר ? וואָס איז ע ר אין כעס? זי איז צוגעגאַנגען צו אים:

— האַלאָ, בערל.

בערל האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט:

— האַלאָ . . .

— בערל, נעמט מיך אַהיים, — האָט זי פאַרצויגן די ליפּן.

בערל האָט ניט געקענט פאַרגעסן ווי זי האָט מיט אַ ווילדע פריער אָפּגעלאַכט פון מילטאָנען, האָט ער אַ ברוגזער געזאָגט:

— אומזיסט, רבקה, איך בין ניט מילטאָן . . . געדענקט עס.

רבקה האָט געקוקט אויף אים. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט שוין אַ סך מאָל געזאָגט, אַז זי, רבקה, איז אַ פלירט, אַז מ'קען מיט איר קיין ערנסטן וואָרט ניט אויסרעדן.

— דאָס פאַרדריסט אים פאַר מילטאָנען, האָט זי געטראַכט, — אויב אַזוי וועט זי אים ווייזן, אַז מילטאָנען אַליין אַרט נישט:

— מילטאָן, — איז זי צוגעגאַנגען צו אים, — איר ווילט מיך אָפּ־פירן אַהיים? ס'ווערט שוין שפּעט.

מילטאָן האָט זיך דערפרייט. ער האָט זיך צעשמייכלט און גענומען איר אָרעם, און רבקה האָט גלייך חרטה געקראָגן. זי האָט אַ טראַכט גע־טאָן, אַז זי וואָלט באַדאַרפט דאָ אַלעמען איבערלאָזן און גיין אַליין אַהיים. זי האָט אָבער געשוויגן און זיך געלאָזט פון אים אַהיים פירן. זיצנדיק לעבן אים אין זיין מאַשין, האָט זי געטראַכט וועגן בערלען. אָט אַזוי איז שוין מיט איר אַלעמאָל; ווען זי איז מיט מילטאָנען, טראַכט זי וועגן בער־

לען, פאַרגלייכט זי זי ביידן. בערל איז הויך און דאַר, מיט אַ לענגלעך פּנים און קלאָרע, ליכטיק בלויע אויגן. זיינע האָר, ליכטיק און קורץ געשאָרן. ווען ער שמייכלט, ווערן זיינע אויגן קליין און אַ סך קליינע קנייטשעלעך לייגן זיך אויס אַרום זיין מויל. איר מאַמע זאָגט, אַז ער קוקט ניט אויס יידיש. אָבער זי ווייסט, אַז איר טאַטן געפעלט ער יע. איר טאַטע זאָגט, אַז ער קוקט אויס צו זיין אַ קלוגער און אַ געלערנטער. איר טאַטע האַלט פון געלערנטע מענטשן. אָבער איר מאַמען געפעלט בעסער מילטאָן. מילטאָן איז אויך אַ הויכער, אָבער מיט ברייטע געזונטע פּלייצעס, מיט אַ טונקל, געזונטן קאָליר אין די באַקן. „ער איז אַ געזעצטער מענטש", — זאָגט איר מאַמע וועגן אים, — „ער איז אַן ערנסטער, אַ גרויסער פאַרדינער". און רבקה ווייסט, אַז איר מאַמע ווינטשט זיך, זי זאָל חתונה האָבן מיט אים.

ווען דער מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן רבקהס הויז, איז די גאַס געווען פינצטער און ליידיק. רבקה האָט גלייך געוואָלט אַריין אין הויז, האָט מילטאָן געזאָגט:

— רבקה, וואָס איילט איר זיך? ס'איז ניט אַזוי שפּעט. זיצט מיט מיר אַ ביסל . . .

רבקה האָט ניט געהאַט קיין חשק. זי איז געווען אין כעס אויף זיך אַליין. טאַקע, וואָס פאַרדרייט זי אים אַ קאָפּ, אַז איר איז אַזוי אומעטיק מיט אים? זי האָט אָבער דערפילט, אַז ער איז זייער אומרואיק, אַז זיין שטימע האָט אַ ציטער געטאָן. ס'איז איר איינגעפאַלן: אפשר וויל ער זיך דערקלערן אין ליבע? זי האָט גלייך פאַרגעסן, אַז זי איז מיד, אַז מיט אַ ווײַלע פריער האָט זי גאָר געטראַכט וועגן בערלען. זי האָט אַ פריילעכע זיך אַראָפּגעזעצט אויף די טרעפּלעך פון הויז און אַרויפגעקוקט צו אים:

— יע, מילטאָן? וואָס ווילט איר מיט מיר רעדן?

מילטאָן איז געבליבן שטיין אַנטקעגן איר. זיין שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפן טראָטואַר. אין דער פינצטער האָט ער אויסגעקוקט העכער און ברייטער און אויסגעקוקט ווי אַ פרעמדער. זי האָט געוואַרט ער זאָל עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט געשוויגן. געקוקט אויף איר און געשוויגן. איז רבקהן מיאוס געוואָרן דאָס וואַרטן:

— מילטאָן, וואָס שווייגט איר? ס'ווערט דאָך מיר אומעטיק.

מילטאָן האָט אַ שווערער זיך אַראָפּגעזעצט לעבן איר אויפן טרעפּל. זיך צוגערוקט זייער נאָענט צו איר און רבקה האָט דערזען זיין פּנים. זיינע אויגן האָבן אויסגעקוקט גרעסער ווי אַלעמאָל. דאָס מויל האָט ער

פעסי באך

געהאַלטן אַביסל פאַרקרימט, ווי ער וואָלט געשמייכלט מיט אַ האַלב מויל. זיינע הענט האָט ער ניט געהאַט וואו אַהין צו טאָן. רבקה האָט זיך דער־שראָקן:

... ער איז דאָך ערנסט ... האָט איר דורכגעבליצט אין קאָפּ. וואָס זאָל זי איצט טאָן? זי האָט גענומען זיין האַנט. זיינע פינגער זיינען גע־ווען קאַלט.

— מילטאָן, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן, — שוויגט שוין בע־סער ... זאָגט גאָרנישט ... לאָמיר בלייבן אַזוי גוטע פריינט .. גוט? מילטאָן, איר זייט אין כעס אויף מיר?

מילטאָן האָט אַרויסגעצויגן זיין האַנט פון אירער. ער האָט אַ ווייל געשוויגן און דערנאָך געזאָגט מיט אַ הייזעריקער שטימע:

— ניין, כ'בין ניט אין כעס. ס'פאַרדריסט מיך בלויז, וואָס איך בין אַזאַ נאַר ... וואָס איך מיין, אַז איר זייט ערנסט. כ'בין ניט קלוג גענוג פאַר אייך ... דאָס אַליץ.

רבקה האָט געשוויגן. זי האָט געוואוסט, אַז ס'איז איר שולד. וואָס איז זי געבליבן זיצן מיט אים? וואָס קען זי אים זאָגן, אַז זי האָט גאָר איצט געטראַכט וועגן בערלען, זיך געוואונטשן, הלוואַי וואָלט עס בערל דאָ איצט געזעסן מיט איר?

מילטאָן האָט זיך אויפגעהויבן:

— איך ווייס, אַז בערל געפעלט אייך בעסער. — האָט ער געזאָגט, פונקט ווי ער וואָלט געוואוסט וועגן וואָס זי האָט געטראַכט. — איך בין ניט אַזאַ אינטעליגענט ווי ער. — האָט ער דאָ געוואָלט אַריינזאָגן בער־לען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז בערל וויל ניט ליידן, וואָס מ'רופט אים „אינטעליגענט". — איך בין אָבער זיכער, אַז ווען איר געוואוינט זיך צו צו מיר, ווען איר קענט מיך אַביסל בעסער, וואָלט איך אייך אויך געפעלן. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך געפעל אייך יע ... אַט האָט איר אין פאַרק געבעטן מ י ך, כ'זאָל אייך אַהיים פירן ... איר האָט אויסגעזע־קוקט אַזוי פריילעך, אַזוי צופרידן, האָב איך געמיינט ... רבקה, — האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, — מיר דאַכט, אַז איר הערט אַפילו ניט וואָס איך רעד צו אייך! ...

רבקה האָט זיך טאַקע ניט צוגעהערט. זי איז געזעסן און געטראַכט, אַז מילטאָן האָט זי ליב, אַז ער וויל עס איר איצט זאָגן, און זי? גאָרנישט. זי קען אַפילו ניט ווערן געריַרט. זי האָט געקוקט אויף אים און ס'איז איר איינגעפאַלן: וואָס וואָלט בערל געטאָן, אויב ער וואָלט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט זי ליב? ס'האָט איר גלייך פאַרדראָסן. ווער ווייסט, מיט

יונג לעבן

וועמען ער פאַרבערענגט איצט? אַוודאי טראַכט ער אַפילו ניט פון איר. אים אויף צו־להכעיס, וועט זי איצט זיין גוט צו מילטאָן. זי האָט זיך אויפגעהויבן:

— מילטאָן, — האָט זי גענומען זיין האַנט, געוואָלט אים זאָגן עפּעס, וואָס זאָל אים דערפרייען און נישט געוואוסט וואָס. זי האָט אָבער דער־פילט, אַז מילטאָן דריקט איר האַנט ביז ווייטיק, אַז ער האָט צוגערוקט זיין פּנים אַזוי נאָענט צו אירן, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט ער זי אַ קוש טאָן. רבקה האָט אַ דערשראָקענע גענומען ציען איר האַנט פון אים. אָבער מילטאָן האָט זי געצויגן צו זיך און מיט פרייד געזאָגט:

— רבקהלע, טייערינקע, איך האָב אָבער געוואוסט, אַז איר האָט מיך ליב... מ י ך, ניט בערלען!...

רבקה האָט ניט געקענט דאָס מויל עפענען. זיין אָטעם האָט איר געבריט. זיינע אויגן זיינען אַזוי נאָענט געווען צו איר פּנים, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע צוויי אויגן וועלן איינגאַנצן אַריינקריכן אין איר. זי האָט דערפילט ווי עפּעס אַ נאַסע, קאַלטע שטיקל פלייש איבער אירע ליפּן. זי האָט נישט געפילט דעם טעם פון אַ קוש, נאָר ווי מ׳וואָלט זי מיט עפּעס געשמירט איבער די ליפּן. זי האָט זיך פון אים אַ ריס געטאָן. ס׳האָט איר אַזש אָטעם פאַרפעלט:

— מילטאָן!... אַזאַ העזה!...

מילטאָן איז געבליבן שטיין אַנטקעגן איר מיט צעשפּרייטע הענט. זיין פּנים איז געווען פאַרוואונדערט ס׳האָט אויסגעקוקט, אַז ער האָט זיך געוואונדערט וואָס רבקה איז אין כעס, אַז וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן. ער האָט זיך אַזש געווישט דעם פּנים.

— רבקהלע... איצט ווייס איך, אַז איר האָט מיך ליב. איר וועט מיך שוין מער ניט אָפּנאַרן...

רבקה האָט שטיל געזאָגט:

— גייט אַהיים..

מילטאָן האָט צו ערשט געמיינט, אַז ער האָט איר נישט גוט געהערט, אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זי מיינט עס, אַז זי וויל ער זאָל אַוועק, האָט ער זיך דערפילט געטראָפן, אָבער ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— כ׳וועל איצט גיין. אָבער כ׳וועל קומען מאָרגן. כ׳וועל שוין איצט קומען אַלע טאָג...

רבקה האָט אַ פאַרלאָרענע זיך אַראָפּגעזעצט אויף די טרעפּלעך. וואָס טוט מען? האָט זי אַ טראַכט געטאָן. ער וועט מיר שוין איצט ניט גלויבן. ער׳ט מיינען, אַז ביי מיר איז עס אַ שפּאַס אַזאַ. מאָרגן. האָט זי זיך

אנגעכאַפּט אַן דעם געדאַנק. — מאָרגן וועל איך אים דערקלערן, אַז איך האָב אים נישט ליב, אַז איך וועל קיינמאָל מיט אים ניט חתונה האָבן.

— גוט. — האָט זי געזאָגט, ווי מ׳רעדט צו אַ קינד. — מאָרגן וועלן מיר זיך דורכרעדן.

מילטאָן האָט געקוקט אויף איר. ס׳האָט זיך אים זייער געוואָלט איר אַרומנעמען, אַ קוש טאָן, אָבער רבקה האָט נישט געקוקט אויף אים. זי וועט זיך שוין צו מיר צוגעוואוינען, האָט ער געטראַכט וועגן די קומענ־דיקע אָוונטן. ווען ער איז אַוועק, האָט רבקה אים נאָכגעקוקט:

. . . קוקט נאָר אָן מיין חתן . . . האָט זי זיך געקרימט. אַז זי האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט זי שוין אינגאַנצן מער וועגן אים ניט געטראַכט.

פון יענעם אָוונט אָן האָט רבקה געפילט, אַז זי איז דאָ פאַרדרייט געוואָרן אין עפּעס אַ פּלאָנטער און וואָס מער זי וויל זיך אַרויסדרייען, אַלץ מער ווערט זי פאַרפּלאָנטערט. מילטאָן האָט גענומען אַריינקומען אַלע אָוונט און זיך גענומען אויפפירן ווי איר חתן. איר מאַמע האָט אים גע־נומען איינלאַדן צום טיש און אים מקריב זיין. אויף רבקהן האָט זי גע־קוקט מיט נחתדיקע אויגן, אָבער זי האָט געוואָרט, אַז רבקה זאָל איר אַליין דערציילן. איר טאַטע האָט אויך געשוויגן, אָבער רבקה האָט געוואוסט, אַז ער קוקט זי זייטיק אָן. — מיין טאַטע איז דער איינציקער, וואָס גלויבט ניט, אַז איך וועל מיט אים חתונה האָבן. אפילו בערל האָט שוין אויך גע־נומען גלויבן, אַז אָט־אָט וועט זיין אַ חתונה. ער איז איין אָן אָוונט געקומען, צוגעזעסן אַ ווילע און פאַרן אַוועקגיין געזאָגט:

— ווייזט אויס, רבקה, אַז איר האָט טאַקע מורא געהאַט צו פאַר־בלייבן אַן אַלטע מיידל . . . — האָט ער מיט אַזאַ חוזק זי אָנגעקוקט. און רבקה האָט דאַן אים אַזוי פיינט געקראָגן, אַז זי האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי זי האָט גאָר ווען געטראַכט, אַז זי האָט אים ליב. זי ווייסט, אַז ער וואָלט איר קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז יעדעס מאָל, וואָס מילטאָן קומט, דערקלערט זי אים, אַז ער האָט זי שלעכט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט קיינ־מאָל מיט אים ניט חתונה האָבן, אַז וואָס האָט ער זיך גענומען איינרעדן, אַז ער איז איר חתן? זאָל ער זיך בעסער ניט מאַכן נאַריש. אויף דעם שמייכלט ער גוטמוטיק:

— איך קען דיך שוין, רבקהלע, איך ווייס שוין, אַז דאָס איז דיין אופן פון ליב האָבן מיך. אָבער מיר אַרט עס ניט . . . דו וועסט זיך בייטן . . .

רבקה איז געוואָרן פאַרצווייפלט. זי וועט דאָך מיט אים ניט חתונה האָבן בלויז צוליב דעם, וואָס ער רעדט זיך איין. זי האָט אים פאַרווערט צו קומען. ער איז אָבער יע געקומען. האָט זי אַנגעזאָגט איר מאַמען:

יונג לעבן

— מאַמע, הער אויף אים צו באַהאַנדלען ווי אַ חתן. איך וועל מיט אים סיי־ווי ניט חתונה האָבן! אפשר וועט ער צו דיר זיך צוהערן!...

איר מאַמע, פונקט ווי מילטאָן, האָט איר ניט גענומען ערנסט:

— מילא, נו, — האָט זי געזאָגט גלייכגילטיק, — איר האָט דאָך מסתמא זיך שוין אָפּגערעדט.

— מאַמע! — האָט רבקה אַ געשריי געטאָן. — מיר האָבן זיך גאָר־נישט אָפּגערעדט! אַזוי האָט זיך מילטאָן איינגערעדט!... איך האָב אים גאָרנישט צוגעזאָגט. איך האָב אים פיינט! דו הערסט? איך האָב אים פיינט!...

— שאַ, וואָס שרייסטו אַזוי? — האָט איר מאַמע גענומען פאַרשטיין, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַזוי גלאַטיק, אַז אומזיסט גייט מילטאָן אַרום אַלע־מען דערציילן, אַז רבקה איז זיין כלה. — איז וועסטו מיט אים ניט חתונה האָבן... וועסטו קריגן אַן אַנדער בחור. דעם טאַטן געפעלט ער סיי־ווי ניט. — האָט זי שוין איר אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז דער טאַטע איז ניט געווען צופרידן מיטן שידוך.

רבקה האָט זיך דערפרייט:

— זעסט! מאַמעלע, — האָט זי זיך גענומען ביי איר בעטן, — העלף מיך פון אים פּטור ווערן... אַז ער מיינט גאָר, אַז איך בין אין אים פאַרליבט! ער מיינט גאָר, אַז ביי מיר איז עס אַ שפּיל אַזאַ...

— מסתמא האָסטו אים געגעבן דעם קאָפּ פאַרדרייט. זאָג אים, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אים פיינט, — האָט זי איר געעצהט.

אָבער רבקה האָט עפּעס אַנדערש געטאָן. אויף מאָרגן, ווען מילטאָן איז געקומען, געזעצט זיך אויף זיין שטענדיקן שטול, געדולדיק געוואַרט רבקה זאָל נעמען מיט אים רעדן, האָט זי צו אים אַ פרייליכע אַ זאָג גע־טאָן:

— איר ווייסט, מילטאָן, ס'קומט מיר אַ מזל־טוב! איך גיי חתונה האָבן מיט בערלען!... ער וויל טאַקע ניט ליידן וואָס איר קומט אַהער. ער וועט דאָ באַלד זיין...

זי האָט געוואוסט, אַז ווען בערל ווייסט וועגן דעם, וואָלט ער זי קיינמאָל ניט מוחל געווען. ער וואָלט עס זייער ניט געוואָלט ליידן, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט העלפן. מילטאָן איז אויפגעשפּרונגען. ער איז געוואָרן אַזוי בלייך, ווי עפּעס וואָלט זיך ביי אים אין האַרצן אָפּגע־ריסן. ער האָט געקוקט אויף רבקהן און נישט געקענט גלויבן, אַז זי מיינט עס. ער האָט געקוקט אויף איר און פאַרשטאַנען, אַז ער מעג שוין גיין. אַפילו אויב ס'איז ניט אמת מיט בערלען, מעג ער שוין סיי־ווי גיין.

ער האָט נאָך צוגעוואָרט אַ ווײַלע און אָן אַ וואָרט צו רעדן, אַרויס. רבקה האָט אַזש פון פרייד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— ... ענדלעך האָט זי געפונען דעם ריכטיקן וואָרט! איצט וועט ער שוין מער ניט קומען! זי האָט דערפילט ווי אַ שווערע משא וואָלט איר אַראָפּגעפאַלן פון די פּלייצעס. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון סוף.

וואָכן שפּעטער איז רבקה געזעסן ביי איר הויז און געוואַרט אויף בערלען. ער האָט גאַרנישט געזאָגט וועגן קומען, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט יע קומען. זי ווייסט ניט ווער ס'האָט אים דערציילט, אַז מילטאָן האָט אויפגעהערט צו קומען, נאָר איין פאַרנאַכט ווען זי איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי געפונען בערלען זיצן אין קיך מיט איר טאַטן. זיי זיינען געזעסן און היימיש געשמועסט, ווי ער וואָלט גאָר ניט געקומען צו איר. זי האָט געהאַפּט, אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי פאַרפלאַמט זי איז געוואָרן. בערל האָט צו איר אַ פאַרשעמטן שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. שפּעטער צו, ווען ער איז אַרויס מיט איר זיצן אויף דער וואַראַנדע, האָט ער אויך גאַרנישט געזאָגט. בלויז צו איר געשמייכלט מיט יענעם שמייכל, וואָס האָט ווי באַלויכטן זיין פּנים און אים געמאַכט אויסקוקן שיין. ער איז פאַרבליבן זיצן ביז שפּעט. וועגן מילטאָנען האָבן זיי ביידע ניט גערעדט. ערשט פאַרן אַוועקגיין, האָט ער אַזוי ווי פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן:

— האָט נישט מורא, אַז איך וועל אייך נעמען ערנסט. און סיי־ווי, מיט מיר קענט איר זיך ניט אַרומשפּילן ...

רבקה האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער זי געבן אַ וואָרענונג. הייסט עס, אַז ער דענקט, אַז זי האָט זיך אַרומגעשפּילט מיט מילטאָנען. האָט זי געענטפערט:

— אַוודאי. איר זענט ניט אַזאַ נאַר, איר וועט זיך ניט איינרעדן, אַז ווען איך וועל אייך נעמען ביים האַנט, וועט איר מיינען, אַז איך גיי שוין מיט אייך חתונה האָבן ... אָבער שמייכלען מעג איך צו אייך? — האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. — אַניט וועט מיר דאָך זיין אומעטיק מיט אייך.

בערל האָט געוואָלט אָנהאַלטן זיין ערנסטע מינע, אָבער ער האָט זיך פאַרט צעשמייכלט:

— יע, איר מעגט צו מיר שמייכלען. און פּרובירט אַמאָל מיר אָננעמען ביים האַנט, וועלן מיר זען, וואָס ס'וועט פּאַסירן ...

יונג לעבן

זינט יענעם אָוונט האָט ער גענומען צוריקקומען ווי פריער. איר מאַמע האָט געזאָגט:

— נו, אָט זעסטו, אָט איז שוין בערל צוריקגעקומען! — האָט רבקה פאַרשטאַנען, אַז איר מאַמע האָט זיך געזאָרגט, זי זאָל נישט בלייבן אָן אַ בחור.

ווען בערל איז געקומען האָט זיך רבקה דערפרייט מיט אים. בערל האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר. ער האָט פאַרוויכערט אַ סיגאַרעטל:

— איך האָב נאָר וואָס געזען מילטאָנען...

רבקה האָט אויף אים פלינק אַ קוק געטאָן:

— יע? וואָס מאַכט ער?

— ער האָט אַפילו אויף איך זיך ניט נאָכגעפרעגט. רבקה, אייער ראָמאַן איז נישט דערשפּילט געוואָרן. איר זייט אויס העלד...

רבקה האָט אויף אים געקוקט. ניט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל:

בערל איז געוואָרן עפּעס בייז:

— מילטאָן האָט אייך געמוזט אַביסל איבערראַשן. איר האָט זיך מסתמא פאַרמאָסטן צו דערפירן אייער ראָמאַן ביז שונד. ברענגען דעם אומגליקלעכן בחור זיך צו הענגען, אָדער שיסן... און דאָ איז גאָר דער בחור אַליין אַוועק!...

רבקה האָט פאַרשטאַנען, אַז מילטאָן האָט אים ניט דערציילט וואָס זי האָט געזאָגט וועגן אים. ס'האָט איר פאַרדראָסן אויף בערלען: וואָס וויל ער? וואָס זוכט ער זיך אַרום? האָט זי אַ רואיקע געזאָגט:

— אמת, ער איז טאַקע אַליין אַוועק. נאָר איר ווייסט ווען? נאָכדעם ווי איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל גאָר חתונה האָבן מיט אייך!... איר'ט מיר אַנטשולדיקן אַזאַ ליגן, אָבער איך האָב אַנדערש ניט געקענט פון אים פּטור ווערן.

בערל האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט. אַ טונקעלע רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים. ער האָט געקוקט אויף רבקהן מיט אַזוינע אויגן, ווי ער וואָלט גאָר ניט געקענט פאַרשטיין, ווי זי האָט געקענט זאָגן אַזאַ זאַך:

— רבקה, איר האָט אַ סך חוצפּה! ווי האָט איר געוואַגט מיר אַריינצושלעפּן אין אייער שטיק! איר זייט אומפאַראַנטוואָרטלעך. וואָס ווילט איר, איך זאָל זיך אויך איינרעדן, אַז איר זייט מיין כלה? — האָט ער שוין אַ רואיקער געפרעגט. און רבקהן האָט זיך געדאַכט, אַז ער

איז גאָר נישט אַזוי שטאַרק אין כעס, וואָס זי האָט אים אַריינגעשלעפּט. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין זיינע אויגן טוקן זיך פּייערלעך, ווי ער וואָלט זיך איינגעהאַלטן פון לאַכן. אויב אַזוי האָט זי אים פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— אָבער איר האָט דאָך מיך ליב, ניט אמת?

בערל האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין סיגאַרעטל:

— איך וועל עס אייך קיינמאָל נישט זאָגן. און סיי־ווי, האָב איך בלויז ליב אייער שטיפערישקייט, אייער לייכטזיניקייט, אָבער נישט אייך אַליין. און וועגן חתונה האָבן מיט אייך, טראַכט איך נאָך אַפילו ניט . . .

רבקה איז געבליבן זיצן אַ שטילע, אָן איינגעקאָרטשעטע. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס׳איז איר קאַלט, כאָטש אין דרויסן איז געווען אַ היץ. זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט איינרעדן, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. און ער וועט קיינמאָל ניט וויסן, ווי ער האָט זי איצט וויי געטאָן. זי האָט זיך אויפגעהויבן:

— איר ווייסט, בערל, ס׳איז גוט וואָס איר האָט עס מיר איצט געזאָגט, אַניט וואָלט איך זיך נאָך איינגערעדט, אַז איך האָב אייך ליב . . . כ׳וואָלט נאָך אַמאָל געקראָגן חשק צו פּאַרוואַרפן מיינע הענט אַרום אייער האַלדז און אייך קושן . . . פאַרשטייט זיך, איצט טראַכט איך עס ניט צו טאָן . . . — האָט זי געלאַכט און געהאַפּט, אַז ער וועט ניט באַמערקן ווי אירע אויגן זיינען פאַרצויגן געוואָרן מיט טרערן.

בערל האָט געקוקט אויף איר מיט וואונדער:

— . . . צום טייוול, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — ווי אַזוי ווייסט מען ווען זי איז ערנסט? אפשר האָט זי מיך טאַקע ליב? און טאַקע געוואָלט פאַרוואַרפן אירע הענט אַרום מיין האַלדז? — איז אים אַזש הייס געוואָרן. ער האָט פּרובירט אַ שמייכל טאָן:

— אָבער ווי אַזוי קען מען ביי אייך דערגיין דעם אמת? ווען הערט איר אויף צו שפּאַסן און הויבט אָן ווערן ערנסט?

— איצט בין איך זייער ערנסט. אָט קוק איך אויף אייך און וואונדער זיך, וואָס איך האָב אַלע מאָל געמיינט, אַז איך האָב אייך ליב! . . . גייט בעסער איצט אַוועק, בערל, אַניט וועלן מיר זיך נאָך צעקריגן . . . — האָט זי צו הויך געלאַכט.

בערל האָט ניט געוואָלט אַוועק. ער האָט איר ניט געגלויבט, אַז זי מיינט עס. צי דען ווייסט זי טאַקע ניט, ווי ליב ער האָט זי? ווי שטאַרק ס׳האָט אים וויי געטאָן, ווען ער האָט געמיינט, אַז זי וועט חתונה

האָבן מיט מילטאָנען? רבקה האָט שוין אָבער מער ניט געוואָלט קוקן אויף אים. זי האָט געוואָרט ער זאָל אַוועק.

בערל האָט געפרעגט:

— איר ווילט איך זאָל טאַקע גיין?

רבקה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט מורא געהאַט, אַז ווען זי וועט זאָגן עפּעס, וועט זיין ניט דאָס, וואָס זי וויל זאָגן.

בערל איז אַראָפּ די טרעפּלעך. רבקה האָט אים נאָכגעקוקט. ווען ער איז שוין געווען ביים ווינקל גאַס און זי האָט געוואוסט, אַז אָט באַלד וועט זי אים מער ניט זען, האָט זי אים פּלוצלונג אַ רוף געטאָן. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענעם קול.

— בערל! — האָט זיין נאָמען אַ קלונג געטאָן איבער דער גאַנצער גאַס.

בערל איז געבליבן שטיין. ער האָט אַ ווײַלע זיך צוגעהערט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין זיכער, אַז זי האָט אים טאַקע גערופן. ער האָט דערנאָך אַ שמייכל געטאָן און גענומען גיין פּאַוואָליע אויף צוריק.

רבקה האָט געקוקט ווי ער קומט, ווי זיין לאַנגער שאָטן שפּרייט זיך פאַראויס פון אים.

— בערל! — האָט זי שוין אַ זאָג געטאָן שטילער און געפילט ווי אַ פרייד צעגיסט זיך איבער איר גאַנצן קערפּער. זי האָט זיך אַראָפּגע־זעצט אויף די אונטערשטע טרעפּלעך, געמאַכט פּלאַץ פאַר אים און אַ טראַכט געטאָן, אַז איר טאַטע וועט זיין זייער צופרידן ווען זי וועט אים זאָגן, אַז זי וועט חתונה האָבן מיט בערלען.

אַ „בלעק־אַוט"

די פרויען אין די בעטן האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז ביי טאָג נאָך האָט די נוירס זיי אָנגעזאָגט, אַז 9 אַזייגער ביינאַכט וועט איבערן גאַנצן שפּיטאָל פאַרקומען אַ „בלעק־אַוט".

זיי האָבן וועגן דעם פאַרגעסן, ווייל אַ גאַנצן טאָג האָט די זון אַזוי ליכטיק אַריינגעשיינט דורך די ברייטע פענצטער; געשפּרייט פאַסן זון איבערן צימער, זיך צעלייגט איבער קלאָר ווייסע קאָלדרעס אויף די בעטן און געזשמורעט מידע, פאַראומערטע אויגן. ערשט פאַרנאַכט, ווען מ'האָט גענומען פאַרציען די פענצטער, האָבן די קראַנקע אין די בעטן זיך דערמאָנט אָן דעם. נייגעריקע שטימען האָבן זיך דערהערט פון אַלע זייטן:

— העי, אַ „בלעק־אַוט"!

— היינט ביינאַכט אַ „בלעק־אַוט"! האָסט פאַרגעסן?

— זע נאָר, מיר האָבן דאָך גאָר פאַרגעסן!

— מיר האָבן דאָך אויף עפּעס צו וואַרטן . . .

אַ „בלעק־אַוט"! האָט מען שוין שפּעטער־צו זיך אויך דערוואוסט אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון דעם גרויסן צימער, דאָרט וואו די ערנסטע קראַנקע ליגן.

— מירן בלייבן אין דער פינצטער . . . — האָט אַ קראַנקע גענומען דרייען מיטן קאָפּ. — מיר איז אַזוי שלעכט . . . און מירן בלייבן אין דער פינצטער . . .

— יע . . . — האָבן פיבערדיקע אויגן צעשראָקן געקוקט, אומרואיק געזוכט די נוירס — וואָס וועט עס זיין מיט אונדז, אַז ס'וועט ווערן פינצטער? . . .

מיס דאָרן, די נוירס, אַזאַ יונגע, אַ ציכטיקע, אַ שיין־פאַרקעמטע אונטער איר ווייס הייבעלע, איז זיך אַ רואיקע אַרומגעגאַנגען צווישן די בעטן. זי האָט מיט געניטע הענט אויסגעגלעט קישנס, אַריינגעלאָזן נאָדלען אין האַנט די וועלכע האָבן היץ, וועלכע ליגן מיט ווייטיקן. זיי וועלן שוין דורכשלאָפן דעם „בלעק־אַוט". די וועלכע זיינען נאָך ניט געשלאָפן, האָט זי זיי פאָרזיכטיק אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערשרעקן, ווען זיי וועלן דערהערן דעם אַלאַרם־גלאָק און עס וועט ווערן פינצטער.

יונג לעבן

— דאָס איז בלויז אַ פּראָבע. געדענקט, בלויז אַ פּראָבע.

אַז זי איז אַריין אין דער צווייטער אָפּטיילונג, דאָרט וואו ס'ליגן די געזינטערע פרויען, די וועלכע קאָנען זיך שוין אויפזעצן און האַלטן גאַנ־צע טעג אין איין רעדן און דערציילן זיך מעשיות, האָט זי אינדערהויך אַ זאָג געטאָן:

— הערט זיך איין: אין אַ פופצן מינוט אַרום, פאַנגט זיך אָן דער „בלעק־אַוט". זאָלט איר אַלע בלייבן רואיק אין די בעטן, קיינער זאָל אָקאָרשט ניט אַרויסקריכן . . . — האָט זי אַ שמייכלענדיקע געקוקט אויף אַלעמען. — ווער ס'קאָן, זאָל איינשלאָפן.

— ידושי, — האָט די 19יאָריקע קאַראָלאַין אַ הויב געטאָן איר קעפּל פון קישן. — איך וויל ניט איינשלאָפן, איך וויל זען דעם „בלעק־אַוט"!...

— דו וועסט גאָרנישט זען. ס'וועט זיין צו פינצטער, — האָט מיס דאָרן גענומען אָפּרוקן די בעטן פון לעבן די פענצטער.

— און טאָמער וועל איך עפּעס דאַרפן? . . . — האָט די 234־פונ־טיקע דעיזי קאָלין פאַרלייגט אירע הענט אויפן האַרצן און פּרובירט ניט צו נעמען לאַכן.

מיס דאָרן האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט חשד.

— וועסט זיך איינהאַלטן . . . דעיזי טייערע, — האָט זי האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס איר געוואָרנט.

ס'האָט אַ פלאַץ געטאָן אַ געלעכטער אַרום. די פרויען זיינען גע־וואָרן פריילעך. אַלע בעטן זיינען געבליבן שטיין אינמיטן צימער, נאָענט איינע צו דער צווייטער און די פרויען אין די בעטן האָבן זיך פריילעכע אָנגעקוקט. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי נעמען דאָ אָן אָנטייל אין עפּעס אַ שפּיל, אַ שטיפעריי. אַפילו די עלטערע מרס. אָ'ברייען, וועל־כע ליגט גאַנצע טעג אַזאַ שטילע, אַ צעווייטיקטע, ווייל אַ פוס איז איר אויף דאָס ביי געוואָרן געשוואָלן, וועט זי דאַרפן פאַרבלייבן דאָ לענגער, אַפילו זי האָט זיך צעשמייכלט און געבעטן מ'זאָל אונטערהויבן איר צו־קאָפּנס, ווי זי וואָלט דאָ געדאַרפט זען עפּעס אַ שפּיל.

פינף מינוט צו 9 האָט מיס דאָרן געהייסן אַלע פרויען וואָס גייען אַרום, וואַרטן, אַז מ'זאָל זיי ערשט אָפּערירן, אָדער מ'זאָל אויסגעפי־נען אויף וואָס זיי קרענקען, אַז זיי זאָלן אַריין אין קאָרידאָר, אָפּוואַרטן דאָרט ביז איבערן „בלעק־אַוט".

די פרויען אין די בעטן האָבן אויפגעהערט צו שמייכלען. זיי זיי־נען פלוצלונג געוואָרן אומרואיק. ס'איז זיי געוואָרן אומהיימלעך, וואָס

פּעסי באָך

בשעת די געזינטערע גייען אַרויס, ווי זיי האָט זיך געדאַכט, צו אַ גע־זיכערטן פּלאַץ, דאַרפֿן זיי בלייבן ליגן הילפֿלאָזע אין די בעטן.

— פֿאַרוואָס דאַרפֿן זיי אַרויס, אויב מיר מעגן בלייבן אין די בעטן?

— האָט אימעצער אַ פֿרעג געטאָן.

— טאַקע, וואָס לאָזט מען דאָ אונדז איבער? — האָט אַ צווייטע זיך שוין געגומען שרעקן. און אַלע האָבן מיט פֿאַרדרוס, מיט קנאה, נאָכגעקוקט די אַרויסגייענדיקע פֿרויען.

— לאָמיר בעטן, מ׳זאָל אונדז אויך אַרויספֿירן, — האָט אַ זאָג געטאָן לוסיל.

לוסיל האַלט זיך דאָ פֿאַר אַ גאַנצער יחסנטע, ווייל זי ליגט שוין דאָ אין שפּיטאָל לענגער פֿון אַלעמען.

— נוירס! — האָט אימעצער דערשראָקן אַ רוף געטאָן, ווי זי וואָלט שוין געווען אין אַ סכנה.

מיס דאָרן איז אַריין. זי איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, צווישן די בעטן. אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און געזאָגט זייער הויך, כדי אַלע זאָלן איר דערהערן:

— איך וואָלט וועלן איר זאָלט אַלע געדענקען, אַז ס׳איז ניטאָ קיין לופֿט־אַטאַקע, דאָס איז בלויז אַ פּראָבע. אין אַלע טיילן פֿון שטאָט, אין אַלע שפּיטאָלן, פֿירט מען דורך אַזוינע פּראָבעס. טאָ זייט רואיק. איך וועל באַלד צוריקקומען צו אייך.

— אַוודאי איז עס בלויז אַ פּראָבע, — האָט לוסיל געגומען די ערשטע שמייכלען, — מיר שרעקן זיך ניט!... מירן זיך דערציילן מעשיות אין דער פֿינצטער... — האָט זי געוואָלט ווערן פֿריילעך און געפֿילט ווי איר פּולס קלאַפּט צו שנעל. און ערשט היינט אינדערפֿרי האָט איר דאָקטאָר געזאָגט, אַז כל־זמן איר פּולס איז צו שנעל, דער בלוט־דרוק — צו שטאַרק, וועט מען איר ניט קאָנען אָפּערירן.

— נאָך צוויי מינוט!... — האָט קאַראָלאַין אַ שטילן קוויטש גע־טאָן. — נאָך צוויי מינוט און ס׳וועט ווערן פֿינצטער!

אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צום וואַנט־זייגער אַנטקעגן. אַלע האָבן געקוקט אויף דעם ווייזער, וועלכער דאַרף זיך צורוקן צו דעם ציפֿער 9. מיט פֿאַרכאַפּטע אָטעמס האָט מען געוואַרט: אָט, אָט, נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע...

— ס׳וועט שוין נײַן! — האָט אימעצער אַ נערוועזן לאַך געטאָן. און פּלוצלונג האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שפּיטאָל אַ באַסאָווער,

יונג לעבן

קלינגענדיקער גאַנג־גאַנג פון דעם אַלאַרם־גלאָק, גאַנג־גאַנג! האָט ער פינף מאָל אָפּגעקלונגען אין יעדן ווינקל פון דעם גרויסן שפּיטאָל־בנין. ער האָט אָפּגעקלונגען גאָר אונטן, אין דער „עמוירדזשענסי", וואו אַמ־בולאַנסן האַלטן אין איין צוברענגען פרישע קראַנקע. ער האָט אָפּגע־קלונגען גאָר אין דער הויך, וואו די קראַנקע ווערן אָפּערירט, וואו דאָק־טוירים און נוירסעס גייען אַרום מיט שטילע טריט, מיט ווייסע גאַז־מאַסקעס אויף די פּנימער און מ׳רעדט זיך צונויף מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל. ער האָט אָפּגעקלונגען אין קינדער־צימערן, וואו קראַנ־קע קינדער וויינען נאָך זייערע מאַמעס, און אין די צימערן וואו מאַמעס פאַרגייען זיך אין ווייען, גייען צו קינד. און אַזוי שנעל ווי דער לעצ־טער קלאַנג פון גלאָק איז פאַרשוואונדן, איז איבערן גאַנצן שפּיטאָל געוואָרן שטאָק פינצטער. אַזוי פינצטער, ווי מ׳וואָלט פּלוצלונג פאַר־צויגן אַלעמענס אויגן. אַפילו די רויטע לעמפּעלעך איבער די טירן, די רויטע לעמפּעלעך אונטער די בעטן, וועלכע ברענען גאַנצע נעכט און קוקן אויס אין די פינצטערע, אומרואיקע ביינאַכטן, ווי וואַכנדיקע אויגן, זיינען פאַרלאָשן געוואָרן. פאַר אַ רגע איז אין דעם גאַנצן שפּיטאָל געוואָרן אַזוי שטיל, ווי דאָס לעבן אַליין וואָלט געוואָרן אויסגעלאָשן.

די פרויען אין די בעטן זיינען אויך געבליבן ליגן שטיל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן ביז זיי וועלן וויסן וואָס מיט זיי קאָן דאָ אין דער פינצטער געשען. דערנאָך האָט ווי אַ שטילע כוואַליע זיך דורכגעטראָגן דורכן צימער: אַ געררעדעריי. אַלע האָבן גענומען רעדן מיטאַמאָל. מ׳האָט זיך גענומען זוכן דאָרט וואו מ׳האָט געוואוסט אַז די בעטן דאַרפן שטיין.

קאַראָלאַין, וועלכע דאַרף גאָר ליגן פלאַך אויפן רוקן, וועט זי אפשר ניט מפּלען, האָט אין דער פינצטער פאַרגעסן, אַז זי דאַרף זיך היטן. זי האָט מיט אימפּעט זיך אויפגעזעצט:

— העי!! — האָט זי אַ קוויטש געטאָן, — איך זע קיינעם ניט! וואו זייט איר אַלע?

ס׳האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. לוסיל האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט מיט אַ ווילע פריער זיך צוגעזאָגט צו זיין רואיק, זי האָט זיך אויפ־געזעצט און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— מיר זיינען נאָך אַלע אין די בעטן? קיינער איז נאָך ניט אַרויס־געקראָכן? קיינער האָט נאָך ניט פאַרבלאָנדזשעט?

— אָ, לוסי, — האָט קאַראָלאַין זיך אַליין פאַרמסרט, — איך האָב זיך דאָך אויפגעזעצט . . . איצט וועל איך זיכער מפּלען. ס׳איז מיר

אָבער צו פֿינצטער צו ליגן.

— מעגסט זיך אויפֿזעצן! — האָט אַ פּרוי זיך אָפּגערופֿן, ווייל עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין דער פֿינצטער מעג זי אַרויסזאָגן וואָס זי טראַכט. — דאַרפֿסט נויטיק איצט אַ קינד, אַז דיין מאַן איז אין דער אַרמיי?

— אַז זי וועט האָבן אַ קינד, וועט מען אפשר איר מאַן באַפֿרייען.

— האָט אַ צווייטע שטימע געזאָגט אין דער שטיל, ווי זי וואָלט ניט געוואָלט מען זאָל זי דערהערן.

— יע, אַוודאי! — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פֿון אַן אַנדער בעט. — ביז זי וועט אויסטראָגן און אָפּהאָבן, וועט מען שוין נעמען טאַטעס פֿון קינדער. אָט האָט מען מיין זון געזאָלט גאָר אינגיכן חתונה האָבן, איז ער אַוועק אין דער אַרמיי. אַפֿילו ניט געוואָלט וואַרטן ביז מ'וועט אים רופֿן. צו וואָס, זאָגט ער, איבערלאָזן אַ ווייב מיט אַ קינד?

די נעגערין לולא דעיווים, וועלכע האָט פֿאַר דער גאַנצער צייט וואָס זי איז אין שפּיטאָל, זייער ווייניק גערעדט, זיך קיינמאָל ניט אַריינגעמישט אין דעם וואָס די פֿרויען רעדן, האָט פּלוצלונג אין דער פֿינצטער זיך צערעדט:

— איך האָב זיך אַליין געמאַכט אַ מפּיל . . . זיך גענוג אָנגעפּייניקט . . . אַז מ'האָט מיך געבראַכט אַהער, האָט אַ דאָקטאָר געשריען אויף מיר, געזאָגט, אַז איך האָב זיך געקאָנט אומגליקלעך מאַכן . . . זיי האָבן מיר געוואָלט ראַטעווען דאָס קינד . . . ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט . . . — האָט זי אַ לאַך געטאָן. אַז קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן, איז איר קול געוואָרן געפֿאַלענער, און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? כ'האָב שוין 3 קינדער, אַלע אַזוינע קליינע, און מיין מאַן פֿאַרדינט אַזוי ווייניק . . . וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? — האָט זי געזוכט צו זען, אַפּנים, צו הערן וואָס מ'וועט איר אויף דעם ענטפֿערן.

— מיר אַרט אויך ניט, — האָט קאַראָלאַין אין דער פֿינצטער פֿאַר אַלעמען זיך מודה געווען. — מיר וואָלט גיט געאַרט ווען איך מפּיל. איך וואָלט בעסער אויסגעזוכט זיך אַרבעט, ביז איך זאָל דאַרפֿן אָנקומען צו מיין שוויגער. אָט וועט איר זען, מאָרגן וועל איך אַ גאַנצן טאָג זיצן . . .

— ש־ש־ש . . . — האָט לוסיל אַ זאָג געטאָן, — אימעצער קומט!

אין דער פֿינצטער האָט מען געקאָנט זען אַ שאָטן זיך דערנעענטערן, אַ פּאַס ליכט פֿון אַן עלעקטריש לעמפּל האָט אַ שיין געטאָן איבערן דיל.

יונג לעבן

— דאָס בין איך — האָט מיס דאַרן זיי אָנגעזאָגט. זי האָט נידעריק געוואָרפן דעם שיין פון איר לעמפּל איבער די בעטן. — איז ביי אייך אַלץ אין אָרדענונג, דעיזי קאַלין? — האָט זי אַ וואָרף געטאָן דעם שיין צו דעיזיס בעט. — ביסט נאָך אין בעט?

דעיזי, וועלכע איז די גאַנצע צייט פון דעם „בלעק־אַוט" געזעסן שטיל, אירע דיקע הענט פאַרלייגט איבער דער קאָלדרע, האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן אַרויסצוקריכן. — האָט זי ערנסט געענטפערט, — אַז ס'איז געוואָרן פינצטער, האָב איך פאַרגעסן.

— דו, קאַראַלאַין, לייג זיך, — האָט מיס דאַרן אַרויסגייענדיק געזאָגט, — באַלד וועט שוין ווערן ליכטיק.

דעיזי האָט אָפּגעוואַרט ביז מיס דאַרנס פאַרשווינדן אין קאָרידאָר און דערנאָך גענומען פּאַוואָלינקע אַרויסקריכן פון בעט. אין דער פינצטערקייט האָט זי אויסגעקוקט נאָך גרעסער און העכער ווי זי איז. די פרויען אַרום האָבן מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער געקאָנט זען, ווי איר מוראדיק גרויסער קערפּער באַוועגט זיך צווישן די בעטן. דערנאָך איז זי געבליבן שטיין אין מיטן צימער, וואו מיט אַ ווילע פריער איז מיס דאַרן געשטאַנען. זי האָט צעשפּרייט אירע הענט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַ פלי צו טאָן איבער די בעטן און געוואָלט שוין נעמען הויבן די נאַקעטע פיס, ווי פלוצלונג, אומדערוואַרטעט, האָט זיך דערהערט דער אַלאַרם־גלאָק און גלייך איז דער צימער פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ ליכטיקייט, וואָס ס'האָט פאַרבלענדט די אויגן. די פרויען האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש. די ערשטע זאַך, וואָס זיי האָבן דערזען, איז ווי דעיזי לויפט צוריק צו איר בעט. אירע גאַנצע 234 פונט האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטער איר קורצער שפּיטאָל־העמד. ס'האָט אַרויסגעפּלאַצט אַזאַ געלעכטער, אַזאַ טומל, אַז מיס דאַרן איז געקומען צו לויפן. זי האָט געמיינט, אַז עפּעס אַן אומגליק איז געשען. די פרויען האָבן באַהאַלטן די פּנימער אין די קישנס, צו פאַרשטיקן דעם געלעכטער. נאָר דעיזי איז זיך שוין געזעסן אין בעט, אַ רואיקע, אַפילו אָן אַ שמייכל. זי האָט פאַרוואונדערט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און מיט אַ נאַאיווער שטימעלע געפרעגט:

— וואָס לאַכן זיי אַזוי?

מיס דאַרן איז געווען אין כעס:

— שעמען מעגט איר זיך אָנצומאַכן אַזאַ טומל. דאָרטן ליגן אַזוינע קראַנקע, דערשראָקענע, און איר לאָזט זיי ניט שלאָפן. דעיזי, —

פּעסי באַך

האָט זי שאַרף אָנגעקוקט דעיזיס רויט, פאַרשוויצט פּנים, — וואָס אַזוינס האָסטו אָפּגעטאָן?

דעיזי האָט ניט אויפגעהערט זיך צו וואונדערן:

— איך? איך האָב אַפילו ניט גערעדט צו קיינעם. וואָס בין איך שולדיק, אַז זיי לאַכן? זיי גיבן בלויז אַ קוק אויף מיר, לאַכן זיי . . . איר פאַרשטייט? — האָט זי אַ וואונק געטאָן צו מיס דאַרן מיט אַן אויג און געוויזן מיט ביידע הענט אויף זיך, אויף איר גרויסן, צעשוואומענעם קערפּער.

מיס דאַרן האָט ניט געקאָנט טרעפן, וואָס אַזוינס דאָ איז פאַרגעקומען. זי האָט אַ בייזע אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט:

— אויב דו ביזט אַראָפּ פון בעט, וועט שוין דיין טעמפּעראַטור וויזן . . . און דער דאָקטאָר וועט וועגן דעם אויך וויסן . . . ס'איז שוין שפּעט, אַלע זאָלן איינשלאָפן, ס'וועט שוין ווערן צוריק פינצטער!

און טאַקע אַזוי שנעל ווי זי איז אַרויס, איז געוואָרן אין דעם צימער צוריק פינצטער, בלויז די רויטע לעמפּעלעך אונטער די בעטן האָבן געפינטלט און געוואָרפן אַ רויטן שיין אַרום. און אין קאָרידאָר, ביי דער נוירס' טיש, האָט אַ מאָל לעמפּל געברענט. ס'האָט זיך נאָך געהערט אַ שטיל רעדן, אַן איינגעהאַלטן געלעכטער און דערנאָך איז ביסלעכווייז געוואָרן שטיל, בלויז פון דער ווייטן האָט מען געקאָנט הערן ערגעץ אַ טעלעפאָן קלינגען און די שטילע טריט פון מיס דאַרן.

ניו־יאָרק, 1942.

אין אַ הויף

דאָס איז געווען אין אַ שבת. אַ גאַנצן טאָג האָט גערעגנט. אָנגע־פאַנגען האָט זיך עס מיט אַ קליין, שיטער רעגנדל, אַזוי, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט, וועט ווערן ליכטיקער, און אפשר וועט נאָך די זון זיך באַווייזן. צום סוף איז דער הימל געוואָרן גרויער. גרויסע וואָלקנס האָבן זיך גענומען צוזאַמענקומען, געבליבן הענגען אַזוי נידעריק, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן באַלד איינגאַנצן זיך אַראָפּלאָזן. אַ שטאַרקער, טומלדיקער רעגן האָט גענומען קלאַפּן איבער די טראָטואַרן, געפּליוכעט איבער דעכער און זיך צעגאָסן איבער שויבן.

אַ טראָגעדיקע הפקר־קאַץ איז אַ דורכגענעצטע געשפּרונגען איבער גאַניקלעך, זיך געשאַרט מיט אַ פאַרריסענעם עק פאַרביי טירן און טרויעריק געמיאַוקעט.

פון אַ ווינקל גאַס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַריינדרייען פּויערשע פורן. ווי אין אַ פּאַראַד האָבן זיך די פורן געצויגן איינער נאָך דעם אַנדערן, אַרויף גאַס־צו, צו דעם זאַמל־פּונקט, וואו זיי דאַרפן זיך מעלדן פאַר דער מלחמה. די פערד זיינען געווען אַריבערגעדעקט מיט נאַסע זעק. ביי דער זייט זיינען געגאַנגען די פּויערים, אויך אַריבערגעדעקט מיט זעק אויף די קעפּ און פּלייצעס. זיי האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די פערד איינגעהויקערטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. די פּויערטעס זיינען געזעסן אין די פּורן אַרומגעלייגטע מיט שמאַטעס און פאַרנעצטן היי. זיי האָבן טעמפּ געקוקט אויף דעם רעגנדיקן אַרום און געשוויגן.

די קאַץ האָט פּרובירט זיי נאָכלויפן. זי האָט באַשמעקט די פּויערשע פיס. געלאָפן פאָראויס פון די פערד און צום סוף זיך אומגעקערט. זי איז אַריינגעלאָפן אין דעם גרויסן הויף, אַרומגעלאָפן פאַרביי די ווענט פון די הייזער און ווייטער געמיאַוקעט. נאָר קיינער האָט זי נישט דערהערט. דער גאַנצער הויף איז געגאַנגען כאָדאָראָם זינט מ'האָט געבראַכט די נייעס, אַז ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

נחמן דעם שוסטערס צווייטער פענצטער זיינען אַרויסגעקומען צום גאָס. האָט ער געהאַלטן אין איין ווישן די שויב און ציילן די פאַרבייפאָרנדיקע פּויערשע פורן. האָט ער יעדנס מאָל פאַרגעסן וואו ער האַלט און געדאַרפט אָנפאַנגען פון אָנהויב. ער איז געווען אין כעס אויף זיין ווייב,

וואָס זי פאַרקלאָגט אים זיין קאָפּ, פּונקט ווי ס׳וואָלט געווען בלויז א י ר אומגליק. וואָס דענקט זי, — האָט ער בייז געקוקט צו איר מיט אַ ווינקל אויג, — וואָס מיינט זי, אַז ז י י ן קאָפּ איז רואיק? ער וועט דאָך אָבער איר נישט גיין דערציילן, ווי ס׳עסט אים זיין האַרץ וועגן פייפקען. אויסגעוואָקסן אַ זון, אַ גיבור, אַוועקגעפּאָרן אַרבעטן אין דער פרעמד און איצט וועט מען אים צונעמען פאַר אַ סאָלדאַט.

פאַר דעם ייִנגערן האָט נחמן ניט קיין מורא, ער איז נאָך צו יונג. עס האָבן אים נאָר־וואָס גענומען וואַקסן הערעלעך אויף די באַקן . . . האָט ער אומעטיק געשמייכלט. ער האָט זיך אַ גלעט געטאָן זיין בערדל. כדי זיין ווייב זאָל נישט וויסן ווי ס׳קלעמט אים זיין האַרץ, האָט ער פּרובירט מיט איר זיך אַ וויצל טאָן:

— וואָס זאָגסטו? כ׳גלויב, אַז מיך וועט מען שוין ניט נעמען . . . מיין בערדל איז שוין גרוי . . .

זיין ווייב, די שוסטערקע, האָט אים אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן:

— נחמן, בינסט שוין אינגאַנצן אויסגעוועבט . . . און אַז ס׳פעלן דיר די אויבערשטע ציינער, האָסטו פאַרגעסן? אַ שיינער סאָלדאַט . . .
— זי האָט פאַרבראָכן די הענט: — אָבער פייוועלע . . . אונדזער פיי־וועלע . . . ער איז דאָך אויסגעוואָקסן ווי אַ בוים . . . אים וועט מען צו־כאַפּן! . . .

נחמן דער שוסטער האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער. מיטן גראָבן פאַרשוואַרצטן פינגער האָט ער ווידער גענומען ווישן די פאַרצוי־גענע שויב און ציילן די פורן. אָבער זיין האַרץ האָט אים געבלוטיקט.

אויפן צווייטן עטאַזש, גלייך איבערן שוסטער, האָט געוואוינט די אַלמנה זלאַטע מיט אירע צוויי טעכטער און אַ ייִנגל, אַן איינציקל. די עלטערע טאָכטער איז אַן עגונה, אָבער קיינער גלויבט זי נישט. די שכנים רעדן צווישן זיך, אַז זי האָט גאָר קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. דערפאַר רופן די קינדער פון הויף דעם ייִנגל „ממזר". די ייִנגערע טאָכטער איז געווען גראָב און פאַרשוואָלן, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז זלאַטע שיקט זי אין פרעמדע גאַסן בעטלען. אָבער זינט פרייטיק האָט דער הויף זיך דערוואוסט, אַז זלאַטע די אַלמנה האָט אין אָדעס אַ זון.

— מיין טייערער סענדערל, — איז זי אַוועק אין דעם גוס־רעגן זיך קלאָגן פאַר די שכנים, — אַן איין־און־איינציקן זון האָב איך, וועט מען אים איצט נעמען אין דער מלחמה! . . . ער האָט טאַקע קיינמאָל קיין

בריוו ניט געשיקט. מיט קיין גראָשן ניט אַרויסגעהאָלפן, אָבער ער האָט דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן . . . איצט וועל איך נישט וויסן וואו זיין געביין וועט אַהינקומען ! . . .

די שכנה פון דער צווייטער טיר איז גאָר אַרומגעגאַנגען און גע־שמייכלט. אין דער הויך האָט זי מורא געהאַט צו לאַכן. האָט זי בלויז געשמייכלט מיט אַ קרום שמייכעלע, איר טאַטע זאָל עס נישט דערזען. איר טאַטע, דער קברן פון אַלטן בית־עולם, וועלכער קריגט זיך מיט איר אַלע שבת אינדערפרי און שלאָגט אָן די אייניקלעך פאַר אַ גאַנצער וואָך, האָט איר נאָכגעקוקט מיט חשד. ער האָט געזען, אַז אירע שוואַרצע, עטוואָס קרומלעכע אויגן גלאַנצן. אַז אירע דינע ליפּן זיינען פאַרקרימט עטוואָס אָן אַ זייט. האָט ער נישט געוואוסט צי זי שמייכלט, אָדער קלייבט זיך צו וויינען, פונקט ווי אַלע שבת. ווי זי האָט נאָר צייט, דערמאָנט זי זיך, אַז דער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפן, זי איבערגעלאָזן מיט דריי פּיצלעך קינדער ביי אַן אַלטן טאַטן און אַליין הולטאַיעוועט ער ערגעץ. שטענדיק נאָך אַ קריג מיטן טאַטן, זעצט זי זיך אַוועק אויפן בעט, רוקט אַריין די הענט אין די ניט־פאַרקעמטע, געדיכטע האָר און נעמט זיך אַליין באַקלאָגן, הויך, אויפן קול:

— אוי, ראָכקע דו קלוגע ! . . . ראָכקע, דו קלוגע ! . . . ראָכקע, זע וואָס פון דיר איז געוואָרן ! . .

די קינדער שטייען דאַן אַרום איר הונגעריקע, מיט אָנגעשמיסענע הינטנס און העלפן איר וויינען. אָבער דעם שבת, אין דעם גוס־רעגן, אין דעם טאָפּ־טאָפּ פון די פויערשע פערד, גייט זי אַרום און שמייכלט מיט אַ קרום באַהאַלטן שמייכעלע. זי ווייס, אַז איר מאַן, וואו ער זאָל נישט זיין, וועט ער זיך דאַרפן גיין מעלדן אין דער מלחמה.

— איצט וועט ער זיין עלנט ווי אַ הונט ! — האָט זי געשמייכלט מיט אַ האַלבן מויל. — איצט וועט ער דאַרפן באַצאָלן פאַר די אַלע צרות, וואָס ער האָט אָנגעטאָן. מ׳וועט אים צונעמען אין דער מלחמה, און ער וועט אַפילו נישט האָבן מיט וועמען זיך צו געזעגענען. סיידן — סיידן ער וועט קומען צו איר ! וועט ער קומט, וואָלט זי אים אין פּנים אַריינגעלאַכט : אַהאַ ! האָסט זיך דערשראָקן ? איצט דאַרף איך דיר נישט ! . . . גיי און שמעק פולווער !

טיפער אין הויף אַריין, האָט געוואוינט דער אַלטער ראש־ישיבה. ער איז זיך געזעסן ביים טיש און רואיק געטרונקען אַ גלאָז שבתדיקע טיי. אים האָט די מלחמה נישט געאַרט. זיין אַלטע האָט אַפילו פּרו־

פעסי באך

בירט אַ וויין טאָן, האָט ער איר גלייך דערמאָנט:

— וואָס ווילנסטו? ווער דאַרף ביי דיר גיין זיך מעלדן?

די אַלטע איז גלייך שטיל געוואָרן. טאַקע, וואָס ווילנט זי? אַז קיין זין און אַפילו איידעמס האָט זי נישט. די עלטערע טאָכטער האָט שוין גרוילעכע האָר, אָבער זי האָט נישט חתונה געהאַט, ווייל ס'איז שוין לאַנג, זייער לאַנג ווי זי זיצט משוגענערהייט אין אַ פינצטערן צימערל, רעדט צו זיך און קייט טאַבאַק. דערפאַר שמעקט ביי זיי שטענדיק מיט אַ פאַרשטיקטן טאַבאַק-גערוך. גאַר שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע שכנים שלאָפן שוין, לאָזט מען זי אַרויס אין הויף. זי לויפט אַרום הין און צוריק, פאַררייסט איר געל איינגעדאַרט פּנים אַרויף צום הימל און לאַכט מיט אַ משוגען געלעכטערל. די יינגערע טאָכטער האָט נאָך גע־קאָנט חתונה האָבן, איז זי זייער אַ פאַרביטערטע. זי האָרעוועט שווערע, לאַנגע שטונדן אַלס אַ פאַרקויפערין אין אַ שניט־קראָם, איז אַז זי קומט אַהיים, טשעפּעט זי זיך צו דער משוגענער, פונקט ווי יענע וואָלט געווען שולדיק, וואָס איר איז נישט גוט.

אין דער צווייטער הויז, איבערן וואַנט פון דעם ראש־ישיבה, איז געווען טומלדיק. דאָרט זיינען קרובים זיך געקומען געזעגענען מיט משה דעם טרעגער. משה דער טרעגער האָט שוין זייער לאַנג געוואוינט מיט זיין ווייב און צוויי קליינע מיידעלעך ביי רייזען אין אַ צימער. טאַ־קע אין דעם זעלבן צימער זיינען די צוויי מיידעלעך געבאָרן געוואָרן. איצט רופט מען אים אין דער מלחמה. וויינט ער דאָרט ביי זיך אין צימער מיט אַ באַסאָווער שטימע. רייזע האָט זייער געוואָלט הערן ווי אַזוי ער געזעגנט זיך דאָרט מיט זיין ווייב שרה־דינהן. אָבער פרעמדע מענטשן זיינען געווען אין הויז, האָט זי נישט געקאָנט זיך צוהערן. זי האָט בלויז געהערט זיין באַסאָווע שטימע און שרה־דינהס דין, איינגעהאַלטן גע־וויין. רייזעס פּנים האָט געפלאַמט, ווען זי האָט פאַרלייגט אירע הענט אויף איר צעצויגן בויך און אַ זאָג געטאָן:

— ער געזעגנט זיך... דאַכט זיך, אַז ער וויינט...

דער מאַן אירער, וועלכער האָט אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט אין אַ שוועבל־פאַבריק און אין אַ שבתדיקן טאָג נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט מיט גרויס הנאה, וואָס מענטשן זיינען דאָ אַרום, דער־ציילט:

— היינטיקע צייטן גייט מען צו דער מלחמה ווי צו אַ טאַנץ. אַז איך האָב געדאַרפט גיין זיך פאַרשרייבן אין דער יאַפּאַנישער מלחמה,

יונג לעבן

האָב איך זיך פריער אַזוי לאַנג געקלאַפּט מיט אַ לעפל איבער די הענט, ביז זיי זיינען מיר געוואָרן בלוי און פאַרשוואָלן . . . און ער — האָט ער אָנגעוויזן צו משהס צימער־צו, — גאַרנישט. ער געזעגנט זיך שוין! . . .

אַז משה דער טרעגער איז אַרויס פון זיין צימערל, זיינען זיינע שטענדיק־אויסגעבויגענע פּלייצעס געווען אונטערגעהויבן, דער רוקן איינגעהויקערט, דער קאָפּ אויסגעצויגן ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אַ קלאַפּ. זיין רויט בערדל האָט רחמנותדיק זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. זיינע אויגן שטענדיק רויטלעכע, פאַרטרערטע, האָבן מיט צער געקוקט אויף זיין ווייב. ער האָט איר אָנגעזאָגט:

— שרה־דינה, זאָלסט אַכטונג געבן אויף די קינדער . . . אויב אַ יינגל וועט געבאָרן ווערן, — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר קליין פאַרשפּיצט בייכל, — זאָלסט עס אַ נאָמען געבן נאָך מיין טאַטן . . .

שרה־דינה, קליין און דאַר, ווי אַן אויסגעקראָכן הינדעלע, האָט געוויינט אין פאַרטוך אַריין. זי האָט אים געוואָלט אַ סך זאָגן, האָט זי אָבער געהאַלטן אין איין וויינען. זי האָט בלויז איין וואָרט אַרויסגעזאָגט:

— *משה . . . משה . . .*

די צוויי קליינע מיידעלעך מיט בלייכע אויסגעצויגענע נעזעלעך, ווי ביי זייער מאַמען, האָבן זיך געהאַלטן ביי איר קלייד און מיט שרעק געקוקט אויף אַלעמען. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז זייער טאַטע גייט אַוועק. זיי האָבן בלויז געוואוסט, אַז ווען ער האָט זיי געקושט, האָט ער זיי געשטאָכן מיט זיין בערדל אין פּנים.

רייזע האָט אַרויסבאַגלייט משהן ביזן טיר. זי האָט מיט האַרץ אים נאָכגעשרי'ען:

— . . . און ער האָט נאָך געהאַט טענות צו מיר, וואָס כ'האָב אים ניט געהאַט קיין זין . . . — האָט זי מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויף איר מאַן. — ער פלעגט מיך יאָדען וואָס כ'האָב אים אָנגעפלאָדיעט אַ שטוב מיט מוידן. איצט וואָלט אים שוין געווען גוט, ווען כ'דאַרף, חלילה, שיקן מיינע קינדער אין מלחמה . . .

שכנים האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער ווי שרה־דינה באַגלייט איר מאַן ביזן טויער. דער רעגן האָט געגאָסן אויף זיי, ווי פון אָפענע קראַנען. זלאָטע די אלמנה האָט שוין געדרעמלט ווען די טאָכטער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז משה דער טרעגער גייט שוין אַוועק. זי

האָט זיך אויף דאָס נײַ דערמאָנט אָן איר זון אין אָדעס. נחמן דער שוס־טער האָט זי נאָכגעקוקט מיט אַ שווערן געמיט.

— ס'זאָל זיך כאָטש די מלחמה ענדיקן אײדער דער ייִנגערער וואַקסט אונטער . . .

פּאַרנאַכט, ווען ס'איז שוין געווען פֿינצטער, דער רעגן האָט אויפֿ־געהערט, און אַלע הײַזער איז שוין געווען ליכטיק, האָט זיך איבערן הויף צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז משה דער טרעגער איז צוריק געקומען. זלאַטע דער אַלמנהס אײניקל האָט אים געזען אַרײַנלויפֿן אין הויף. ער האָט דורכן פֿענצטער אַרויפֿגעשריען די נײַעס צו זײַן באָבען. און זלאַ־טע האָט פֿאַרגעסן, אַז ס'טוען איר ווײ די פֿיס, אַז מיט אַ ווילדע פֿרײער האָט איר די טאָכטער געריבן די פּלײצעס. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן הויף אָנזאָגן די שכנים, אַז משה דער טרעגער איז צוריק גע־קומען.

בײַ רײַזען אין גרויסן צימער איז משה געשטאַנען אויבן־אָן און מיט אַ פֿאַרשוויצט, שײַנענדיקן פּנים, אפֿשר צום ערשטן מאָל, גערעדט מיט די שכנים. ער האָט זײ דערצײלט:

— אַפֿילו ווען מ'נעמט מיך אין דער מלחמה, וואָלט איך הײַנט בײַ־נאַכט נאָך צוריקגעקומען . . . הײַנט האָט מען בלויז פֿאַרשריבן. אָבער סײַ־ווי נעמט מען מיך נישט! . . . — האָט ער פֿון גרויס גליק שיִר ניט געוויינט. — כ'טויג נישט . . . מײַנע פֿיס זײַנען צו שוואַך, — האָט ער מיט גרויס פֿרייד אַראָפּגעקוקט אויף זײַנע פּלאַכע, אויסגעקרימ־טע פֿיס. — מײַנע אויגן זענען בישט גוט . . . אַ חוץ דעם פֿעלן מיר אַ סך צײנער, האָט מען מיר דערלאַנגט אָט דעם פּאַפּיר, — האָט ער אַלעמען געוויזן דעם ווײַסן פּאַפּיר אין האַנט — און מ'האָט מיר גע־זאָגט: טויגסט נישט, גײ אַהײם . . . איך בין אָבער ניט געגאַנגען; נײן, איך בין געלאָפֿן.

שׂרה־דינה האָט געקוקט און געקוקט אויף איר מאַן, ביז זי האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין:

— כ'האָב געמײנט ער'ט שוין ניט צוריקקומען . . . כ'האָב גע־מײנט כ'וועל אים שוין מער נישט זען! . . .

דער באַלעבאָס פֿון הויז, ניסן דער קרעמער, האָט געעפֿנט די טיר. כאָטש ס'איז נאָר־וואָס פֿינצטער געוואָרן, זײַנען שוין זײַנע הענט גע־ווען פֿאַרשמירט אין מעל . . . ניסן איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מאַנצביל. זײַנע אויגן האָבן שטענדיק געשמײכלט, שטענדיק געקוקט

אויף אַלעמען מיט אַ חוזקל. האָט ער אָנגעקוקט משה דעם טרעגער און אַ פרעג געטאָן מיט חוזק:

— האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז ער וועט צוריקקומען? פאַר אַ סאָלדאַט טויג ער? ווער וועט עס אים וועלן אין אַן אַרמיי?

משה האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, פונקט ווי ווען ער טראָגט אַ שווערע משא אויפן רוקן. ער האָט פאַרשולדיקט געשמייכלט מיט זיינע צעפוילטע ציין, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק פאַר וואָס ער טויג ניט פאַר אַ סאָלדאַט. די שכנים האָבן אויך פאַרלעגן געשמייכלט. אָבער שרה־דינהן האָט עס אַזש אונטערגעהויבן פון אָרט. זי האָט פאַרגעסן, אַז ערשט נעכטן האָט זי געבאָרגט ביי אים מעל אויף חלה און אַז מאָרגן וועט זי מסתמא ווייטער דאַרפן באָרגן ברויט. זי האָט אַרויסגעקוויטשעט, אַזש רויטע פלעקן האָבן זיך איר פאַרשפּרייט אויפן שטערן און האַלדז:

— וואָס פאַרדריסט אייך וואָס מ׳האָט אים צוריקגעשיקט? אַ דאַנק גאָט, וואָס ער איז אַ שוואַכער, וועל איך האָבן מיין מאַן! . . . נישקשה, ס׳זיינען פאַראַן גענוג געזונטע מענער, זאָלן זיי גיין! . . . — האָט זי געוואָלט דערמיט אַריינזאָגן איר באַלעבאָס, — און זייערע ווייבער וועלן האָבן וואָס צו עסן! . . . — האָט זי מיט קנאה געטראַכט וועגן ניסנס פרוי, אַזאַ שטענדיק פאַרפּוצטע, ווי ס׳וואָלט ביי איר אַלע טאָג געווען שבת.

ניסן האָט אַפילו אויף איר זיך ניט אומגעקוקט, ווי זי וואָלט גאָר ניט צו אים גערעדט. ער האָט בלויז אויפגעהערט צו שמייכלען. אַרויסגייענדיק, אַ זאָג געטאָן צו משהן:

— אין דרויסן שטייט אַ פור מיט זעק מעל. כ׳וועל דיר שפּעטער דאַרפן.

משה האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין אויס שבת, אַז אין דער מלחמה דאַרף ער ניט גיין, דאַרף ער גיין פאַרדינען עפּעס. די שכנים האָבן שוין מער ניט געהאַט וואָס צו טאָן ביי רייזען אין הויז, זיינען זיי זיך שטילע, וואַכעדיקע צעגאַנגען צו זיך אין די הייזער. בלויז זלאַטע די אלמנה איז נאָך אַרומגעגאַנגען איבערן הויף. זי איז געבליבן שטיין לעבן ניסנס הויז. אַריינגעקוקט דורך די באַלויכטענע פענצטער און אַ זאָג געטאָן אינדערהויך:

— אַהאַ, ביי זיי איז נאָך שבת! . . . מ׳עסט נאָך פיש! . . . פאַרגרייט זיך שוין היינט מיט מעל — און מאָרגן וועט שוין זיין ביי אים ברויט טייערער . . .

פעסי באך

די טראַגעדיקע קאַץ האָט זיך געשאַרט ביי אירע פיס, געקלאַפּט מיטן עק אין איר קלייד און יאָמערדיק געמיאַוקעט. האָט זלאַטע, אַליין אַ פאַרביטערטע, אַ צעוויטיקטע, זי אַ בריקע געטאָן מיטן פוס:

— גיי! טראָג זיך אַפּ פון מיר! . . . — האָט זי געזאָגט צו דער קאַץ, — כ'האָב גענוג עסערס אָן דיר! . . . גיי צו די באַלעבאַטים . . . זיי האָבן גענוג פאַר דיר אויך . . . — האָט זי געקוקט מיט קנאה צו די ליכטיקע פענצטער.

חלומות

געווייינטלעך האַלטן אַלע, אַז איך האָב אַ שטאַרקן כאַראַקטער. אַביסל איז עס אמת. איך האָב געקענט אָן שום שווערקייטן אָפּשליסן אַ קאַפּיטל פון אַ געשעעניש אין די טיפסטע טיפעניש פון כּאַוואָוסטזיין, פאַרמאַכן אויף דעם אַ טירל און זען צו פאַרגעסן, ווייל אַזוי איז געווען גרינגער אַנצופאַנגען פון דאָס ניי. האָט אָבער פּאַסירט אָט וואָס:

מיינע אַ באַקאַנטע, לינדע האַלטמאַן, האָט מיך אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן איך זאָל אַריבערקומען צו איר אויף אַן אָוונט. — „איך האָב אַ גאַסט", האָט זי געזאָגט. „העריס אַ באַקאַנטער. ער פאָרט דורך און וועט פאַרבלייבן דאָ אין שטאָט אַ פּאָר טעג. קום אַריבער, ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש!"

איך בין גאָר יענעם אָוונט געווען פאַרנומען, נאָר לינדעס איינלאַדונג האָט מיך פאַראינטריגירט. איך ווייס, אַז בטבע איז לינדע אַ געלאַסענע, אַן אויסגערעכנטע, געוואָרן פונקט ווי איר מאַן הערי, פלעג איך זיך ווינצלען וועגן איר, אָבער אין איר רעדן האָט זיך געפילט אַן אַנרעגונג, ווי זי וואָלט גערעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. בין איך געוואָרן נייגעריק. איך האָב באַשלאָסן צו גיין.

— גוט! — האָב איך געזאָגט, — איך וועל קומען.

לינדע האָט זיך דערפרייט:

— שוירלי, איך בין אַזוי צופרידן! עס וועט זיין אַ פריילעכער אָוונט! דער גאַסט איז אַזאַ קלוגער! . . . — האָט זי אַריינגעקוואַלן אין טעלעפאָן אַריין.

ווען איך בין געקומען אַהין, איז שוין די הויז פול געווען מיט מענטשן. איך האָב גלייך באַמערקט דעם גאַסט. מסתמא דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער איינציקער אומבאַקאַנטער. לינדע האָט מיך צוגעפירט צו אים:

— דאָס איז נאָרמאַן וויס, — האָט זי גענומען זיין אָרעם, — באַקען זיך מיט אים, שוירלי.

איך האָב זיך באַקענט מיט אים און ער האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. ער איז געווען אַ הויכער, ברייט-פּלייציקער מאַן. די האָר שיטערלעך און אַביסל גרוילעך ביי די שלייפן. אַ פּנים האָט ער

געהאַט ניט קיין שיינעם, ווי ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אָן שום איינ־דרוק. ער האָט אויסגעקוקט מיד און וואָלט אונדז מסתמא אינגאַנצן מוחל געווען דאָס באַקענען זיך מיט אים. ווייזט אויס, אַז איך בין אים אויך ניט אַזוי שטאַרק געפעלן. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן ווי גרויס איך בין און קוים, אַזוי פּאַוואָלינקע, אַ שמייכל געטאָן. אַ שמייכל וואָס האָט באַחנט זיין פּנים. קיין רייד האָבן זיך צווישן אונדז אויך ניט געקלעפּט. און דאָס איז מיר געווען אַ וואונדער, ווייל איך אַליין בין געווען אַ באַ־רעדעוודיקע. איך האָב געקענט זייער גרינג אָנקניפּן אַ שמועס, און ווי איך האָב באַמערקט, האָט ער אַליין אויך ליב געהאַט צו רעדן. איך האָב געזען ווי היימיש ער האַלט זיך מיט אַלעמען, ווי אַלע קוועלן ממש אָן פון אים, האָט עס מיר פאַרדראָסן און איך בין אַוועק פון אים. אָבער פונדעסטוועגן האָב איך געפילט, אַז עפּעס איז געבליבן הענגען אין דער לופטן צווישן אונדז, ווי עפּעס וואָלט זיך פאַרטשעפּעט. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז ענלעך צו אימעצן און איך האָב זיך ניט געקענט דערמאָנען אין וועמען. אַפילו זיין האַלטן זיך צווישן מענטשן איז מיר פאַרגעקומען באַקאַנט. איך האָב באַמערקט, אַז ער קוקט מיך אויך נאָך. ערשט שפּעטער, זיצנדיק אַנטקעגן אים ביים טיש, האָב איך זיך פלוצלונג דערמאָנט. איך האָב געפילט ווי איך ווער בלייך:

— לינדע, — האָט מיין שטימע אַ ציטער געטאָן, — גיב אַ קוק אויף מר. וויסן, קאָנסטו זיך דערמאָנען אין וועמען ער איז ענלעך?

לינדע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, דערנאָך אויף נאָרמאַן ווייס. זי האָט געקוקט אויף אים מיט וואונדער, ווי זי וואָלט אים ערשט איצט דערזען.

— יע, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער קוקט מיר אויס באַקאַנט! ביסט גערעכט, ער קוקט אויס אינגאַנצן ווי דזשערי! . . .

— ווי דזשערי וואָלט אויסגעקוקט מיט 10 יאָר שפּעטער . . . — האָב איך צוגעגעבן.

נאָרמאַן ווייס האָט אַ נייגעריקער זיך צוגעהערט. זיינע אויגן זיי־נען געוואָרן לעבעדיקער:

— אין וועמען בין איך עס אַזוי ענלעך? כאַטש עפּעס אַ לייטישער בחור? און וואו איז ער איצט?

עס איז געוואָרן זייער שטיל אַרום טיש. אַלע האָבן אויסגעמיטן צו קוקן אויף מיר. איך האָב געוואוסט, אַז אַלע פון לינדעס געסט וויסן

יונג לעבן

וועגן מיר און דזשערין, האָב איך געענטפערט:

— דער בחור איז שוין 10 יאָר טויט . . . ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער מסתמא איצט אויסגעקוקט פונקט ווי איך . . .

נאָרמאַן ווייס האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. ער האָט אַ זאָג געטאָן: — אַנטשולדיקט! — ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט פאַרענטפערן וואָס דזשערי איז טויט.

שפּעטער־צו, בין איך געשטאַנען ביים פענצטער, איך האָב אַרויסגעקוקט צו דער פינצטערער גאַס און געטראַכט וועגן גיין אַהיים, איז נאָרמאַן ווייס צוגעקומען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיר און געמאַכט אַ באַוועגונג צו נעמען מיין האַנט. ער האָט אָבער חרטה געקראָגן און פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל.

— שוירלי, — האָט ער געזאָגט, ווי מ׳רעדט צו אַן אַלטן באַקאַנטן,

— די טויטע דאַרף מען פאַרגעסן, מען דאַרף טראַכטן וועגן די לעבעדיקע . . .

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, וואָס ער איז אַזוי ענלעך צו דעם בחור, וואָס איך האָב ליב געהאַט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז איך וואָלט אים געדאַרפט דערציילן וועגן דזשערין און פונקט ווי ער וואָלט געוואוסט וועגן וואָס איך טראַכט, האָט ער געזאָגט:

— יע, איך ווייס, אַז ניט אַלע מאָל וויל מען פאַרגעסן אַ נאָענטן. דערציילט מיר וועגן אים. נאָך אַלעמען, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן,

— פיל איך, ווי איך וואָלט געהאַט אַ שייכות צו אים . . .

איך האָב געקוקט אויף דער פינצטערער שויב, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אונדז ביידן: נאָרמאַן ווייס, הויך, ברייט־פּלייציק, ווי אַ גיגאַנט. איך — אַ סך נידעריקער, קוים וואָס איך דערגרייך זיין פּלייצע. איך האָב געקוקט אויף אונדזביידן אין שויב, און געטראַכט וועגן דזשערין. וועגן דעם הויכן, שלאַנקן, דין־טאַליעדיקן דזשערין, מיט זיין האַרציקן שמייכל וואָס האָט באַלויכטן זיין ניט־שיינעם פּנים. דער דזשערי, וואָס האָט געהאַט אַ מאַגנעטישע קראַפט צו דערנעענטערן צו זיך מענטשן. איך האָב געטראַכט וועגן דער צייט פון אונדזער זיין נאָענט. די פרייד פון ליב האָבן אים. די פיינע האַרמאָניע, וואָס ס׳האָט עקזיסטירט צווישן אונדז. ווי ווייניק רייד מיר האָבן באַדאַרפט זיך צו פאַרשטיין. דאָס הנאה האָבן פון זעלבן בוך, פון זעלבן טעאַטער, פון קענען רעדן וועגן ערנסטע פּראָבלעמען און צוזאַמען לאַכן פון נאַרישקייטן. און דאַך בין איך אַוועק פון אים. אַוועק, און מער ניט געוואָלט צוריקקומען. פאַר מיין אַוועקגיין, האָבן מיר ווייניק וואָס גערעדט. ער

האָט אַפילו ניט פּרובירט מיך איבערצורעדן צו בלייבן, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז ער וויל ניט איך זאָל אַוועק. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך געקראָגן פון אים אַ בריוו:

— אויב דו האָסט געוואָלט אַוועקגיין, וואָלט דאָך געווען אומזיסט דיך אָפּצורעדן, — האָט ער געשריבן. — אָבער אַ דערקלערונג קומסטו מיר סיי־ווי.

— שוירלי, — האָב איך דערהערט לעבן זיך נאָרמאַן ווייס, — גייט ניט אַוועק צו ווייט. פאַרגעסט ניט, אַז איך שטיי דאָ לעבן אייך . . .

איך האָב זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום שוואַרצן שויב. און ווייל ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך קען אים שוין זייער לאַנג, האָב איך געזאָגט דאָס וואָס איך האָב דאַן דזשערין געענטפערט:

— איך בין אַוועק פון דזשערין, ווייל איך האָב ניט געוואָלט אים טיילן זיך מיט אַנדערע. צו פיל מענטשן האָבן אים ליב געהאַט. צו פיל האָט ע ר אַלעמען ליב געהאַט. סוף־כל־סוף, וואָלט איך אים אינגאַנצן פאַרלאָרן, בין איך בעסער אליין אַוועק . . .

נאָרמאַן ווייס האָט געקוקט אויף מיר מיט ווייכקייט, מיט אַ סך פאַרשטענדעניש. מיר האָבן ביידע געפילט, אַז מיר דאַרפן מער ניט רעדן. מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער. ער האָט בלויז גע־פרעגט:

— און ווען איז ער געשטאָרבן?

— אַ פּאָר יאָר שפּעטער. ער האָט זיך פאַרקילט, אָפּגעקרענקט אַ פּאָר וואָכן און געשטאָרבן. איך בין אָבער צו זיין לוויה ניט געגאַנגען... איך האָב אים געוואָלט זען פאַר זיך אַ לעבעדיקן . . . ער איז געווען צו פול מיט לעבן, צו פאַרבינדן אים מיט פאַרגליווערונג, מיט טויט . . . און אַזוי איז טאַקע געווען לייכטער, צו חלומען, זיך איינצורעדן, אַז ער־געץ וואו לעבט ער . . . אַז ווען ניט איז, וועל איך אים נאָך אַמאָל זען... איר פאַרשטייט?

נאָרמאַן ווייס האָט אַ פאַרטראַכטער געקוקט אַריבער מיין קאָפּ, געקוקט אויף די מענטשן אין צימער:

— יע, — האָט ער געזאָגט, — איך פאַרשטיי זייער גוט. עס פּאַ־סירט אַ סך מאָל, מ׳האָפט אויף עפּעס זייער לאַנג, זייער שטאַרק, ווערט עס סוף־כל־סוף פאַרווירקלעכט. אפשר נעמט עס אָן אַן אַנדער פאָרמע, אפשר ווערט עס פאַרווירקלעכט בלויז אַ ביסל, אָבער מען בלייבט פאַרט ביי עפּעס . . . — האָט ער אַזוי פאַרטראַכט געשמייכלט.

יונג לעבן

איך האָב דאַן ניט געוואוסט, אַז דאָס האָט ער נישט מיר געענט־פערט, נאָר זיך אַליין. אַז דאָס האָט ער אַרויסגערעדט אין דער הויך זיין אייגענע בענקשאַפט, זיינע אייגענע חלומות, נאָך עפּעס וואָס ער האָט פאַרלאָרן.

איך האָב דערנאָך אים ניט געזען אַ וואָך צייט. איך האָב זיך דער־וואוסט דורך לינדען, אַז ער פאַרבלייבט דאָ אין שטאָט פאַר נאָך אַ וואָך.

— אַז מ׳וויל אים גאָרנישט אָפּלאָזן! — האָט זי זיך געפרייט, וואָס איר גאַסט האָט אַזוי אויסגענומען ביי אירע באַקאַנטע. ער וואונדערט זיך נאָר, וואָס דו קומסט אים ניט זען, אָדער לאַדסט אים ניט איין צו זיך, — האָט זי מיר איבערגעגעבן אויפן טעלעפאָן, — ער זאָגט, אַז מסתמא געפעלט ער דיך ניט! . . . — האָט זי אַ צופרידענע געלאַכט פון זיין איינפאַל.

איך בין געווען צופרידן פון דעם. גוט אַזוי. זאָל ער ניט מיינען, אַז אויב ער קוקט אויס ווי דזשערי, דאַרף ער מיך שוין געפעלן! . . . דער אמת איז אָבער געווען, אַז ס׳האָט מיר זייער געאַרט, וואָס ניט נאָר קוקט ער אויס ווי דזשערי, נאָר איז אויך ענלעך אין זיינע האַנדלונגען. בלויז מיט 10 יאָר עלטער, במילא מיט מער דערפאַרונג און מער זיכערקייט. דזשערי איז ביי מיר געווען אַן אָפּגעשלאָסענער קאַפּיטל אין מיין לעבן, האָב איך ניט געוואָלט ווערן ווידער אויפגעטרייסלט פון דאָס ניי. איך האָב זיך אויך געכאַפּט, אַז צופיל טראַכט איך שוין וועגן נאָרמאַן ווייס. ס׳וואָלט שוין בעסער געווען ווען ער פאָרט אַוועק. דערפאַר בין איך געווען זייער אומצופרידן ווען ער איז געקומען מיך זען . . . געקומען איז ער ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, ווי ס׳וואָלט ביי אים געווען אַן אַלטע געוואוינהייט צו קומען צו מיר. ער האָט צו ערשט באַטראַכט די ביל־דער אויף די ווענט, די ביכער אין די שאַפעס און דערנאָך פּלוצלונג מיך אַ פרעג געטאָן, אָט אַזוי ווי דזשערי וואָלט געטאָן:

— שוירלי, פאַרוואָס מיידט איר מיך אויס?

איך בין גאָרניט געווען איבערראַשט פון זיין פראַגע. איך וואָלט אים באַדאַרפט ענטפערן, אַז איך מייד אים אויס, ווייל מיר געפעלט לחלוטין ניט זיין זיכערקייט אין זיך. זיין זעלבסט־צופרידנקייט, וואָס ער געפעלט אַזוי אַלעמען. איך וואָלט אים גערדאַרפט זאָגן, אַז פרויען האָבן אים מסתמא היפש צעלאָזן, וואָס אים אַרט אַזוי שטאַרק מיין ניט לויפן אים זען. און, זאָל ער ניט מיינען, אַז איך בין אויך פאַרכישופט פון זיין פערזענלעכקייט. אָט אַזוי איז דאָך דזשערי געווען . . . האָט

פּעסי באָך

מיר אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. האָב איך געענטפערט:

— ס'וואָלט געווען בעסער ווען איר קומט אינגאַנצן ניט אַהער. ווען איר פאַרט גלייך אַוועק... איר פאַרשטייט, — האָב איך געוואָלט מאַכן זיך אַליין קלאָר וואָס איך מיין, — אין פאַרלויף פון די צען יאָר, האָב איך זיך איינגעאָרדנט, זיך צוגעפּאַסט צו לעבן אָן דזשערין. איר דערמאָנט מיך צו פיל אָן אים. ס'טויג נישט...

נאָרמאַן ווייס האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין אויסגעלאָשענעם סיגאַרעטל. זיין ניט שיינער פּנים האָט געקראָגן אַ סך אויסדרוק. ער האָט שאַרף געקוקט אויף מיר:

— איר האָט דזשערין ליב געהאַט. און דזשערי איז שוין 10 יאָר טויט. איר זאָגט, איך דערמאָן אייך צו פיל אָן אים. פאַרוואָס איז דאָס שלעכט? — ער איז געבליבן שטיל, געקוקט אויף מיר און אויף שנעל צוגעגעבן, — איר געפעלט מיך זייער. מער ווי ס'איז מיך ווער געווען געפעלן. אַט אַזוי האָט מסתמא דזשערי וועגן אייך געפילט!... איז דאָס אויך שלעכט?

ס'האָט מיך פאַרדראָסן, נישט אַזוי אויף נאָרמאַן ווייס, ווי אויף זיך, וואָס איך האָב דערפירט צו אַזאַ שמועס. איך וואָלט אים גלייך באַדאַרפט זאָגן, אַז איך ווייס, אַז אויב איך געפעל אים, איז עס בלויז דאָ, אין דער שטאָט, ווייל לינדע האָט מיר דערציילט, אַז אין ניו־יאָרק, פון וואַנעט ער קומט, האָט ער זייער ליב געהאַט אַ מיידל. זי איז געווען אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט ליכטיקע האָר און בלויע אויגן. אַלע זיינע ניט אויסגע־לעבטע חלומות, זיינע ניט דערפילטע בענקענישן האָט ער אין זיין לי־בע צו דער מיידל געוואָלט אַריינוועבן, האָט אָבער די מיידל געדאַרפט אַוועקפאָרן און נאָרמאַן ווייס האָט געוואוסט, אַז ער וועט זי מער קיין מאָל ניט זען. האָב איך אים אפשר דערמאָנט אָן דער מיידל? ניין, איך בין זיכער, אַז ניט. איך קוק אויס אינגאַנצן אַנדערש. איך בין ניט קיין הויכע און ניט קיין צו שיינע. מיינע אויגן און האָר זיינען טונקל. אויף מיין פּנים האָב איך סימנים פון שווערע איבערלעבונגען, פון שווערער האַרעוואַניע. און דאָך ווייס איך, אַז איך געפעל אים יע. אַז פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש אָן, האָט זיך עפּעס גענומען וועבן צווישן אונדז. איך האָב פּרובירט זיך ווערן קעגן דעם:

— הערט זיך איין, נאָרמאַן, — האָב איך אַליין ניט געפילט, ווי איך בין אַריבער צו זיין ערשטן נאָמען. — איר געדענקט, אַז איך האָב אייך דערציילט, אַז איך בין אַוועק פון דזשערין, ווייל איך האָב ניט גע־

וואָלט אים טיילן זיך מיט אַנדערע. איך בין 10 יאָר עלטער. פאַר דער צייט האָב איך אַ סך דורכגעלעבט, זיך אַ סך געביטן אויסערלעך. אָבער אינערלעך, בין איך געבליבן די זעלבע. וואָלט דזשערי גע־לעבט, וואָלט איך מסתמא געהאַנדלט איצט, פּונקט ווי דאַן! איר דאַרפט עס פאַרשטיין! . . .

נאָרמאַן ווייס האָט געקוקט אויף מיר. זיינע אויגן, ליכטיק־גרויע, זיינען טונקעלער געוואָרן:

— איר ווייסט, שוירלי, איר זענט ניט אַזוי קלוג ווי איך האָב גע־מיינט. מיר דאַרפן לערנען פון אונדזערע טעותן, ניט זיי ווידערהאָלן... דזשערי האָט ליב געהאַט מענטשן, יע, ער האָט ליב געהאַט פרויען, אָבער פון אַלע פרויען, האָט ער אייך אויסגעקליבן! און פאַר אייך, איז עס נישט געווען גענוג! ווילט איר, איך זאָל איצט גיין?

— יע. — האָב איך אויף שנעל געענטפערט, ווייל איך האָב גע־פילט, ווי איך וואָלט זיך געגליטשט באַרג־אַראָפּ. — איך בעט אייך, גייט.

נאָרמאַן ווייס האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט מיר ניט געגלויבט, אַז איך מיין עס. ער האָט צוגעוואַרט אַ ווײַלע, געוואַרט אויף אַ וואָרט פון מיר. און איך בין געשטאַנען אַנטקעגן אים און געשוויגן מיט פאַרביסענע ליפּן. געשוויגן, כאָטש אינעווייניק אין מיר, האָט עס געשריען ער זאָל בלייבן. ווייל סוף־כל־סוף האָב איך געוואוסט, אַז ווען איך וועל דערזען די פאַרמאַכטע טיר הינטער אים, וועט מיך פאַרדריסן, פּונקט ווי ס'האָט מיך פאַרדראָסן מיין אַוועקגיין פון דזשערין. געזאָגט אָבער האָב איך גאָרנישט. איך האָב געקוקט ווי ער טוט אָן זיין הוט און מאַנטל און גייט צו דער טיר. ביי דער טיר האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַ קוק געטאָן אויף מיר. ס'איז מיר קיינמאָל ניט קלאָר געווען, צי האָט ער דערקענט אויף מיין פּנים, אַז איך וויל ניט ער זאָל אַוועקגיין, צי ער האָט דערזען ווי ס'שרייען אַרויס פון מיר, אויף שלעסער פאַר־שלאָסענע, געפילן, אָדער ער אַליין האָט ניט געוואָלט אַוועק. ער האָט די טיר ניט געעפנט. ער איז צוגעקומען צו מיר זייער נאָענט, זיין פּנים איז געווען בלייך, כמעט ברוגזלעך:

— שוירלי, — האָט ער געזאָגט, — איך קען ניט אַוועק אַט אַזוי, מיר טאָרן זיך ניט צעגיין ווי פרעמדע. עס וועט זיין אַן עוולה קעגן אונדז ביידן! . . .

— גוט, — האָב איך אַ רואיקע געענטפערט, כאָטש אין מיר האָט אַ פרייד מיך שיר פאַרחלשט. — טאָ זעצט זיך אַוועק, וועלן מיר זיך דורכרעדן! . . .

פעסי באך

נאָרמאַן ווייס האָט אַ שמייכל געטאָן. זיין פּנים איז ווי באַלויכטן געוואָרן און אויסגעקוקט שיין. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין זיין הוט און מאַנטל. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט שוין אַזוי שנעל ניט אַוועק. און מיר האָט עס ניט געאַרט. פאַרקערט, איך בין געווען צו־פרידן.

אַרום קראַנקע

I

איך האָב דורכגעשפּאַצירט דעם שפּיטאָל־הויף זייער פּאַוואָליע, ווייל איך האָב קיין חשק ניט געהאַט אַריינצוגיין אינעווייניק. דער פרי־מאָרגן איז געווען אַ ליכטיקער, אַ זוניקער. די לופט פריש און טרוקן. פון דעם גאָרטן אַרום שפּיטאָל האָט געשמעקט מיט רויטע, צייטיקע בלומען און מיט גאָלד־גרינע האַרבסט־בלעטער. דער שפּיטאָל איז געווען נאָך כמעט אַ נייער, וואָס מען האָט אים ערשט מיט אַ דריי יאָר צוריק פאַרענדיקט. האָבן די ווענט נאָך געפינקלט מיט נייקייט, און די גרויסקייט און שיינקייט פון דעם בנין און די רחבות פון די גערט־נער און אַלייען אַרום, האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג.

אינעווייניק אין שפּיטאָל, איז אויך געווען זוניק. דורך די ברייטע פענצטער האָט אַריינגעשיינט די זון. די ווענט און דילן זיינען געווען ציכטיק ריין. עס האָט אָבער געשמעקט מיט קאַרבאָל און יאָדע. אין דעם אונטערשטן שטאָק, אין דעם קליניק, וואו איך אַרבעט, איז די לופט געווען פאַרשטיקט, פול מיט מענטשלעכע שטימען, מיט געוויין פון קינ־דער און מיט דעם קליפּ־קלאַפּ פון פלינקע פינגער אויף שרייב־מאַשינ־קעס. דער קאָרידאָר פון קליניק איז געווען לאַנג און שמאָל. פון ביידע זייטן אַ סך צימערלעך, וואו מען אונטערזוכט די קראַנקע. כאָטש עס איז נאָך געווען זייער פרי, איז שוין דער קאָרידאָר געווען פול מיט מענטשן. אַלע טאָג זיינען די בענק אַזוי באַזעצט מיט קראַנקע. זיי קענען מיך אַלע. ווען איך גיי פאַרביי, גריסט מען מיך און מען קוקט מיר נאָך מיט דרך־ארץ, ווי איך וואָלט געווען דער דאָקטאָר. כאָטש אַלע רעדן אין דער שטיל, איז אין דעם קאָרידאָר טומלדיק. דאָרט וואו די מענער זיצן איז שטילער. פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז מענער וואָס אַרבעטן ניט, אָדער אַרבעטן נאָר אַ פּאָר טעג אין וואָך, מענער מיט ווייטיקן אין בויך, אין פלייצעס, רעדן ניט קיין סך. אָבער אַרום די טירן, וואו די פרויען זיצן, איז טומלדיק ווי אויף אַ יאַריד. איבערהויפּט איז טומלדיק אַרום די יונגע ווייבלעך, וואָס קומען אַהער זיך אונטער־זוכן נאָך אַ קימפּעט. זיי קוקן אויס אַזוי יונג, אַז עס דאַכט זיך מיר, אַז

פעסי באך

זיי שטייען עס אַזוי אין אַ האַי־סקול־הויף און וואַרטן פאַר דעם גלאָק צו קלינגען. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז אין זייערע צור־לאַנגע, צו־גרויסע קליידער, שפּילן זיי זיך אין מאַמעס. זיי געהערן ניט צו מיין אָפּ־טיילונג, אָבער איך געדענק זיי, ווען זיי פלעגן קומען אַהער מיט גרויסע, פאַרריסענע בייכער, מיט פאַרשוואָלענע פיס און מיט אַזאַ שרעק אין זייערע אויגן. זיי פלעגן אַלע קומען אין דער זעלבער צייט, צו דעם זעלבן דאָקטאָר, פלעגן זיי אויסזען, ווי אימעצער וואָלט זיי געשיקט אַהער דורכצומאַרשירן דעם קאָרידאָר ווי אויף אַ פּאַראַד. איצט, אַז זיי האָבן שוין אַלע אָפּגעהאַט, דאַרפן זיי אויך קומען צו דעם זעלבן דאָקטאָר, אין דער זעלבער צייט. שטייען זיי אַלע צוזאַמען, ווי זיי פלעגן מסתמא שטיין אַמאָל, נאָך סקול, אַרום אַ קענדי־סטאָר, אַזוינע פריילעכע, אויס־געליידיקטע, מיט דינע טאַליעס און מען פרייט זיך, וואָס מען זעט זיך ווידער אַמאָל. איך קאָן ניט הערן וואָס זיי רעדן, אָבער איך פאַרשטיי שוין, נאָך זייער סודען זיך, נאָך די שטילע, איינגעהאַלטענע געלעכטערס, אַז דאָס דערציילט מען זיך וועגן אינטימען, פאַרהייראַטן לעבן.

אויף די בענק, אַרום דעם צימער וואו איך אַרבעט, זיצן די מיטל־יאָריקע און עלטערע פרויען. זיי רעדן אויך צווישן זיך, אָבער שטיל, אָן טומל און אָן פרייד. אויף מיין טיש ליגן זייערע צונויפגעשפּילעטע פּאַפּירן, פאַרשריבן מיט דער געשיכטע פון זייערע לעבנס און פון זייערע קראַנקהייטן. איך ווייס וועד פון זיי ס׳האָבן מענער, וויפיל קינדער יעדע פרוי האָט. וועמענס קינדער עס גייען אין סקול, און וועמענס עס אַרבעטן שוין ערגעץ אין אַ 10־סענט סטאָר, אָדער אין אַ פאַבריק. זייערע מענער, — אָדער זיי אַרבעטן ניט, אָדער פאַרדינען זייער ווייניק. און מסתמא זיינען זיי פּונקט אַזוינע אויסגעהאַרעוועטע, אומעטיקע, ווי די אויף די בענק דאָרט. איז וואָס איז שוין דאָ צו רעדן וועגן אַזוינע מענער ? אָבער איך ווייס, אַז זיי וואָלטן געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן זייערע קראַנקהייטן. גלייך פון אויבן־אויף ליגט פאַר מיר די געדיכט־פאַרשריבענע געשיכטע פון דער 40־יאָריקער דזשין ראָבערטאָ. זי קומט אַלע מאָל די ערשטע. זי זאָגט, אַז זי וויל אונטערזוכט ווערן פון דעם דאָקטאָר, איידער ער ווערט מיד פון די אַנדערע. זיצט זי די ערש־טע ביי דער טיר. איך דאַרף אַפילו ניט אַריינקוקן אין אירע פּאַפּירן, איך ווייס איר געשיכטע אויף אויסנווייניק; זי וועגט 180 פונט, איר קערפּער איז אָנגעגאָסן מיט פעטס און צוקער־קראַנקהייט. אירע פיס זיינען געשוואָלן און פאַלן אַריבער ווי פּענכערס. איר פּנים איז ברייט

און אירע באַקן הענגען אַראָפּ ווי ליידיקע טאָרבעס. אָבער אירע אויגן, אַזוינע טונקל־ברוינע, שמייכלען שטענדיק. אַפילו ווען דער דאָקטאָר האָט גענומען דעם ערשטן מאָל אויסרעכענען אירע קראַנקהייטן, האָט זי אים געקוקט אין די אויגן אַריין, געשמייכלט צו אים מיט אַזאַ גדולה, ווי עס וואָלט איר געוואַלטיק הנאה געטאָן, וואָס זי איז אַזוי קראַנק. איך האָב געהערט ווי זי האָט דערציילט די פרויען אויפן באַנק:

— ווען איך בין געקומען אַהער דעם ערשטן מאָל, האָט דער דאָק־טאָר געקוקט און געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט פון וועלכער זייט אָנצופאַנגען, האָט זי געלאַכט מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל, — האָט מען מיר אָנגעפאַנגען צו שיקן פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער. מיין מאַן זאָגט טאַקע, אַז איך האָב געמאַכט אַ „דעיט" מיטן שפּיטאָל . . . אָבער בעסער זאָגט ער, ווער איך נאָך אַלץ ניט . . . — און זי לאַכט מיט אַ מויל געזונטע ציין.

די צווייטע פרוי לעבן איר, איז בעסי קראָול. אַ יונגע נעגער־פרוי. זי האָט בלויז איין פאַרשריבן צייטל. זי האָט לעצטן יאָר געהאַט אַ קינד, וואָס איז גלייך געשטאָרבן. קומט זי אַהער יעדע וואָך און האָפט, אַז דער שפּיטאָל וועט זי געזונט מאַכן, זי זאָל קענען האָבן אַן אַנדער קינד. זי ווייסט נאָך ניט, אַז דאָ אויפן פּאַפּיר, איז פאַרשריבן, אַז זי וועט דאַרפן אינגיכן אָפּערירט ווערן, אַז מען וועט אפשר דאַרפן אינ־גאַנצן אַרויסנעמען איר געבער־מוטער. זיצט זי איצט אַן ערנסטע, מיט פאַרלייגטע הענט, הערט זיך צו צו די שכנות אויפן באַנק, און קוקט גאָר בשעת מעשה אַהין, צו די יונגע מאַמעס און טראַכט אוודאי, אַז ווען איר קינד וואָלט געלעבט, וואָלט זי איצט אויך דאָרטן געשטאַנען צווישן זיי. יעדעס מאָל, וואָס זי קומט אַהער, פרעגט זי זיך נאָך פאַרוואָס איר קינד איז געשטאָרבן:

— דאָס קינד איז דאָך געבאָרן געוואָרן אַ לעבעדיקס. פאַרוואָס איז עס געשטאָרבן? איך האָב דאָך אַליין געזען, ווי עס האָט געהאַלטן די אייגעלעך אָפן, — דערציילט זי די שכנות אויפן באַנק. — און ס'איז געשטאָרבן . . .

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, איז אַריינגעקומען אַהער אין מיין אָפּ־טיילונג דר. הוירש צו באַטראַכטן עטלעכע קראַנקע. איך קען דעם דר. הוירש. ער אַרבעט איצט אויבן, אויפן פערטן שטאָק. איך קען אים פון דער צייט, ווען מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין אָפּעריר־צימער. מיר זיינען שוין פיל מאָל אַרויס אין די אָוונטן צו אַ מואווי און אָפט

וואַרט ער אויף מיר אין דעם שפּיטאָל־רעסטאָראַן, וואו מיר עסן אונדזע־רע מאָלצייטן. ער איז אַן ערנסטער, שטילער מענטש און איך ווייס, אַז דער שפּיטאָל לייגט אויף אים אַ סך האָפענונגען. פּאַסירט זייער אָפט, אַז דער הויפּט־דאָקטאָר פון דעם קליניק, דר. טשיילדס, רופט אים אַראָפּ צו באַקענען אים מיט אינטערעסאַנטע „קעיסעס". דאָקטאָר טשאַילדס האָט אים דערלאַנגט בעסי קראָולס פּאַפּירן און געבעטן אים צו אונטער־זוכן זי. איך האָב אים געדאַרפט אַרויסהעלפן, האָב איך געזען, מיט וואָס פאַר אַן ערנסטקייט ער האָט זי באַטראַכט. ווי מאָדנע ער האָט געקוקט אויף דעם באַריכט פון די פריערדיקע אונטערזוכונגען. ער האָט פאַר־וואונדערט אַ זאָג געטאָן:

— אָהאָ, האָט מען זי עס צעריסן! . . .

דר. טשאַילדס האָט דאַן קורץ געענטפערט:

— ס'איז געווען אַ שווערער קיימפּעט.

דר. הוירש האָט געקנייטשט דעם שטערן און איז ניט געווען צו־פרידן. אַזאַ טבע האָט ער! אַז ער איז ניט צופרידן, קנייטשט ער דעם שטערן. געזאָגט האָט ער אָבער גאָרנישט. קיינער זאָגט גאָרנישט דעם דר. טשאַילדס. ער איז דאָ דער עלטסטער דאָקטאָר. אַלע ווייסן, אַז ער האָט אַ סך דערפאַרונג און אַ גרויסע פּראַקטיק. די אַלע פרויען, וואָס קומען אַהער, ווינטשן זיך אַלעמאָל אַריינצופאַלן אין זיינע הענט. אָבער איך, אַרבעטנדיק מיט אים שוין דאָס צווייטע יאָר, ווייס אַז ער איז אַ קאַלטער, גלייכגילטיקער מענטש. אַז אונטערזוכן די אָרעמע קראַנקע, איז ביי אים בלויז אַ רוטינע אַרבעט, אָן שום אינטערעס. ער האָט ניט קיין געדולד צו די קראַנקע, שרייט אויף זיי און וויל ניט ענטפערן, ווען מען פרעגט אים עפּעס. ער ווייזט בלויז אַרויס אַן אינטערעס, און זיינע אויגן ווערן לעבעדיקער, ווען ער האָט פאַר זיך ערנסטע קראַנקע. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אונטערזוכט ריווע שאַפּיראָ, האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז איך זע ממש ווי ער רייבט זיך די הענט פון צופרידנקייט; ווי ער וואָלט געפאַקט עפּעס אַן אוצר. ריווע שאַפּיראָ פלעגט פריער אַלע־מאָל קומען שפּעט, ווען אַלע בענק פלעגן שוין זיין פאַרנומען. אירע פּאַפּירן פלעגן אַלעמאָל ליגן גאָר פון אונטן, איז ביז מען פלעגט צו־קומען צו איר נאָמען, איז שוין געווען שפּעט, די דאָקטוירים, מידע, פלעגן שוין ניט האָבן קיין געדולד צו אירע טענות. אַז זי האָט ניט קיין צייט צו קומען אַהער אַזוי אָפט, און פאַרוואָס פילט זי שוין ניט בעסער? אַז די דאָקטוירים פלעגן שווייגן, דורך מיר איר אָנזאָגן ווען צו קומען אַ

יונג לעבן

צווייטן מאָל, פלעגט זי דערנאָך אין דער שטיל אַ פרעג טאָן ביי מיר:

— וואָס איז מיר? וואָס זוכן זיי ביי מיר?

איך וואָלט איר געקאָנט דערציילן, אַז זי איז זייער קראַנק, אַז מען איז חושד, אַז זי האָט אַ געפערלעכן געוויקס אין בויך. איך טאָר איר אָבער גאָרנישט זאָגן. איך דאַרף איר בלויז העלפן זיך אויסטאָן און אָנטאָן, דערלאַנגען דעם דאָקטער אַלץ, וואָס ער דאַרף ביים עקזאַמענירן, און איר אָנזאָגן ווען צו קומען אַ צווייטן מאָל. איך מעג אָבער צו איר שמייכלען. טרייסט איך זי און דערצייל איר, אַז זי טאָר אַזוי פיל ניט פאַרפעלן. אַניט וועט מען איר ניט קאָנען העלפן. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז זי וועט סיי־ווי ניט קומען צו דער צייט. זי פלעגט פאַרפעלן וואָכן און דערווייל איז זי געוואָרן ערגער, דער פנים געלער. אירע הענט, אַזוינע אויסגעדאָרטע, פאַרגעלטע הענט, מיט אַ סך בלויע אָדערלעך, האָבן איר אָנגעהויבן צו ציטערן. זי האָט אַמאָל באַמערקט, אַז איך קוק אויף אירע הענט, האָט זי זיי באַהאַלטן אין די קעשענעס און אַזאַ צעווייטיקטן שמייכל געטאָן:

— עפעס האָבן מיר גענומען ציטערן די הענט. מסתמא אַרבעט איך צו שווער . . .

איך האָב דאָך איר ניט געקאָנט זאָגן, אַז זי איז ערגער. אָבער אַז דר. טשאַילדס האָט זי באַטראַכט, דורכגעקוקט אירע פּאַפּירן, האָט ער אַן צערעמאָניעס אויף איר אַ געשריי געטאָן:

— וואָס קומט איר ניט, ווען מען הייסט אייך? ווייסט איר ניט, אַז איר זייט געפערלעך קראַנק? . . .

איך האָב געקענט זען, ווי מרס. שאַפּירא האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן. איר געל פנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ טויטער בלאַסקייט. זי איז געוואָרן אַזוי שוואַך, אַז איך האָב איר געדאַרפט העלפן אַרויפקריכן אויפן אונטערזוכונג־טיש. אוועקגעלייגט האָט זי זיך אַ שטילע. אַ מינע האָט זי געהאַט ווי זי וואָלט געזאָגט: נאַ, אָט גיב איך זיך אָפּ אין דיינע הענט . . . טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, אָבער ראַטעווע מיך!...

זינט דאַן היט זי אָפּ איר קומען. און כאָטש אין אירע פּאַפּירן שטייט ניט פאַרשריבן, אַז זי איז בעסער, קוקט זי אָבער אויס בעסער, האָפערדיקער: — איך ווייס, זאָגט זי, — אַז איך בין אין גוטע הענט. „ער" וועט מיר שוין געזונט מאַכן. — קוקט זי מיט האָפענונג און געבעט צו דעם דר. טשאַילדס.

אין קאָרידאָר דרייען זיך אויך אַרום קינדערלעך. קראַנקע קינדער

פעסי באך

מיט אויסגעבלייכטע רחמנות־פנימלעך, מיט פארלייגטע, קראנקע קעפע־לעך, און עס לויפן ארום געזונטע, אומרואיקע קינדער, וועמען א מאמע האט ניט געהאט וואו איבערצולאזן. די געזונטע קינדערלעך זיינען מקנא די קראנקע: אלע זיינען גוט צו די קראנקע, מען קוקט זיי אין פנים אריין און מאמעס זאגן צו גוטע זאכן, אויב זיי וועלן ניט וויינען ווען זיי דערזעען דעם דאקטאר. די קינדער וויינען סיי־ווי, אבער קוים קומען זיי ארויס פון דעם עקזאמינער־צימער, הויבן זיי אן איינצומאנען די צו־געזאגטע גוטע זאכן.

ביי מיין טיש האט זיך אוועקגעשטעלט א מיידעלע מיט שטייף־פארפלאכטענע צעפעלעך און דערשראקענע אייגעלעך. איר מאמען האט מען נארוואס אוועקגעפירט צו נעמען עקס־רעיס, איז דאס קינד געבליבן א פארלאזטע, א גרייטע צו נעמען וויינען. איך האב צו איר א שמייכל געטאן:

— העלא, ווי רופט מען דיך?

דאס קינד האט א פינטל געטאן מיט די אייגעלעך און אויפגעהערט קוקן אויף מיר. זי האט גענומען קוקן אויף דעם עקזאמינער־טיש. דער טיש איז געווען איבערגעצויגן מיט א ריינעם ליילעך, גרייט פאר א נייעם פאציענט, האב איך געפרעגט:

— ווילסט זיצן אביסל אויפן טיש?

דאס קינד האט שנעל א שאקל געטאן מיטן קעפל. איך האב זי ארויפגעזעצט אויפן טיש און געמאכט דעם אנשטעל, אז איך עקזאמיניר זי, פונקט ווי די נוירס אין דעם צימער אנטקעגן האט געטאן צו די קראנקע קינדער. דאס קינד האט געשמייכלט, ווי איך וואלט זי גליק־לעך געמאכט. פונקט דאן, איז דר. טשאילדס אריין. ער האט זיך גע־איילט אוועקצוגיין צו זיינע פריוואטע פאציענטן, האט ער שוין געוואלט דא פארטיק ווערן. ער האט אויף מיר א קוק געטאן, ווי איך וואלט משוגע געווארן. איך האב דאך אים ניט געקאנט דערציילן, אז דאס קינד האט זיך ארומגעדרייט א פאריתומטע, אז איר קראנקער מאמען האט מען אזוי ווי געטאן, אז איר איז ניט געלעגן אינזינען זיך אומצוקוקן אויף איר קינד. דר. טשאילדס האט מיר אפגעמאסטן:

— עליס, דא איז ניטא קיין צייט צו שפילן זיך . . . א נוירס דארף אינזינען האבן איר ארבעט! . . .

עס איז געווען א שווערער, לאנגער טאג. עס האט זיך מיר געדאכט, אז עס וועט גאר ניט נעמען קיין סוף צו די קראנקע. אט ערשט זיינען

יונג לעבן

די בענק געוואָרן אָפּגעליידיקט, און איידער איך האָב באַוויזן צונויפצוי־לייגן די פּאַפּירן, שיקן זיי אין אָפּיס אַריין, זיינען שוין די בענק צוריק באַזעצט געוואָרן מיט נייע פּאַציענטן. ערשט אַרום דריי אַזייגער איז געוואָרן ליידיקער אין דעם גרויסן, לאַנגן קאָרידאָר. וואו־ניט־וואו, איז נאָך געזעסן אַ פּאַציענט און געוואַרט אויף אַ באַריכט פון אַ דאָקטאָר. אין דער לופטן האָט זיך נאָך געפילט דער טומל פון אַ גאַנצן טאָג.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווער איך פאַרטיק מיט מיין טאָג אַר־בעט. פאַרשרייבנדיק די וויזיטן פון די קראַנקע, האָב איך שוין צייט אַ טראַכט צו טאָן, אַז איך האָב פּאַר היינט בייגאַכט אַ „דעיט" מיט דעם דר. הורש. פּאַסירט האָט עס אַזוי: בייטאָג, ווען איך בין געזעסן ביי אַ טישל אין שפּיטאָל־רעסטאָראַן איז צוגעקומען דר. הורש מיט זיינע טעלערלעך עסנס, זיך געזעצט אַנטקעגן מיר און אָפּגעזיפצט:

— צופיל קראַנקע פאַר איין טאָג. פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל קראַנקע? איר האָט אויך געהאַט אַ שווערן טאָג! — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיין פאַרמאַטערטן פּנים.

איך האָב בלויז געשמייכלט. איך האָב אים ניט געדאַרפט דערציילן, ווי פאַרנומען מיר זיינען אין דעם קליניק. ער האָט שוין דאָרט אויך געאַרבעט. ער האָט שוין געאַרבעט אין יעדער אָפּטיילונג פון דעם גרויסן שפּיטאָל און פאַרענדיקט דאָ איצט זיין לעצטן יאָר. איך האָב געהערט, ווי די נוירסעס רעדן צווישן זיך וועגן אים, אַז ער איז דער שענסטער דאָקטאָר פון שפּיטאָל. — עס וועט אונדז בלייבן אומעטיק אָן אים — באַקלאָגן זיי זיך, כאָטש דר. הורש האָט זייער זעלטן פאַר־בראַכט מיט זיי. ער איז שטענדיק פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. איך בין זיכער, אַז אויב ער האָט מיך געבעטן אַרויסגיין מיט אים אַמאָל, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב אַ סך געדולד זיך צוצוהערן צו זיינע דערפאַרונגען און עקספּערימענטן. ער האָט אויך געוואוסט, אַז איך קען שווייגן ווען ער איז ניט אויפגעלייגט צו רעדן. איך האָב אים אַמאָל געפרעגט, צי ער וועט אינגיכן עפענען אָן אייגענעם אָפיס, האָט ער אַ שמייכל געטאָן:

— כדי צו עפענען אָן אייגענעם אָפיס, דאַרף איך פריער קריגן אַ גרויסן נדן. איז אָבער אַ צרה, אַז די מיידלעך מיט די גרויסע נדנען זיינען אָדער עלטערע מיידלעך, אָדער מיאוסע . . . וועל איך בעסער חתונה האָבן מיט אַ שיינער מיידל און ניט עפענען קיין אָפיס! . . . בין איך נישט גערעכט? — לאַכט ער צו מיר אַ פריילעכער. און איך האָב

פעסי באך

שוין געוואוסט, אַז ער איז פריילעך, ווייל ער האָט געהאַט אַ גוטן טאָג אין זיין אָפּטיילונג. אַז אַוודאי איז אַן ערנסטער קראַנקער בעסער געוואָרן. שפּעטער־צו, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מען רעדט אין שפּיטאָל אַנצובאַטן דר. הוירשן ער זאָל פאַרבלייבן אַרבעטן אין שפּיטאָל. דאָס האָט מיר דערציילט די הויפּט־פאַרוואַלטערין פון די נוירסעס. איך האָב אין מיין ליידיקער צייט איר אַרויסגעהאָלפן מיט אַ וויכטיקער אַרבעט, האָט זי אין אַ צופרידענעם מאָמענט מיר פאַרטרויט דעם סוד. איך האָב ניט געוואוסט, צי דר. הוירש ווייסט וועגן דעם, אָבער היינט בייטאָג, האָט ער עסנדיק זיין זופּ, צו מיר פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט היינט פאַרנומען? ניין? איך האָב היינט אַ פרייען אָוונט, איז אפשר עסן מיר היינט ביינאַכט אין אַ לייטישן רעסטאָראַן?

איך האָב זיך געוואונדערט; איך האָב געוואוסט, אַז עסן אין אַ לייטישן רעסטאָראַן איז אַביסל צו־טייער פאַר אים, האָב איך פאַרזיכטיק געפרעגט:

— און וואָס איז שלעכט אין דעם רעסטאָראַן, וואו מיר האָבן לעצטע וואָך געגעסן?

דר. הוירש האָט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין:

— אַהאַ, — האָט ער אַ פריילעכער מיר אָנגעקוקט. — היינט ביינאַכט וועט זיין אַן אויסנאַם. היינט ביינאַכט ווען מיר זיך אפילו פאַרגינען אַ טעאַטער אויך! איך האָב היינט געהערט גוטע נייעס. אַז איר וועט מיר דערמאָנען, וועל איך עס אייך דערציילן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין דעם אָנבאָט פון שפּיטאָל. איך האָב געקענט זען, אַז ער איז צופרידן מיט דעם אָנבאָט. איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט זיך ניט רעכענען מיט דעם, וואָס ער וועט דאָ פאַרדינען ווייניק, ער וועט זיך פרייען מיט דער געלעגנהייט צו אַרבעטן און פאַרגרעסערן זיין וויסן. אַוודאי וואָלט מיר געוווען אומעטיק ווען ער פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל. אין שווערע מינוטן איז גוט אַ טראַכט צו טאָן, אַז אפשר וועל איך אין אָוונט פאַרברענגען מיט אים. כאָטש ער איז ניט קיין באַרעדעוודיקער, איז מיר אָבער אַלעמאָל געווען פריילעך מיט אים.

— גוט. — האָב איך צוריק געשמייכלט. עס וועט היינט זיין יום־טוב. אַ לייטישער רעסטאָראַן, און דערנאָך אַ טעאַטער. ווי עס פירן זיך לייטישע דאָקטוירים . . .

— און לייטישע נוירסעס! — האָט ער צו מיר אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג.

יונג לעבן

איך האָב נאָך קיינמאָל אים ניט געזען אַזאַ פריילעכן. און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז ער קען זיך אַזוי איבערווינקען! עס האָט מיר שוין ניט געאַרט צו טראַכטן, אַז מאָרגן וועל איך ווייטער האָבן אַ שווערן טאָג, איך וועל ווייטער דאַרפן זיך אָנהערן מיט אַזוי פיל צרות, אַזוי פיל אומגליקן. איך האָב געוואוסט, אַז היינט ביינאַכט, ווען מיר זיין פריי־לעך, אַז היינט ביינאַכט וועל איך ניט טראַכטן וועגן מאָרגן.

II

ס'איז שוין אַ פּאָר חדשים ווי איך אַרבעט אויפן 4טן שטאָק, וואו ס'ליגן ערנסטע קראַנקע, אַזעלכע וועלכע מאַכן דורך שווערע אָפּעראַציעס. מיין טישל געפינט זיך גליך ביי דער טיר פון גרויסן צימער, אַזוי, אַז ווען איך זיץ און פאַרשרייב אין בוך אַריין דעם צושטאַנד פון די קראַנקע, קען איך אַלע ווײַלע אַריינקוקן אין צימער, זען וואָס דאָרטן טוט זיך און קען הערן צי אַ פּאַציענט רופט נישט.

אין דעם גרויסן צימער איז געווען זייער שטיל, אַזוי שטיל, אַז מ'האָט געקענט הערן דעם געזויש פון דרויסן — אַן עראָפּלאַן איז ער־געץ געפלויגן, האָט זיך דערטראָגן דער גערויש פון מאָטאָר. די וועלכע זיינען ניט געשלאָפן, האָבן אַ קוק געטאָן צו דער סטעליע, פונקט ווי זיי וואָלטן דערוואַרט צו זען דאָרט דעם עראָפּלאַן.

— ס'פליען היינט אַ סך עראָפּלאַנען . . . — האָט איין קראַנקער אַ זאָג געטאָן צום צווייטן און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. אַפילו די, וועלכע וואָלטן געקענט זיך אויפזעצן, זיינען אויך געלעגן אויסגעצויגענע אונטער די גלאַט־אָנגעצויגענע קאָלדרעס. ס'איז געווען די אָפּרו־שעה, ווען אַלע פּאַציענטן דאַרפן רוען. די שטאָרן זיינען געווען אַראָפּגעצויגן און די טיר האַלב־פאַרמאַכט, איז אין דעם צימער געווען פינצטערלעך און שלע־פעריק.

ס'האָט מיך געצויגן צו דעם שטילן שמועס וואָס ס'האָט זיך געטראָגן פון אַ דערבייאיקער טיר. דאָרטן זיינען געזעסן די נוירסעס און זיך אָפּ־גערוט פאַר דער נאָכמיטאָג־אַרבעט. ס'האָט מיך אַ ציִ געטאָן אַהין, צו די מיידלעך, זיך אַריינזעצן צווישן זיי און ריידן וועגן לייכטע, שפּאַסיקע זאַכן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז קוים וואָלט איך אַריין אַהין, וואָלט מיר געוואָרן לייכטער, פונקט ווי דער גאַנצער קראַכמאַל פון מיין ווייס קלייד וואָלט אַרויס.

איך האָב פאַרמאַכט דעם בוך, אַ קוק געטאָן צו די קראַנקע און זיך

געלאָזט גיין אַהין, צו די נוירסעס. פּונקט דאַן האָט זיך געעפנט די טיר פון עלעוועיטאָר און דר. הוירש איז אַרויס. אויפן האַלדז האָט ער גע־טראָגן זיין אויסהער־טרייבל. ער האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן:

— העלאָ, עליס!

איך בין געבליבן שטיין:

— העלאָ, דאָקטאָר!

— וואָס הערט זיך דאָרט? — האָט ער מיטן קאָפּ אָנגעוויזן צום קראַנקן צימער.

— די פּאַציענטן רוען. — האָב איך געענטפערט.

— ווי אַזוי איז דער פּאַציענט אין דריטן בעט? — האָט ער באַ־זאָרגט געפרעגט.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן:

— אָ, דער קאַפּלאַן? ער האָט געהאַט אַ שווערן פרימאָרגן. איצט ליגט ער רואיק. וויזט אויס, אַז ער פילט אַביסל בעסער.

דר. הוירש האָט אַ פאַראינטערעסירטער זיך צוגעהערט:

— אַהאַ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — דאָס איז גוט. איך וועל אַריין אויף אים אַ קוק טאָן.

איך בין געבליבן שטיין אָן אַנטוויטשע; אויב ער גייט אַריין צום קראַנקן, דאַרף איך אויך מיטגיין. אַבי איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קענען זיצן מיט די מיידלעך אַ ווילע. איך האָב פּרובירט זאָגן:

— אָבער דאָקטאָר, איך גלויב, אַז ער שלאָפט איצט. איר וועט אים דאָך ניט אויפוועקן?

דר. הוירש האָט געקוקט אָן אַ זייט:

— איר זענט דאָך אַוודאי געגאַנגען זיצן מיט די מיידלעך? נו, גוט, איך וועל אייך ניט דאַרפן. איך וועל בלויז אַ קוק טאָן אויף אים.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים. ער איז געווען בלייך, די אויגן מיד. אַ סך קנייטשעלעך האָבן זיך צעלייגט אַרום זיינע אויגן און אים געמאַכט אויסקוקן עלטער. איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט; עטלעכע ערנסטע קראַנקע זיינען צוגעקומען, אַזוי, אַז ער האָט קיין מינוט ניט געהאַט זיך אָפּצורוען. ווען ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין פּאַרטיק, האָט ער דערהערט אַ טומל אַרום מר. קאַפּלאַנס בעט.

— ס'איז געווען עפּעס שרעקלעך, — האָט מיר די ביינאַכטיקע נוירס דערציילט, — אַ גאַנצן אָוונט איז דער קראַנקער געווען רואיק, האָט מען אים אָנשטאָט אַ נאָדל, פאַרן שלאָף, געגעבן עטלעכע קליינע,

ווייסע פילכלעך. אין מיטן דער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, פּלוצ־לונג געגומען זיך וואַרפן און קריכן פון בעט . . . איידער די נוירס איז צו אים צוגעלאָפן, איז ער שוין געזעסן מיט די פיס אַראָפּ, גרייט אַרויס־צוקריכן. ס׳איז געוואָרן אין שפּיטאָל־צימער אַ טומל. די דערשראָקענע קראַנקע אין די שכנישע בעטן האָבן זיך צעשריען; זיי האָבן זיך גענוג אָנגעהערט, וואָס ס׳פּאַסירט מיט אַ קראַנקן, ווען ער איז אין אַזאַ צושטאַנד און וויל לויפן פון בעט.

די נוירס האָט דעם קראַנקן צוריק געלייגט, אָבער ער האָט זיך גע־ריסן פון אירע הענט:

— לאָזט מיך צורו! . . . — האָט ער אַ ווילדער געשריען, — איך בין ניט קראַנק . . . לאָזט מיך אָפּ! . .

ווען מ׳האָט געבראַכט צוטראָגן צוויי ברעטלעך, אַרומצוצאַמען זיין בעט, איז ער געוואָרן נאָך ווילדער.

האָט די ביינאַכטיקע נוירס אַ זאָג געטאָן:

— ווידער זיין בעט אַרויספירן פון דאַנעט! . . . אים פאַרמאַכן אין אַ זייטיקן צימער! . . .

כאָטש דער קראַנקער איז געווען ווילד, זיין מוח דערהיצט, פאַר־נעפּלט, האָט ער עס דערהערט. ער האָט אַזוי ווילד זיך צעשריען, מ׳זאָל זיין בעט ניט רירן, אַז אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף די אַנדערע קראַנקע.

— פירט אים אַרויס פון דאַנעט! — האָבן זיי גענומען ליאַרעמען.

— פירט אים אַרויס!

דאַן איז דר. הירש געקומען צולויפן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן קראַנקן און פאַרשטאַנען, אַז די פאַרטויבונג־פילכעלעך, וועלכע מ׳האָט אים געגעבן צו שלאָפן, האָבן געווירקט אויף זיין אָפּגעשוואַכטן מוח פונקט פאַרקערט. ער האָט אָפּגעשטופּט דער נוירס, גענומען זיין האַנט און רו־איק געזאָגט:

— העלאָ, מר. קאַפּלאַן, וואָס איז געשען?

— דר. הירש, — האָט דער קראַנקער גענומען זיך פאַר אים קלאָגן, — זיי ווילן מיך אַרויספירן פון דאַנעט . . . לאָזט זיי ניט! . . . זיי זאָגן, אַז איך בין געוואָרן ווילד . . . ס׳איז נישט אמת . . . זיי טראַכטן אויף מיר אויס אַ בילבול . . .

דר. הירש האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַוודאי, מר. קאַפּלאַן, איז עס אַ בילבול. לייגט זיך איצט אַוועק און שלאָפט איין. קיינער וועט אייך נישט טשעפּען. וואָס ווילט איר פון

פּעסי באך

אים ?! — האָט ער כלומרשט זיך צעבייזערט אויף דער נוירס. — ער איז אַלראַיט! . . . לאָזט אים שלאָפן! . . .

דער קראַנקער איז געבליבן ליגן רואיק. ער האָט זיך געלאָזט איינדעקן, און פילנדיק דעם דאָקטאָרס האַנט אויף זיך, איז ער איינגעשלאָפן. ערשט דאַן איז דר. הוירש אַוועק זיך צוליגן. דאַכט זיך, אַז נאָך אַזאַ נאַכט וואָלט דר. הוירש איצט געדאַרפט רוען, פּונקט ווי ס׳טוען איצט די אַנדערע דאָקטוירים, גייט ער אַרום גאָר צווישן די קראַנקע.

איך האָב געקוקט צו דער פאַרמאַכטער טיר פון דער נוירסעס אָפּרוּצימער, געהערט דאָרט דעם שטילן שמועס, דעם איינגעהאַלטענעם געלעכטער, אָבער ס׳האָט מיר שוין מער ניט געצויגן אַהין. איך האָב גענומען זיין אָרעם און אַ פריילעכע געזאָגט:

— וועמען ווילט זיך עס רוען? קומט, מיר וועלן אַריין צו די קראַנקע.

דר. הוירש האָט אַ צופרידענער געשמייכלט. ער האָט מיט זיין אָרעם אַ דריק געטאָן מיין האַנט.

— ווי יונג ער קוקט אויס, ווען ער שמייכלט,—האָב איך געטראַכט.

— אַזאַ ליבער מענטש. נישט אומזיסט האָבן אים אַלע ליב! אַ צופרידענע, מיט לייכטע טריט, בין איך אים נאָכגעגאַנגען צו מר. קאַפּלאַנס בעט.

דער קראַנקער איז געלעגן שטיל, מיט אָפענע אויגן. זיין פּנים איז געוועזן בלייך, אויסגעצערט, און אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט געוועזן פאַרפייניקט.

דער שכן ביי זיין בעט, דער אַלטער פּאַליאַק, מיט אַזוינע לאַנגע וואָנצעס, וועלכער האָט ביינאַכט געשריען אויף פּויליש, מ׳זאָל קאַפּלאַנען בינדן, האָט איצט פריינטלעך געשמייכלט. ער האָט געזאָגט צום דאָקטאָר:

— איר זעט ווי רואיק ער ליגט? ווי אַ קעצעלע . . .

מר. קאַפּלאַן האָט אַ פאַרשולדיקטער געשמייכלט:

— ס׳פאַרדריסט מיך, דאָקטאָר, וואָס כ׳האָב אָנגעמאַכט אַזאַ טומל... מ׳זאָגט מיר, אַז איך בין געוועזן ווילד . . . איך אַליין, געדענק גאָרנישט...

דר. הוירש האָט אים באַרואיקט:

— גלויבט זיי נישט, — האָט ער געשפּאַסט. — זיי טראַכטן אויס אויף אייך אַ בילבול! . . . צו מיר האָט ער אינדערשטיל אַ זאָג געטאָן:

— ער איז גוט קראַנק . . . מ׳דאַרף אים היטן . .

איך האָב אים נאָכגעקוקט ווי ער עקזאַמינירט מר. קאַפּלאַנען. איך האָב געקוקט אויף זיינע געשיקטע, דאָקטאָרשע הענט; נישט אומזיסט האָט מען אים אָנגעבאָטן צו פאַרבלייבן אַרבעטן אין שפּיטאָל! נישט אומזיסט לייגט מען אויף אים אַזוי פיל האָפענונגען!

שפּעטער אַ ווײַלע האָב איך שוין קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן אים. דער שפּיטאָל־צימער האָט זיך אויפגעכאַפּט, די קראַנקע האָבן זיך גענומען רירן. ס'איז צוריק געוואָרן ליכטיק און די רוטינע אַרבעט פון אַ נאָכמיטאָג האָט זיך אָנגעפאַנגען. די אַנדערע נוירסעס וועלכע האָבן מיט אַ ווײַלע פריער גערוט, זיינען אַריינגעקומען גרייט פאַר זייער אַרבעט.

איך האָב אַפילו קיין צייט ניט געהאַט ביי זיי זיך נאָכצופרעגן וועגן וואָס זיי האָבן דאָרט געלאַכט. ערשט ווען איך האָב געפירט דורכן צימער אַ טישעלע מיט מעדיצין און טערמאָמעטערס, האָט די בלאָנדע מילדרעד מיך אָנגעיאָגט. זי האָט כלומרשט מיר געהאָלפן שטופּן דאָס טישעלע און דערווײַלע אין דער שטיל מיר דערציילט:

— געדענקסט, עליס, העלענען, די הויכע מויד? זי האָט אַמאָל געאַרבעט דאָ, אין אונדזער אָפּטיילונג. איצט קומט זי צוריק אַהער! אַרבעטן מיט אונדז! . . .

אַז איך האָב זיך געוואונדערט און מילדרעד האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז די ערשטע מיר אָנצוזאָגן די נייעס, האָט זי זיך אַזש פאַרכלינעט:

— יעפּ. מ'פירט זי צוריק אַריבער אַהער! פריער איז איר ניט אָנגעשטאַנען צו אַרבעטן אין אַ „וואָרד", ס'האָט זיך איר געוואָלט באַדינען די רייכע, אין די פּריוואַטע צימערן . . . איצט, אַז דר. וויליאַמס איז געוואָרן צו איר קאַלט, שיקט מען זי צוריק! . . .

איך האָב זיך טאַקע דערמאָנט, אַז העלען האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן אין עס־צימער, צו די אַנדערע נוירסעס:

— אויב איך קען ניט קריגן אַ דאָקטאָר פאַר אַ מאַן, טאָ וועל צום שוואַרץ־יאָר וויל עס זיין אַ נוירס!

מסתמא האָט זי ניט געוואוסט, אַז דר. וויליאַמס זוכט גאָר אַרום אַ מיידל מיט געלט, ער זאָל קענען עפענען אַן אָפיס, ווען ער וועט אַרויס פון שפּיטאָל. איך האָב מילדרעדן געענטפערט:

— איך וואָלט איר מוחל געווען די טובה, וואָס זי קומט אַהער. ס'איז שווער צו אַרבעטן מיט איר. כ'געדענק נאָך די צרות וואָס מיר פלעגן האָבן פון איר ווען זי האָט געאַרבעט אונטן, אין קליניק. די פּאַציענטן פלעגן זי אויסמיידן . . .

פּעסי באָך

מיר זיינען געבליבן שטיין לעבן אַ בעט. מילדרעד האָט אַרויסגענומען אַ טערמאָמעטער פון אַ סלויעקל, דאָס אַ טרייסל געטאָן, אַריינגערוקט דעם קראַנקן אין מויל און געזאָגט:

— דר. הוירש האָט זי אויך ניט ליב. זי האָט אַמאָל פּרובירט מאַכן חנדעלעך צו אים, האָט ער איר געהייסן האָבן אינזינען די פּאַציענטן! . . .

— האָט מילדרעד געכיכעט, אַרויסגענומען דעם טערמאָמעטער, פאַרשריבן און געפרעגט:

— האָסט פאַר היינט ביינאַכט אַ דעיט?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, איך בין געווען צו פאַרנומען.

מילדרעד האָט שוין געשטופּט דעם טישעלע צו אַ צווייטער בעט און פאַרבייגייענדיק דער מרס. בעק, האָט זי אַ זאָג געטאָן אַביסל צו הויך, ווייל איך האָב דערהערט:

— עליס איז אַ נאַר. הענגט אַרום דעם דר. הוירש . . . ער האָט זי אַפילו ניט אין זינען!

מרס. בעק איז געבליבן שטיין. זי איז געווען אַ סך העכער פון מילדרעדן, גרויס און ברייט-פּלייציק, האָט זי אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון איר ווייס קלייד און אַראָפּגעקוקט צו איר:

— דו, „בעיבי", לאָז זיי ביידן צורו. זיי וועלן זיין אַ וואויל פּאָר!

איך האָב געזען, ווי מילדרעד האָט איר נאָכגעקוקט מיט אָן אָפן מויל. זי האָט דערנאָך פריילעך אַ נעם געטאָן דאָס טישל, ווי זי וואָלט געגאַנגען אַ טאַנץ און זיך צוגעגליטשט צו אַן אַנדער בעט. קראַנקע מענער האָבן איר נאָכגעקוקט. מסתמא האָט יעדער איינער געוואָלט וויסן וואָס זי שמייכלט אַזוי, וואָס זי האָט זיך געסודעט מיט די אַנדערע נוירסעס. איך ווייס, אַז ס'איז געווען פאַר זיי אַ פרעמדע וועלט, אַ וועלט פון נוירסעס און דאָקטוירים, אין וועלכע זיי, די קראַנקע, קענען ניט אַריינקוקן און גאָרנישט דערהערן.

איך בין אַוועק אַ קוק טאָן אויף מר. קאַפּלאַן. דר. הוירש האָט אָנגעזאָגט אים צו היטן, בין איך אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צו אים, געהיט זיין פּולס און באַקוועם געמאַכט זיין בעט. מר. קאַפּלאַן האָט געקוקט אויף מיר מיט דאַנקבאַרע אויגן:

— איר ווייסט, נוירס, אין מיטן דער נאַכט, ווען איך קען ניט שלאָפן, און די נוירסעס גייען אַרום מיט אַזוינע לייכטע טריט, גייען פון בעט-צו-בעט, דאַכט זיך מיר, אַז מיר זיינען דאָ אַלע ווי הילפלאָזע קינדער און איר זייט די מאַמעס . . .

יונג לעבן

איך בין געווען גערירט. איך האָב גענומען לאַכן:

— אַוודאי זענט איר ווי קינדער. טאָ ליגט נאָר רואיק, וועט איר ווערן שנעלער געזונט.

מר. קאַפּלאַן האָט אַ דערשראָקענער אָנגענומען מיין האַנט. אַ קאַל־טער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין שטערן.

— איך האָב מורא פאַר דער נאַכט, — האָט ער זיך ביי מיר גע־בעטן, — איך ווייס ניט וואָס מיט מיר טוט זיך דאַן . . . איך ווער ווילד. איך ווייס עס . . . מ'וועט מיך וועלן פאַרשפּאַרן. איך קען נאָך אַזוי משוגע ווערן . . . — האָט אַ גרויל אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

איך האָב פּאַוואָלינקע, ער זאָל אַפילו ניט פילן, אַרויסגעצויגן מיין האַנט פון זיינער. איך האָב באַקוועם אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויפן אויפ־געקלאַפּטן קישן, און ווי מ'רעדט צו אַ קראַנק קינד, אים באַרואיקט, אַז דר. הוירש וועט שוין פאַרזאָרגן, מ'זאָל אויף אים אַכטונג געבן.

דעם קראַנקנס פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— אָ, דער דר. הוירש! ער איז אַזאַ פיינער מענטש! ער ראַטע־וועט אונדז דאָ! . . . כאָטש מיר זיינען אָרעם און ס'איז אַ שטאָטישער שפּיטאָל, איז ער אַזוי גוט צו אונדז! וועט ער דאָ זיין די נאַכט?

איך האָב אַן אומעטיקע אַ טראַכט געטאָן, אַז מסתמא וועט זיך שוין עפּעס אונטערדרוקן, און ער וועט פאַרבלייבן.

— איך ווייס ניט, — האָב איך שטיל געענטפערט. — אָבער ער וועט אייך סיי־ווי באַזאָרגן.

פאַרנאַכט־צו, איידער די נוירסעס האָבן זיך געדאַרפט בייטן, בין איך געזעסן ביים טישעלע און אַריינגעשריבן אין בוך אַריין, וואָס מ'האָט יעדן פּאַציענט געטאָן דורכן טאָג. איך האָב געטראַכט, אַז אין אַ ווײַלע אַרום וועל איך פריי. איך וועל קענען אַרויס פון שפּיטאָל־בילדינג און גיין וואו איך וועל וועלן. די צרה איז נאָר וואָס איך קען ניט אַוועק פון שפּיטאָל ווייט גענוג, איך זאָל קענען פאַרגעסן אָן קראַנקע און קראַנקהייטן. איך גיי בלויז דורך דעם גרויסן הויף, און איך בין שוין אין דער היים. אין דער היים פון די נוירסעס, וואו ס'שמעקט מיט די זעלבע ריחות פון שפּיטאָל, מיט דער זעלבער רוטין: איצט דאַרף מען זיך איבערטאָן, דערנאָך גיין אין אַלגעמיינעם עס־צימער, עסן די זעלבע זאַכן וואָס צענד־ליקער אַנדערע מיידלעך עסן. אויב אימעצער פון די מיידלעך האָט אַ „דעיט", פּלאַטערן זיי פריילעכע, פאַרפּוצטע אַרויס. אַניט קלייבט מען זיך צוזאַמען אין דעם גרויסן אויפנאַמס־צימער און מען פּרובירט זיך מאַכן פריילעך.

פעסי באך

ניט ווייט פון מיין טישל איז דר. הוירשס אָפּענער אָפיס, איך קען זען ווי ער זיצט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן האַנט און באַטראַכט עקס־רעי בילדער. ס'פּאַסירט אַ סך מאָל וואָס ער רופט מיך אַריין ווייזן די קאָמפּ־ליצירטע פלעקן און פּאַסיקלעך אויפן בילד. ער האָט טאַקע אַ קוק געטאָן צו מיין זייט און אַ רוף געטאָן:

— עליס!

כאָטש איך בין געוואוינט געווען דר. הוירש זאָל מיך אָפּט רופן, האָב איך זיך אַ צאַפּל געטאָן. איך האָב מיט אימפּעט פאַרמאַכט דעם בוך און בין אַריין צו אים אין אָפיס.

— יע, דר. הוירש?

דר. הוירש האָט אָװעקגעלייגט די עקס־רעיען אָן אַ זייט:

— איך האָב אייך געוואָלט עפּעס ווייזן, נאָר ס'איז שוין שפּעט, איר דאַרפט שוין גיין.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג טישל, אַ קוק געטאָן אויף די עקס־רעי בילדער און געזאָגט:

— יע. און ווען ווערט איר פאַרטיק? איר רוט זיך ווען אַמאָל אָפּ?

דר. הוירש האָט זיך אַ צי געטאָן אויפן שטול. פריילעך זיך אויס־געקנאַקט די פינגער:

— איך קען זיך רוען ביז מאָרגן אינדערפרי. היינט אַרבעט איך ניט!

איך האָב געהאָפט, אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי איך האָב זיך דער־פרייט. איך האָב געוואָלט דערשטיקן אין זיך די האָפענונג, אַז ער וועט מיך רופן גיין מיט אים ערגעץ. ס'האָט שוין פּאַסירט אַ סך מאָל, וואָס מיר האָבן געזאָלט אַרויסגיין פאַרברענגען ערגעץ און שטענדיק האָט זיך עפּעס געמאַכט אָן אָפּהאַלט. איך האָב פּרובירט זיין גלייכגילטיק:

— אָ, יע? דאָס איז גוט.

ער האָט אַ פריילעכער געקוקט אויף מיר:

— אפשר גייען מיר היינט ערגעץ פאַרברענגען? וואָס זאָגט איר דערצו?

איך האָב אַ שמייכל געטאָן:

— איר זענט זיכער, אַז איר וועט זיין פריי? אַז קיינער וועט אייך ניט אָװעקרופן? און אַ דאָקטוירים־מיטינג האָט איר אויך ניט? פאַר־געסט ניט, אַז איר זייט דאָך איצט עפּעס אַ וויכטיקער דאָקטאָר! . . . — האָב איך גערעדט, כדי ער זאָל ניט באַמערקן, ווי איך פריי זיך מיט דעם

יונג לעבן

אויסקוק צו פֿאַרברענגען אַן אָוונט.

דר. הוירש האָט געקוואָלן:

— היינטיקער אָוונט געהערט צו אונדז!

— ווען וועט זיך דער אָוונט אָנפֿאַנגען? — האָב איך זיך געפֿרייט.

דר. הוירש האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע פּאַפּירן.

— איך דאַרף בלויז באַזאָרגן אַ פּאָר קליניקייטן. איך וויל נאָך אויך זען מר. קאַפּלאַנען. דאָס אַלעס.

איך האָב זיך דערמאָנט:

— אָ, יע! דער קאַפּלאַן שרעקט זיך פֿאַר דער נאַכט. פֿאַרשרייבט אים עפּעס, דאָקטאָר, באַרואיקט אים.

דר. הוירש האָט מיר אַ גלעט געטאָן די באַק:

— יע, נוירס. איר האָט מיך נאָך וואָס אָנצוזאָגן?

— איר זאָלט ניט זיין שפּעט, איך וועל וואַרטן אויף אייך!...

דורכגייענדיק דעם קראַנקן־צימער, בין איך געבליבן שטיין לעבן מר. קאַפּלאַנס בעט. איך האָב אים דערציילט, אַז דר. הוירש האָט פֿאַר־זאָרגט וואָס אים צו געבן פֿאַר דער נאַכט, וועט ער שוין שלאָפֿן.

מר. קאַפּלאַן האָט געשוויגן. ער האָט בלויז קוים, קוים אַ שמייכל געטאָן. — ער קוקט אויס שלעכט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ס'האָט זיך מיר זייער געוואָלט, אַז פּונקט איצט, ווען ס'איז מיר אַזוי גוט, זאָלן אַלע פֿילן גוט. איך האָב אָבער געזען, אַז דער קראַנקער פֿילט זייער ניט גוט.

מילדרעד איז צוגעלאָפֿן צו מיר אָן אָטעם, ווי זי וואָלט מורא גע־האָט, אַז זי וועט מיר פֿאַרזאַמען. זי האָט שוין געטראָגן איר בלויע פּע־לערינע אויף אירע פּלייצעס:

— עליס! — האָט זי מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן. — איז עס אמת? דו האָסט אַ „דעיט" מיט דר. הוירשן?

איך האָב אַ פֿייף געטאָן:

— פֿיו, ווי שנעל דו האָסט זיך עס דערוואוסט! ביסטו אפֿשר גע־שטאַנען הינטערן טיר?

— מרס. בעק האָט מיר נאָרוואָס דערציילט, — האָט מילדרעד גע־קוואָלן. — זי האָט געהערט ווי דר. הוירש האָט אָנגעזאָגט דר. קעריסן, אַז ער וועט זיין דעם אָוונט אַוועק, אַז ער האָט מיט דיר דעם אָוונט אַ „דעיט"! דזשי! — האָט זי אַ זיפֿץ געטאָן, — איך בין אַמאָל געגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן מיט עפּעס אַ נייעם אינטורן, האָב איך געדאַרפֿט פֿאַר

אים צאָלן . . . ער האָט ניט געהאַט קיין סענט . . .

איך האָב זיך צעלאַכט, אַ קוק געטאָן אויף מר. קאַפּלאַנען און אויפ־געהערט צו לאַכן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיין פּנים איז געוואָרן געל. ער האָט געקוקט אויף מיר און אין זיינע אויגן האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אַזאַ שרעק, אַז ס'איז מיר אַזש קאַלט געוואָרן.

— מיס, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, — איר האָט געזאָגט, אַז דר. הוירש וועט דאָ די נאַכט ניט זיין ?

— ער קען דאָ ניט זיין אַלע נאַכט. — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף פאַרענטפערן דר. הוירשן. — דר. קעריס וועט דאָ זיין. איר דאַרפט זיך ניט זאָרגן, ער איז אויך אַ גוטער דאָקטאָר.

מר. קאַפּלאַן האָט געשוויגן. ער האָט מיטן שפּיץ צונג באַנעצט די פאַרטריקנטע ליפּן און ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף מיר.

— אַ גוטע נאַכט, מר. קאַפּלאַן, — איז מיר געוואָרן זייער נישט אָנגענעם זיין קוק אויף מיר, פּונקט ווי ער וואָלט מיר געהאַלטן פאַר דער שולדיקער, וואָס דר. הוירש וועט דאָ די נאַכט ניט זיין.

פּונקט זיבן אַזייגער האָב איך זיך געטראָפן מיט דר. הוירשן ביים אַרויסגאַנג פון שפּיטאָל. אין זיין גרויען אָנצוג האָט ער אויסגעקוקט אַ סך שענער און העכער ווי אין זיינע שפּיטאָל־קליידער.

— איר ווייסט, — האָט ער גענומען מיין האַנט, — איך האָב אַ „דעיט" מיט דער שענסטער מיידל פון שפּיטאָל !

כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז איך בין ניט די שענסטע, האָט עס מיר הנאָה געטאָן. איך האָב אַ גליקלעכע געשמייכלט :

— קומט, דאָקטאָר, מירן זיין שפּעט.

— יע, נוירס, — האָט ער גענומען מיין אָרעם, — קומט !

אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט מיר די ביינאַכטיקע נוירס דער־ציילט, אַז מר. קאַפּלאַן איז געשטאָרבן. אַז אַזוי שנעל ווי איך בין אַוועק, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן צו די שכנישע בעטן, אַז אָן דר. הוירשן וועט ער די נאַכט ניט איבערלעבן . . . ער האָט געזאָגט : — אַז דר. הוירש איז דאָ, ראַטעוועט ער מיך מיין לעבן . . . איך וועל עס ניט אַריבערטראָגן, — האָט ער זייער שטיל געזאָגט.

ער האָט דערנאָך גענומען זאָגן, אַז ער פילט שלעכט, זייער שלעכט, און, אַז אָן דר. הוירשן וועט ער שטאַרבן . . . — אַ ווילע שפּעטער האָב איך דערהערט פון זיין בעט אַ כאָרכלען, — האָט די נוירס דערציילט, — אַז איך בין צוגעלאָפן, איז ער שוין געלעגן שטיל.

יונג לעבן

איך האָב אַ בלייכע געפרעגט:

— ווייסט דר. הוירש וועגן דעם?

— יע. איך גלויב, אַז יע. דר. הוירש האָט נאָך מיט אַ נאַכט פריער געזאָגט, אַז ער שטאַרבט. איך גלויב, ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט די נאַכט שטאַרבן . . .

שטערן אויף די פענצטער

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַ האַרבסטיקע, די נאַקעטע בוימער אַרום דער אַפּאַרטמענט־הויז, האָבן אין דער פינצטער אויסגעקוקט ווי הילצערנע צלמים. דער טראָטואַר איז פול געווען מיט אַראָפּגעפאַלענע, געלע בלעטער. די הויז אַליין — אַ פאַרשוואַרצטע, אַ מרה־שחורהדיקע, אַנגעפּיקעוועט מיט אַ סך פענצטער. דורך די פאַרצויגענע גאַרדינען האָט אַ מאַטע ליכטיקייט דורכגעשיינט צו דער פינצטערער גאַס אַרויס.

כמעט אויף יעדן פענצטער איז געווען אָנגעקלעפּט אַ ווייסער צעטל מיט „שטערן", אַן אָנזאָג צו דער גאַס, אַז פון אָט־דער וואוינונג זיינען אַוועק, איינער אָדער צוויי זין אין דער אַרמיי.

די פענצטער פון דעם אונטערשטן שטאָק זיינען געווען פאַרקלעפּט מיט אַלערליי פּאַפּירלעך. עפּעס ווי אַן אויסשטעלונג פון אַ געשעפט. דאָס האָט מר. סיימאָן געוואָלט זיך אויסקויפן מיט די אַלע צעטעלעך, וואָס ער קאָן נישט אַרויסשטעלן אַ „שטערן", ווייל ער האָט בלויז טעכטער.

— אַ פולע הויז מיט טעכטער. — באַקלאָגט ער זיך פאַר זיינע קונדן, וועלכע קומען אַריין אַמאָל אין זיין שניידער־קרעמל. — פאַר די אַלע יאָרן וואָס איך בין אין אַמעריקע, האָב איך ניט געקאָנט אויסהאָדעווען קיין איין זון! . . .

זיין פרוי, די קליינטשינקע מרס. סיימאָן, אַן אויסגעהאָרעוועטע, אַ קרענקלעכע, מיט פאַרטרויערטע אויגן, זאָגט קיינעם נישט אויס, אַז ביי זיך אין האַרצן איז זי צופרידן, וואָס זי פאַרשפּאָרט זיך דעם ווייטיק אַוועקצושיקן אַ זון פון דער היים. זי האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט דאָ אין דער אַפּאַרטמענט־הויז מיט שטילע געוויינען פון מאַמעס. זי ווייסט, אַז די טאַטעס גייען אַוועק צו דער אַרבעט. ביינאַכט פאַרטומלען זיי זיך מיט אַ צייטונג, מיט דער ראַדיאָ. אָבער די מאַמעס בלייבן אין הויז; גייען זיי אַרום איבער די ליידיק־געוואָרענע צימערן און קלאָגן פאַרבאַ־האַלטענערהייט נאָך זייערע אַוועקגעגאַנגענע זין.

אָט איז די מרס. סילווערמאַן, וועלכע וואוינט איבערן וואָנט, שטאַרק קראַנק געוואָרן; זיך אַריינגעלייגט אין בעט אויף מאָרגן ווי איר זון איז אַוועק, און נישט געוואָלט אַפילו צום טיש צוגיין. פאַר דער גאַנצער הויז האָט מען דערציילט, אַז די מרס. סילווערמאַן האָט זיך פאַרקילט.

אָבער זי, מרס. סיימאָן, האָט געוואוסט, אַז די מרס. סילווערמאַן האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט פון האַרצווייטיק; — אויסגעהאַלטן אַ זון אין קאַלעדזש . . . זיך געמוטשעט אין דער גראָסערי־סטאָרקע, געהאָפּט דער זון וועט ווערן אַ דאָקטאָר, איז ער גאָר אַוועק און זיך פריווויליק פאַרשריבן... האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר איר, ווען זי, מרס. סיימאָן, איז אַריין איר עפּעס אָפּקאָכן. אָבער ווען עס איז געקומען אַ בריוו מיט אַ בילד פון איר זון, איז זי פלוצלונג געזונט געוואָרן. אַרויסגעקראָכן פון בעט, זיך אָנגעטאָן אַ שבתדיק קליידל און זיך אַרויסגעלאָזן איבערן הויז, פון טיר־צו־טיר וויזן שכנים איר זונס בילד.

מרס. סיימאָן האָט זיך אויסגעקנאַקט די פינגער. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פיליס, די ייִנגסטע טאָכטער, די מוזינקעלע, איז נאָך נישט אַריינגעקומען.

— כ'וויל זיך אַביסל דורכגיין — האָט זי געזאָגט מיט אַ שעה צוריק. אַ שיינער דורכגיין! וועט מסתמא צוריקקומען נאָך האַלבע נאַכט . . . האָט מרס. סיימאָן געוואָלט ווערן אין כּעס אויף איר 17־יאָריקער טאָכטער. אָבער אַנשטאָט דעם, האָט גאָר אַ כּעס אַ שפּאַר געטאָן אויף איר מאַן, אויף אירע עלטערע דריי טעכטער. זי קאָן נישט אַריבערטראָגן, וואָס זיבעט זיי האָבן גענומען אַרבעטן אין אַ „דעפענס־פעקטאָרי" טוען זיי קיין קליידל נישט אָן.

— גייען אַרום נאָר אין הויזן . . . מיט פאַרצויגענע בלוזקעלעך, פאַרפּוצט מיט קנעפּעלעך און בילדלעך און שפּאַנען אַרום מיט אַזוינע גרויסע, מאַנסבילשע שפּאַנען, ווי זיי וואָלטן מיט דעם געוואָלט וויזן, אַז זיי טוען וויכטיקע מענערשע אַרבעט. איבערהויפּט קאָן מרס. סיימאָן נישט אַריבערטראָגן, וואָס איר מאַן קוועלט גאָר אָן פון זיי. ער האָט אַפילו אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן, וואָס ער האָט נישט קיין זון.

— פרייט זיך מיט די הויזן, וואָס זיי טראָגן — ברענט אין איר אַ כּעס אויף איר מאַן. אַ גליק נאָך, וואָס פיליס גייט נאָך אין האַי־סקול. האָט זי זיך ווידער דערמאָנט, אַז פיליס איז נאָך נישט צוריקגעקומען. געפּרואווט אַרויסקוקן דורכן פענצטער. נאָר צוליב דעם פּאַס ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון פענצטער, האָט זי גאָרניט געקאָנט זען. — מסתמא אַוועק מיט מיידלעך — האָט זי צוריק פאַרצויגן דעם פענצטער. די ייִנגלעך זיינען אין דער אַרמיי, שפּאַצירט מען אַרום מיט מיידלעך . . . איז זי אַ רואיקע אַוועק פון פענצטער און נישט געוואוסט, אַז איר פיליס שטייט דאָרט לעבן הויז און וואַרט אויף הערין.

פּעסי באַך

אַ ווינטל האָט געדרייט די בלעטער ביי אירע פיס, געהויבן איר קורץ קליידל און געשויבערט אירע האָר. פיליס האָט עס אפילו נישט געפילט. זי האָט אַן אָנגעשטרענגטע אַרויפגעקוקט צום דריטן שטאָק, צו די צוויי באַלויכטענע פענצטער, געקוקט אויף די שאָטנס, וואָס האָבן זיך באַוועגט הינטער די גאַרדינען און געוואָלט דערקאָנען הערין. זי וואָלט אים דערקאָנט, ווייל ער איז העכער פון זיין גאַנצער משפחה. זי וואָלט אים דערקאָנט לויט זיינע סאָלדאַטישע קליידער.

זי האָט הערין געזען פאַרנאַכט בלויז אויף עטלעכע מינוט, ווען ער איז אָנגעקומען מיט זיין טשעמאָדאַנטשיק אין האַנט. זי האָט אים די ערשטע דערזען דורכן פענצטער און אַרויסגעלאָפן אים אַנטקעגן. ער איז אַ פאַרוואונדערטער געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זי נישט דערקאָנט און דערנאָך מיט פרייד אַ כאַפּ געטאָן אירע ביידע הענט. אין דער איין מי־נוט וואָס זי האָט אים אָנגעקוקט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז העריס פּנים קוקט אויס אַנדערש. דאַכט זיך דער זעלבער הערי. דער זעלבער שמייכל, און דאָך האָט אַראָפּגעקוקט צו איר אַ פרעמד בחורשער פּנים. דאַכט זיך די זעלבע גרויע אויגן וועלכע פלעגן זי באַגעגענען אין די פרימאָרגנס ווען זיי פלעגן צוזאַמען גיין אין סקול, און דאָך האָט זי גע־האַט דעם געפיל, אַז די אויגן זיינען פרעמדע, דערוויטערטע, קוקן און זעען עפּעס, וואָס קיינער זעט נישט. ס'האָט איר אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן פון אַזאַ דערווייטערטקייט.

זי האָט זיך געטרייסט מיט וואָס פאַר אַ פרייד ער האָט זי אַרומגע־כאַפּט; ווי נאָענט און וואַרעם זיינע הענט האָבן צוגעדעקט אירע הענט־לעך. זי ווייסט, אַז ער האָט געוואָלט זי קושן, נאָר מסתמא זיך געשעמט. דערנאָך האָט ער דערהערט זיין מאַמעס לויפן פון די טרעפּ. דערקאָנט אירע טריט, איר שווער אָטעמען און גענומען לויפן איר אַנטקעגן. דאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן אויף גיך:

— וואַרט אויף מיר. כ'וועל גלייך נאָכן עסן זיך אַרויסכאַפּן.

ווען האָט זי אים פריער געהערט דאָס זאָגן? פיליס האָט אַ שמייכל געטאָן: די נאַכט איידער ער איז אַוועקגעפאָרן. דאַן איז געווען וואַ־רעם. די בוימער זיינען נאָך געשטאַנען נאַקעטע, אָבער קליינע, גרינע קנאָספּן האָבן זיך באַוויזן אויף די לאַנגע צווייגן. אין גאַס איז געווען ליכטיק פון די אַלע באַלויכטנדיקע פענצטער. קינדער האָבן געטומלט, זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס און געשטערט פיליסן. ערשט ווען אין אַלע פענצטער איז געוואָרן פינצטער, די גאַס שטיל, איז הערי אַראָפּ צו

יונג לעבן

איר. זיי האָבן זיך געזעצט אויף די טרעפּלעך פון הויז.

— מיין מאַמע האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן, — האָט ער שווער אָפּגע־זיפצט. זי וועט מסתמא מאָרגן אַ גאַנצן טאָג וויינען . . . אַז פּיליס האָט געשוויגן, האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, פּיליס, מיר קאָנען זיך שוין זייער לאַנג. דו ביסט נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, ווען מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער הויז. געדענקסט, ווי מיר פּלעגן זיך קריגן? ווי דו האָסט מיך צעדראַ־פּעט מיין פּנים און דערנאָך געוויינט, מיך געפרעגט צי ס'טוט מיך ווי?

פּיליס האָט דאַן גענומען זיך בעטן ביי אים:

— הער אויף, הערי, ס'ווערט מיר אומעטיק.

האָט הערי נאָך שטילער גענומען רעדן:

— און אַז דו פּלעגסט קראַנק ווערן, נישט קאָנען אַרויס אין גאַס, פּלעגט עס זיין זייער אומעטיק. איך פּלעג זיך אַרומדרייען ביי דיין טיר און זיך נאָכפרעגן ביי דיין מאַמען, ווען דו ווערסט שוין געזונט . . .

פּיליס האָט געפילט, אַז ס'ווערט איר ענג אַרום האַלדז. זי האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט נעמען וויינען. האָט זי אַ לאַך געטאָן:

—און אַז איך פּלעג געזונט ווערן, פּלעגסטו זיך רייצן מיט מיר. געדענקסט ווי מיר האָבן געזאָלט צוזאַמען גיין צום סקול־טאַנץ און דו ביסט גאָר אין כעס געוואָרן און אַוועק מיט אַן אַנדער מיידל?

הערי האָט אַ פאַרוואונדערטער געזאָגט:

— טאַקע. געגאַנגען גאָר מיט שוירלין, דערפאַר וואָס דו ביסט אַהיימגעקומען פון סקול מיט אַן אַנדער ייִנגל. ער האָט געטראָגן דיינע ביכער. בין איך אין כעס געוואָרן. ווי אַלט בין איך דאַן געווען? אַ, ערשט 14 צי 15 יאָר. מיר זיינען דאָך נאָך געווען קינדער. איצט וועלן מיר זיך נישט קריגן . . .

דאָס האָט ער געזאָגט די נאַכט איידער ער איז אַוועקגעפאָרן אין קעמפּ. דאַן איז ער שוין אַלט געווען 18 יאָר. איצט איז ער שוין כמעט 19 יאָר און קוקט אויס עלטער — האָט פּיליס געטראַכט וועגן זיין פאַר־ברוינט פּנים און די אויגן זיינען עפּעס טיפער געוואָרן, ווי ער וואָלט באַהאַלטן אין זיי אַ סוד.

פּיליס האָט געהאַלטן אין איין קוקן צו די ליכטיקע פענצטער. פאַר־וואָס קומט ער שוין נישט אַראָפּ? זי האָט געזען מענטשן אַרויסגיין. זי קאָן זיי, הערים מומעס און פעטערס, דאָס זיינען זיי אַלע געקומען צולויפן אים אָנקוקן. דערנאָך האָט עמיצנס אַ האַנט פאַרצויגן די פענצטער און

פּעסי באַך

ס׳איז פלוצלונג געוואָרן אויף אַ שטיקל גאַס פינצטערער. פּיליסן איז געוואָרן אומעטיק עפּעס ווי מיטן פאַרציען דעם פענצטער, וואָלט מען פאַרמאַכט אַ טיר פאַר איר. אפשר וועט הערי גאָר אינגאַנצן נישט אַרויס־קומען? אפשר האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז ער האָט זי געבעטן וואַרטן אויף אים? ער וועט זיך לייגן שלאָפן, און זי וועט דאָ שטיין און פרירן — האָט פּיליס גענומען ווערן אין כעס. — „וואַרט אויף מיר״ — מסתמא האָט ער פאַרגעסן, אַז ס׳איז איצט ניט זומער, אַז זי האָט אַפילו נישט אָנ־געטאָן קיין סוועדער. זיין מאַמע וועט אים נישט אָפּלאָזן. איז זי שוין געווען זיכער, אַז ער וועט נישט קומען. זי האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי הערי איז צוגעקומען. זי האָט פלוצלונג דערזען זיין שאָטן אין דעם פאַס ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון פענצטער.

— וועגן וועמען האָסטו איצט געטראַכט? וועגן מיר? — איז ער געבליבן שטיין לעבן איר אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער, אָן אַ היטל, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן.

פּיליס האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. ער איז געשטאַנען אַזוי נאָענט צו איר, אַז זי האָט אַ הויב געטאָן איר האַנט אַוועקצושאַרן די האָר פון די אויגן, האָט זי אָנגערירט זיין פּנים. זי האָט גענומען לאַכן.

— ד י ך האָב איך נישט געזען צוקומען. כ׳האָב בלויז דיין שאָטן דערזען. דו האָסט אויסגעקוקט פונקט ווי דער שאָטן פון „דעדי לאָנג לעגס״. געדענקסט דעם בוך? מיר האָבן עס צוזאַמען געלייענט.

הערי האָט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי ערשט איצט דערזען, געקוקט מיט אַ וואונדער.

— פּיליס, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — ביסט געוואָרן העכער. אַ סך העכער און האָסט אָפּגעשאָרן קירצער דיינע האָר. — האָט ער מיטן האַנט דורכגעקעמט אירע קורצע לאָקן. — עס פּאַסט דיר די קורצע האָר. קוקסט אויס שיין, פּיליס, אַ סך שענער ווי ווען כ׳בין אַוועקגעפאָרן!

— און אַבי איך האָב געמיינט, אַז ער וועט נישט קומען, — האָט פּי־ליס מיט פרייד אַ טראַכט געטאָן. ער האָט באַמערקט אַפילו מיינע האָר. האָט זי זיך אַזש אַ דריי געטאָן, אַ פאָכע געטאָן מיט איר קורץ, ברייט קליידל.

— איך בין מיט 8 חדשים עלטער, הערי. דו האָסט מיר שוין 8 חדשים נישט געזען. מיין מאַמע זאָגט אויך, אַז איך האָב פלוצלונג אַ וואַקס געטאָן.

— יע, — האָט הערי זיך געוואונדערט. — ביסט אויסגעוואַקסן אַן

יונג לעבן

מיר, העכער, שענער און עפּעס אַנדערש אויך.

פּיליס האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס זי האָט מיט אַ ווײַלע פריער געטראַכט וועגן אים. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן האַנט.

— הערי, דו ביסט אויך געוואָרן אַנדערש. איבערהויפּט דײַנע אויגן. זיי האָבן עפּעס אַ פרעמדן גלאַנץ. ווען איך האָב דיך דערזען אין קאָרידאָר, האָב איך זיך דערשראָקן, אַז דו קוקסט אויס ווי אַ פרעמדער. וואָס האָסטו געטאָן די 8 חדשים אין קעמפּ, הערי?

הערי האָט אויף איר אַ קוק געטאָן. זי איז שוין נישט דאָס קליין מיידעלע. זי איז גאָר נישט קיין נאַר, האָט ער זיך דערפרייט. אָט האָט ער אַ גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט מיט זײַן טאַטע־מאַמע, מיט זײַן גאַנצער משפּחה און קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז ער איז שוין נישט דער זעלבער הערי, וועלכער איז מיט 8 חדשים צוריק אַוועקגעפאָרן פון דער היים, — זיי האָבן מיך באַהאַנדלט, ווי איך וואָלט צוריקגעקומען פון אַ קאָלעדזש. — האָט ער מיט פאַרדרוס געטראַכט וועגן זייניקע, ווי מ'האָט אים דאָרט אינדערהויך געקלאָפּט אין פּלייצע און זיך נאָכגעפרעגט אויף זײַן געזונט.

פּיליס האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דאַרפסט מיר נישט ענטפערן, אויב דו ווילסט נישט, הערי. איך האָב בלויז געוואָלט פאַרשטיין, ווי אַזוי דו האָסט זיך אַזוי געביטן, ווי דו אַליין פילסט וועגן דעם. דאָס אַלעס. — און פּיליס איז אים געוואָרן נע־ענטער, ווי זײַן אייגן טאַטע־מאַמע:

— לאָמיר זיך זעצן אויף די טרעפּלעך און רעדן, פּיליס, — האָט ער געזאָגט אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט איר פאַרטרויט דעם גרעסטן סוד.

פּיליס האָט זיך צוגערוקט צו אים זייער נאָענט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט עפּעס פאַרהערן. הערי האָט אַ זאָג געטאָן אַ סך העכער ווי זי האָט דערוואַרטעט. זײַן שטימע האָט געקלונגען פאַרשטיקט:

— דו ווייסט, פּיליס, איך האָב זייער געבענקט נאָך דיר . . . אַלע סאָלדאַטן אין קעמפּ בענקען נאָך זייערע מיידלעך . . . אַלע סאָלדאַטן בענקען נאָך זייערע טאַטע־מאַמע אויך, נאָך דער אייגענער בעט, נאָך די פרישע וועש, וואָס אַ מאַמע פלעגט אָנגרייטן, און נאָכן היימישן מאכל, וואָס די מאַמע פלעגט קאָכן. אָבער אַנדערש איז, ווען מ'בענקט נאָך אַ מיידל . . . — ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי נאָכגעטראַכט וועגן עפּעס. — איך ווייס, אַז ווען איך וועל שוין זײַן דאָרט, אויפן פראָנט, זיך באַ־

טייליקן אין אַ שלאַכט, וועל איך אפשר נישט האָבן קיין צייט צו טראַכטן וועגן דיר . . . אָט האָבן מיר געהאַט מאַנעוורעס, זיך געוואַלגערט אין גריבער, אין שמוץ, נישט געשלאָפן, נישט געגעסן, אָבער פונדעסטוועגן, כל־זמן איך האָב געוואוסט, אַז דאָס זיינען בלויז מאַנעוורעס, איז מיר נאָך געלעגן אין זינען צו טראַכטן וועגן דיר. ס'האָט זיך מיר געבענקט נאָך דער היים, נאָך אָט־דער גאַס, צו קאָנען אָט־אַזוי זיצן מיט דיר . . .

זיין פּנים איז געוואָרן זייער פאַרטראַכט. די שטימע שטילער. פּיליס האָט קוים געקאָנט דערהערן.

— דו ווייסט, איך בין איינמאָל געווען אויף נאַכט־פּאַטרול. אַרום איז געווען זייער שטיל, דער הימל לויטער — אַזאַ אויסגעשטערנטער הימל. ס'האָט זיך געפילט אַ פרידלעבקייט אַרום. די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע, האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דיר, ווי מיר פלעגן גיין אַלע אינדערפרי אין סקול, ווי איך פלעג וואַרטן אויף דיר ביים סקול־טויער, אַהיים צו גיין. כ'האָב געטראַכט, וואו קאָנען איצט זיין אַלע מיינע חברים מיט וועלכע מיר זיינען צוזאַמען אין סקול געגאַנגען, צו „באַל־געימס". וואָס טוען זיי איצט? אפשר זיינען זיי איצט אויך אויף פּאַט־רול, קוקן אויך אַזוי אַרויף צום הימל, ווי איך?

— פּיליס, — האָט ער אַ נעם געטאָן איר האַנט, — איך בין אַ גוטער סאָלדאַט. איך ווייס פאַרוואָס איך דאַרף זיך שלאָגן. אָבער יענע נאַכט, פּיליס, האָב איך געשאָלטן דער מלחמה . . . געשאָלטן אַלעמען . . . פאַרוואָס, מיינסטו? איך האָב מורא געהאַט? ניין. איך האָב געבענקט. כ'האָב נישט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזאַ בענקשאַפט . . .

פּיליס האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן, דעם אָטעם אָפּציען. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז הערי וועט אויפהערן צו רעדן. זי האָט גע־קוקט אויף אים מיט פאַרצויגענע אויגן, געטראַכט וועגן די מאַנעוורעס, וועלכע האָבן אים געגעבן דעם טעם פון מלחמה און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איר נישט אַלץ דערציילט. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַ סך עלטער פון אים, דאַרף זי אים זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים מאַכן פילן בעסער, ער זאָל צוריק נעמען שמייכלען ווי אַמאָל, ווען זיי פלעגן זיין צוזאַמען. זי האָט אָבער נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס זי קאָן אים זאָגן. האָט זי פּלוצלונג, אומדערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט דעם אַלץ פאַרענטפערן, אַ זאָג געטאָן:

— הערי, דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב, זייער שטאַרק ליב. אי־אָ, דו ווייסט עס?

יונג לעבן

הערי האָט זיך גאָרנישט געוואונדערט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, פונקט ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואוסט וועגן דעם. ער האָט געענט־פערט:

— אַ סך סאָלדאַטן האָבן חתונה לעצטנס . . . דו וואָלסט געקאָנט צוריק פאָרן מיט מיר, וואוינען ניט ווייט פון קעמפּ.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן:

— איך האָב אַלע מאָל געוואוסט, אַז מירן חתונה האָבן. כ'האָב בלויז געטראַכט, אַז כ'וועל פריער ענדיקן קאָלעדזש . . . אָבער צו וואָס זאָלן מיר איצט וואַרטן? מסתמא וועט מען מיך אינגיכן אַוועקשיקן, טאַ לאָ־מיר אויף גיך חתונה האָבן. — ער האָט אַוועקגעקוקט, ווען ער האָט צו־צוגעגעבן: — כ'וועל זיך שלאָגן בעסער, ווייל כ'וועל וועלן שנעלער אַהיימקומען. כ'וועל מאָרגן דערציילן מיין מאַמען, און מירן אויף גיך חתונה האָבן.

פיליס האָט גענומען לאַכן. האָט זי דען נישט געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיין? האָט זי דען די גאַנצע 8 חדשים נישט געטראַכט, אַז הערי איז איר חתן? אַז זאָל ער נאָר צוריקקומען, וועט ער איר דאָס אַליין זאָגן?

מרס. סיימאָן האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט איר פיליסן לאַכן, האָט זי געעפנט אַ פענצטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, און געוואָלט שוין אַ געשריי טאָן:

— פיליס! אָ, פיליס!

אַז זי האָט דערזען ווי פיליס האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום הערים האַלדז, האָט זי צוערשט גאָרנישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז פיליס, אָבער אַז זי האָט דערקענט הערין, האָט זי אָנשטאָט צו ווערן אין כעס, מיט בייזער פרייד אַ טראַכט געטאָן:

— אַהאַ, אַבי הערים מאַמע באַרימט זיך פאַר אַלעמען, אַז איר הערי איז צו קלוג זיך צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט מיידלעך. זי וואָלט געדאַרפט איצט זען, ווי איר הערי קושט זיך מיט אַ מיידל.

פלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט, אַז דאָס קושט ער זיך מיט א י ר פיליסן. זי האָט פאַרגעסן דעם פענצטער צו פאַרמאַכן. זי האָט זיך גע־געבן אַ זעץ אַראָפּ און פאַרבראָכן מיט די הענט:

— ווי איז מיר, פיליס איז דאָך נאָך אַ קינד. ערשט געוואָרן 17 יאָר. זי האָט דאָך דריי עלטערע שוועסטער! זי האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז זי קאָן הערין זינט ער איז אַרומגעלאָפן אין קורצע הייזלעך, אַז ער איז אַ טייער קינד, אַז ער פלעגט יעדן טאָג אַריינקומען צו זיי. ער

יונג לעבן

וועט חלילה איר קיין שלעכטס נישט טאָן.

זי האָט פאַוואָליע פאַרמאַכט דעם פענצטער, אַ קוק געטאָן צום צי־מער, וואו איר מאַן איז געשלאָפן. אויב ס׳וועט האַלטן ביי עפּעס — האָט זי אַ מוטערלעכן שמייכל געטאָן — קאָן מען פאַר אַן אײדעם אויך אַרויסשטעלן אַ „שטערן".